STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10026

AVROM OVINU'S LEBN UN SHAFUNG

Aharon Rozmarin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם אבינו'ס לעבן און שאַפונג

לויט תלמוד, מדרש, זהר, ראשונים און אחרונים

ביכער פון הרב דר. אהרן ראַזמאַרין

אברהם אבינו'ס לעבן און שאַפונג
לויט תלמוד, מדרש און זהר [אין אידיש]

אהרן ראַזמאַרין'ס תנ"ך־ענציקלאָפעדיע, פערזענלעכקייטן פראַגעס און ענטפערס
לויט תלמוד, מדרש, זהר, ראשונים און אחרונים [אין אידיש]

געדאַנק און חכמה
געדאַנקען אויף אַלע סדרות [אין אידיש]

לכבוד שבת
דרשות אויף אַלע סדרות [אין אידיש]

משה רבינו אין דעם ליכט פון אגדה
[אַ פולשטענדיגע ביאָגראַפיע, אין אידיש]

דער תנ"ך דערציילט
[אין אידיש]

אַן ענטפער
צו דער פּאָלעמיק אַרום דעם אידישען טעאָלאָגישען סעמינאַר [אין אידיש]

די שעהנקייט פון אידענטום
[אין אידיש]

GOLDEN RULES
אינהאַלט דער זעלבער ווי אין „די שעהנקייט פון אידענטום" [אין ענגליש]

DO YOU KNOW THIS ONE?
פראַגעס און ענטפערס פאַר אַלט און יונג [אין ענגליש]

MOSES IM LICHTE DER AGADA
אַ פולשטענדיגע ביאָגראַפיע פון משה רבינו לויט תלמוד און מדרש [אין דייטש]

אברהם אבינו'ס לעבן און שאפונג

לויט תלמוד, מדרש און זוהר

פון

הרב דר. אהרן ראָזמאַרין

אום פּאָבלישינג קאָ.
ניו יאָרק, נ. י.
תשכ"ד

Copyright, 1964, *by*
OM PUBLISHING COMPANY
and
AARON ROSMARIN

All rights are reserved — No part of this book may be reproduced in any form whatsoever without permission in writing from the publishers.

איבערדרוקן אָדער איבערזעצן דאָס בוך אינגאַנצן אָדער אַ טייל
אָהן דער שריפטלעכער דערלויבעניש פון די אַרויסגעבער איז פאַרבאָטן.

OM PUBLISHING COMPANY
22 Ludlow Street
New York 2, N. Y.

Printed in the United States of America by
BALSHON PRINTING AND OFFSET CO.

תשורה לידידי
ידיד נפשי
כרע כאח לי
אברהם אוהבי
אבן זהבי
(גאָלדשטיין)

אינהאַלט

עטלעכע ווערטער וועגן דעם פאַרפאַסער 1
די וויכטיקייט פון שבת 9
דער שבת בריוו 16
אגרת השבת 17
פאַר אברהם׳ס געבורט — נמרוד 19
אברהם׳ס געבורט 24
אברהם׳ס קינדהייט 26
אברהם און זיין מוטער אמתלאי 29
נמרוד׳ס מורא פאַר אברהם׳ן 31
אברהם פראָקלאַמירט אחדות הבורא, דעם גלויבן אינעם איינציקן אויבערשטן 32
נמרוד אַנערקענט דעם אויבערשטנס איינציקייט 34
אברהם באַקערט געצנדינער צום אויבערשטן 35
אברהם און זיין פאָטערס אָפּגעטער 37
אברהם פאַרניכטעט זיין פאָטערס אָפּגעטער 38
אברהם ביים קעניג נמרוד 40
אברהם אין טורמע 42
אברהם אינעם קאַלך־אויוון 45
אברהם האָט חתונה מיט שרה׳ן 51
נמרוד׳ס חלום 51
אליעזר ראַטעוועט אברהם׳ן פון טויט 53
אברהם אין חרן 54
אברהם אין כנען 57
אברהם מיטן וואַנדער־שטעקן אין האַנט 59
אברהם און דער הונגער 62
רקיון, דער ערשטער פרעה אין מצרים 64
אברהם׳ס צוג קיין מצרים 66
אברהם אין מצרים 68
שרה אין פרעה׳ס פּאַלאַץ 70
אברהם און שרה פאַרלאָזן מצרים 73
אברהם און לוט 74
דער אויבערשטער זאָגט צו אברהם׳ן ארץ ישראל 77
לוט אין געפאַנגענשאַפט 79
אברהם באַזיגט די מלכים — באַפרייט לוט׳ן 81
אברהם און שם, נח׳ס זון 86
אברהם און ברע, קעניג פון סדום 88
אברהם׳ס מורא 89
דער אויבערשטער זאָגט צו אברהם׳ן אַ זון 92
דער בונד צווישן די שטיקער (בין הבתרים) 95
שרה גיט אברהם׳ן איר דינסט הגר 99
הגר און דער מלאך 101
אברהם און מצות מילה 103
די נעמען אברם און שרי ווערן געביטן 104
אברהם׳ס ברית 107
די שכינה ביי אברהם׳ן 109
אברהם און די דריי מלאכים 110
די בשורה וועגן יצחק׳ס געבורט 114
די זינד פון סדום און עמורה 116
אברהם אַפּעלירט פאַר סדום 123
די מלאכים ביי לוט׳ן 128
די מלאכים ראַטעווען לוט׳ן מיט זיין פאַמיליע 131
די פאַרניכטונג פון סדום און די אַנדערע שטעט 132
אבימלך נעמט אַוועק שרה׳ן פון אברהם׳ן 134
אברהם בעט פאַר אבימלך׳ן 138
יצחק׳ס געבורט 139
יצחק׳ס ברית 141
אברהם שיקט אַוועק הגר׳ן מיט ישמעאל׳ן 142
הגר אין דער מדבר 143
אברהם באַזוכט ישמעאל׳ן 145
אברהם׳ס צווייטער באַזוך ביי ישמעאל׳ן 146
דער אברהם און אבימלך בונד 148
דער שטן קלאָגט אָן אברהם׳ן 150
דער צענטער נסיון 151
אויפן וועג צו דער עקידה 154
די עקידה 158
שרה׳ס פטירה 165
אברהם קויפט די מערת המכפלה 167
אברהם בעט אַלטקייט 170
די צען נסיונות 171
אליעזר ברענגט רבקה׳ן 172
יצחק און רבקה 177
אברהם האָט חתונה מיט קטורה׳ן 178
אברהם׳ס צוואה 179
אברהם׳ס פטירה 180

אברהם אבינו'ס לעבן און שאַפונג

•

געבויט אויף פאָלגענדיקע קוועלן

תלמוד ירושלמי, שרידי הירושלמי, תלמוד בבלי, מגילת תענית, מסכתות זעירות, שבע מסכתות קטנות, פרקי רבי אליעזר, פרק האחרון מפרקי רבי אליעזר, שבעה פרקי רבי אליעזר (נספחים לסדר אליהו זוטא), משנת רבי אליעזר, תוספתא, סדר עולם רבה, מכילתא דרבי ישמעאל, מכילתא דרבי שמעון בן יוחאי, ספרא, ספרי, ספרי זוטא על ספר במדבר, מדרש רבה על התורה וחמש מגילות, מדרש תנחומא הקדום והישן, מדרש תנחומא, פרשיות ממדרש תנחומא, מדרש אגדה על התורה, ספר הישר על התורה, מדרש לקח טוב (פסיקתא זוטרתא) על התורה, מדרש הגדול על התורה, אגדת בראשית, מדרש שכל טוב על בראשית ושמות, ספר והזהיר לשמות ויקרא, מדרש תנאים על ספר דברים, ליקוטי בתר ליקוטי ממכילתא לספר דברים, אגדת התנאים, קובץ מעשי התנאים, מדרש ילמדנו על בראשית במדבר דברים, לקוטים ממדרש ילמדנו, קונדריס אחרון ממדרש ילמדנו, מדרש שמואל, ילקוט המכירי על ישעיהו, מדרש תהלים (שוחר טוב), מדרש שוחר טוב למזמורי תהלים, לקוטים ממדרש שוחר טוב, ילקוט המכירי על תהלים, מדרש משלי, ילקוט המכירי על משלי, מדרש שיר השירים בזהר חדש, מדרש שיר השירים במדרש זוטא, אגדת שיר השירים, מדרש רות בזהר חדש, מדרש קהלת זוטא, מדרש מגילת אסתר, אגדת אסתר, זהר על התורה, זהר חדש, פסיקתא רבתי, פסיקתא דרב כהנא, שלש פסיקתות, תנא דבי אליהו רבה, תנא דבי אליהו זוטא (סדר אליהו רבה וסדר אליהו זוטא), נספחים לסדר אליהו זוטא, לקוטים ממדרש אבכיר, ספרי דאגדתא, אלפא ביתא דבן סירא, אלפא ביתא דרבי עקיבא, מדרש אותיות דרבי עקיבא, ילקוט שמעוני על תנ"כ, ילקוט ראובני על התורה, ספר הלקוטים, בית המדרש, בתי מדרשות, אגדת אגדות, אוצר מדרשים, גנזי שעכטער, תרגומים אונקלוס יונתן בן עוזיאל ירושלמי על התורה, תרגום על מגילות אסתר שיר השירים רות איכה קהלת, תרגום שני על מגילת אסתר, נוסח השומרוני, פשיטא לבראשית שמות, על התרגום הירושלמי לתורה, משנה תורה להרמב"ם השגות הראב"ד, ספר חסידים, מנורת המאור, שלשלת הקבלה, סדר הדורות.

רש"י, דעת זקנים מבעלי התוספות, אבן עזרא, רשב"ם, רמב"ן, רלב"ג, בעל הטורים, ספורנו, אור החיים, כלי יקר, רד"ק, ביאור הגר"א, מלבי"ם, שפתי חכמים, מצודת דוד, מצודת ציון, תורה תמימה.

אברבנאל, אדרת אליהו, אהבת דוד, אהל יעקב, אלשיך (תורת משה), ארץ החיים על תהלים, ארץ ישראל פירוש על ארץ החיים, באר מים חיים, דגל מחנה אפרים, דרשות שם טוב, הדרש והעיון, הכתב והקבלה, חזקוני, חידושי הרי"ם, חפץ חיים, חצי מנשה, חתם סופר (תורת משה), ייטב לב, ילקוט אליעזר, יערות דבש, ישמח משה, כפלים לתשובה, כתב סופר, לקוטי תורה, מאור ושמש, מגד ירוחם, מגלה עמוקות, מגן אברהם על התורה, מדרשי התורה, מהרש"א, מטה אהרן, מנחה בלולה, מרגניתא דרב, משך חכמה, עבודת ישראל, עוללות אפרים, עמודי שש, עתים לבינה, פנים יפות, פרדס יוסף, פרח לבנון, פרשת דרכים, קהלת יצחק, רבינו בחיי, ריקאנטי, שיח שרפי קודש, שמחת ישראל, שפת אמת, שפתי צדיק, תורת שמעון, תפארת שלמה.

תוספות, פירוש המשניות להרמב"ם, רבינו יונה על מסכת אבות, נצוצי אורות על הזהר, ביאור הרד"ל על פרקי רבי אליעזר.

רש"י (?), מתנות כהונה, ידי משה, יפה תואר, יפה קול, חידושי הרד"ל, מהרז"ו, יפה ענף, חידושי הרש"ש, עץ יוסף, ענף יוסף, זית רענן.

מחזור ויטרי, אבודרהם, סידור בית יעקב יריעות שלמה, סדור אוצר התפילות.

וזכר כולם לברכה

קוצותיו תלתלים (שיר השירים ה, יא) ... מלמד שיש לדרוש על כל קוץ וקוץ תילי תילים של הלכות. (עירובין כא, ב)

אל יהי המשל הזה קל בעיניך שעל ידי המשל הזה אדם יכול לעמוד בדברי תורה.
(שיר השירים רבה, פרשה א)

דרוש וקבל שכר (סנהדרין עא, א)

לשעבר כשהיתה הפרוטה מצויה, היתה נפש האדם מתאוה לשמוע דבר הלכה, ועכשיו שאין הפרוטה מצויה, נפש האדם מתאוה לשמוע דבר אגדה. (סופרים פרק טז)

רצונך שתכיר מי שאמר והיה העולם, למוד הגדה שמתוך כך אתה מכיר את הקדוש ברוך הוא ומדבק בדרכיו.
(ספרי עקב, פיסקא מט)

עטלעכע ווערטער וועגן דעם פּראָפעסאָר *)

אין דער וועלט פון חכמת ישראל, פון אידישער וויסנשאַפט, פונקט ווי אין אַנדערע וויסנשאַפטן, זיינען פאַראַן, אַזוי צו זאָגן, געוויסע ספּעציאַליסטן. אַ געלערנטער ווידמעט זיך אַ געוויסן געביט, און אויסער זיין „פעלד" אינטערעסירט אים כמעט גאָרניט. ער לעבט אין יענעם יאָרהונדערט מיט וועלכן זיין ספּעציעל געביט באַשעפטיקט זיך. און אַפילו אַקטועלע, אַלטעגלעכע פּראָבלעמען, אָדער גאָר מאָדערנע ליטעראַטור, אינטערעסירן אים ניט.

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ געוויסן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אַסיריש-באַבילאָנישער ליטעראַטור, צי ער לייענט אויך מאָדערנע ליטעראַטור, האָט ער געענטפערט: „געוויס, אָט האָב איך נאָר וואָס איבערגעלייענט יוזעפוס'עס געשיכטע פון די אידן".

פאַרשטייט זיך, אַז אין פאַרגלייך מיט דער זעהר אַלטער אַסיריש-באַבילאָנישער ליטעראַטור איז די קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר אַלטע געשיכטע פון יאָזעפוס אַ „מאָדערנע ווערק".

עס זיינען פאַראַן, אָבער, אידישע געלערנטע, ספּעציעל צווישן די אינגערע וועלכע, ניט קוקנדיק אויף זייערע ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע געביטן, אינטערעסירט זיי אַלץ וואָס עס קומט פאָר אינעם אידישן לעבן. זיי קענען זיך ניט באַנוגען מיט אַפּשליסן זיך אין די ביבליאָטעקן און אַרויסגעבן וויסנשאַפטלעכע ווערק, ווי וויכטיק זיי זאָלן ניט זיין פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם אידישן פאָלק. זיי אינטערעסירט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אינעם אידישן לעבן, און זיי ווידמען צייט און ענערגיע צו העלפן מיט וואָרט און טאַט צו פאַרשטאַרקן דאָס אידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע לעבן. דער וואוילזיין פונעם אידישן פאָלק איז אַ שטיק פון זייער נשמה, און אַ חוץ זייערע וויסנשאַפטלעכע באַשעפטיקונ־גען, שטייען זיי געטריי אויף דער וואַך צו היטן און צו העלפן פאַר־שטאַרקן דעם וואוילזיין און די עקזיסטענץ פון אונזער געיאָגט און געפּלאָגט פאָלק. און איינער פון אָט דער דאָזיקער געציילטער קלאַס געלערנטע, וואָס קעמפט אונערמידלעך פאַר חיזוק הדת

*) אויסצוגן פון אַן אַרטיקל וועגן ד"ר ראָזמאַרין וואָס איז דערשינען אין „אַמעריקאַנער", סעפּטעמבער 25, 1946.

והאמונה, פאַר אַ געזונט, פּאָזיטיוו אידיש רעליגיעז און נאַציאָנאַל לעבן איז הרב ד"ר אהרן ראָזמאַרין.

געבוירן אין אוסטילע, וואָלינער גובערניע, ביי אַ פאַר־מעגלעכער חסידיש-לומדישער פאַמיליע, שטרעבט זיין פאָטער ר' משה ז"ל אַז ראָזמאַרין זאָל ווערן אַ רב, בעת זיין מוטער בראָנצי ע"ה, זעט אַז ער זאָל קריגן אַ גוטע וועלטלעכע בילדונג. שוין אין זיין פריסטער יוגנט צייכנט זיך ראָזמאַרין אויס מיט אַן אויסערגעוויינלעך גוטן זכרון און „תפיסה". און דערצו איז ער נאָך געבענטשט מיט אַ געוואַלדיקער התמדה. שטייגט ער טאָקע פון טאָג צו טאָג, סיי אין לערנען, סיי אין וועלטלעכער בילדונג.

באַלד נאָך דעם ערשטן וועלט-קריג טרעפט זיך ראָזמאַרין מיט זיין קאָזין פּראָפעסאָר ישראל פרידלענדער ז"ל, וועלכער איז דאַן געקומען פון אַמעריקע קיין אייראָפּע אַלס פאָרשטייער פון „דזשוינט דיסטריביושאָן קאָמיטע", און ער באַשליסט צו פאָרן קיין אַמעריקע.

קומענדיק קיין אַמעריקע הויבט ער באַלד אָן פאָרצוזעצן זיין תלמוד'ישן און אַלגעמיינעם שטודיום. ער שטודירט גלייכ־צייטיק אויך יוריספּרודענץ. און אין אַ קורצער צייט אַרום הויבט ער אָן דרוקן אַרטיקלען אין דער ענגליש-אידישער פּרעסע. ער מאַכט זיין „דעביוט" אין ענגליש מיט אַ סעריע וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, צווישן זיי: „די געשיכטע פון די כוזרים"; „די פאַלאַשן" (שוואַרצע אידן פון אַביסיניע); „די ווייסע, שוואַרצע און ברוינע אידן פון וויטן מזרח"; „די געשיכטע פון די אידן אין מאַראָקאָ". ד"ר י. פייטלאָוויטש, דער „טאַטע" פון די פאַלאַשן, איז אַזוי באַגייסטערט פון ראָזמאַרין'ס באַהערשן די געשיכטע פון די פאַלאַשן, אַז ער שלאָגט אים פאָר צו פאָרן קיין אַביסיניע און איבערנעמען זיין אַמט אַלס פירער פון די דאָרטיקע אידן. און עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין ד"ר עמנואל בערנפעלדס (דער זון פון דעם באַרימטן געלערנטן ד"ר שמעון בערנפעלד ע"ה) פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון פּראָפעסאָר מאַרטין פיליפּסאָן'ס „נויסטע געשיכטע דעם יידישען פאָלקעס", זיינען ראָזמאַרין'ס וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אָנגעגעבן אַלס קוועלן-מאַטעריאַל.

נאָך עטלעכע יאָר אין אַמעריקע פאָרט ראָזמאַרין קיין דייטשלאַנד צו פאַרפולקאָמען דאָרט זיין שטודיום. אין יענער צייט ווען אַן אויסלענדער האָט געוואָלט אויפגענומען ווערן אַלס סטודענט אין דער בערלינער אוניווערזיטעט, האָט ער געמוזט דורכמאַכן אַ רייע שריפטלעכע עקזאַמענס, און אויב ער האָט אויסגעהאַלטן, האָט ער געמוזט דורכמאַכן אַ רייע מינדלעכע עקזאַמענס, און ערשט דאַן איז ער אָנגענומען געוואָרן. אָבער ראָזמאַרין'ס שריפטלעכע

עקזאַמענס, זיינען געווען אַזוי אויסגעצייכנט, אַז מען האָט אים איינגאַנצן באַפרייט פון די מינדלעכע עקזאַמענס — דער גרעסטער כבוד פאַר אַ סטודענט.

נאָך אַ פּאָר יאָר אין דער בערלינער אוניווערזיטעט זעצט ער פאָר זיין שטודיום אין דער ווירצבורגער אוניווערזיטעט, אָבער ניט אויף דעם חשבון פון אידישע לימודים, און באַקומט דעם טיטול „דאָקטאָר דער פילאָזאָפיע" מיט דער העכסטער אויסצייכענונג.

ד"ר ראַזמאַרין הויבט דאַן אָן זיך צו באַטייליקן מיט צענדליקער אַרטיקלען וועגן תנ"כ'ישע פּערזענלעכקייטן אין דעם ליכט פון דער אגדה'שער ליטעראַטור אין דעם נייענטן און צענטן באַנד פון דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאאיקאַ", וואָס איז דערשינען אין בערלין. צו גלייכער צייט שרייבט ער אויך אַרטיקלען אין דער דייטש-אידישער פּרעסע.

אין צווישן דערשיינט ד"ר ראַזמאַרין'ס וויסנשאַפטלעך ווערק „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה", אַ ביאָגראַפיע פון משה רבינו, אין דייטש, באַזירט אויף תלמוד און מדרש. צענדליקער פאַך-געלערנטע האָבן וועגן דעם בוך געשריבן מיט די גרעסטע לויב גערזאַנגען. צווישן זיי:

פּראָפעסאָר בערנאַרד העלער פון בודאַפּעסט אין זיין רע-צענזיע אין דער „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע און וויסענשאַפט דעם יודענטומס", וואָס דער ברעסלויער ראַבינער סעמינאַר האָט אַרויסגעגעבן, שרייבט צווישן אַנדערעס: „. . . דורכאַאוס זעלבסט-שטענדיג, און פינדעט זעלבסט ביי (פּראָפעסאָר) לואיס גינצבורג מאַנכעס צו בעריכטיגען; איך האַבע איין דוצענד בעריכטונגען געציילט, די ער פאַרנעהמערווייזע נור אַלס פערבעסערונגען פאָן דרוקפעהלערן בעצייכנעט . . . "

פּראָפעסאָר שמואל קרויס וועלכער האָט געשריבן צוויי רעצענזיעס אין צוויי באַזונדערע וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן שרייבט אין Orientalni Ustav v Praze צווישן אַנדערעס, אין דייטש: „איינע ניצליכע אַרבייט געלייסטעט . . . עררייכטע פאָלשטענדיג-קייט . . . פאָרציגליכעס סיסטעם . . . דער פערפאַסער פאַרשטעהט זיינע קוועלן פאָרציגליך".

פּראָפעסאָר פּאָל פיעביג אין Theologische Literature Zeitung שרייבט צווישן אַנדערעס: „. . . איין בילד פאָן מאָזעס ענטשטאַנדען, דאָס פיעלעס אינטערעסאַנטע ביעטעט אונד איינע רייכע פונדגרובע דאַרשטעלט . . . "

דער איזראַעליט: „. . . אונגעהויערע פלייסיגע אַרבייט . . . מאַן מוז דיעזעס שאַפען אַנערקענען . . . איינע אבגערונדעטע ביאָגראַפיע דעם מאַזעס . . . ״

איזראַעליטישעס פאַמיליענבלאַט: „. . . די ווערטפולע אַרבייט גיבט איין וואונדערפאַל בילד פאָן מאַזעס . . . ״

פראַנקפורטער איזראַעליטישעס געמיינדעבלאַט:
„. . . ערשטאַאונליכע פולע דעם מאַטעריאַלס . . . דאַס לעבען און שיקזאַל מאַזעס׳ איינדרוקספאַל געשילדערט . . . ״

יידישע שולצייטונג: „. . . דער געלעהרטע פּראָפאַסער, שעפּפענד אַוס אונענדליך פיעלען קוועלען, האַט אונז . . . איין קלאַרעס בילד דעם לעהרערס געגעבען. די שפּראַכע רעכט פליסיג״.

יידיש-ליבעראַלע צייטונג: „. . . מיט גרויסער געלעהר־זאַמקייט איזט אַלעס . . . איבער מאַזעס . . . צו איינער איינהייט־ליכען ערצעהלונג צוזאַמענגעפּאַסט וואָרדען . . . ״

פּראָפעסאָר טשאַרלס סי. טאָררי: „אַ פאָרזיכטיגע זאַמ־לונג . . . קלאָר און לייענבאַר . . . ניצליכע פוס-נאָטען . . . אַ פאָלשטענדיגע ביאָגראַפיע״.

פּראָפעסאָר ר. פּ. דאָהערטי: „זעהר פולשטענדיג . . . שטיצט די דיסקוסיעס און בעשלוסען מיט די ריכטיגע רעפערענצען״.

פּראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ (רב צעיר): אַ ווערטפולע לייסטונג.

פּראָפעסאָר משה שאָר, הויפּט ראַבינער פון וואַרשע האָט געשריבען: „נמטיה אפריון לפועלא טבא״, *).

פּראָפעסאָר ישראל דאַווידזאָהן: . . . ערשעפּט אַלע קוועלען אויף דעם געגענשטאַנד.

פּראָפעסאָר לואיס (לוי) גינצבורג: „. . . איר מאַזעס מאַכט אירעם דרוקער עהרע, אונד ווי איך אינען מינדליך זאַגטע תוכו כברו . . . ״

נחום סאָקאָלאָוו: אַ פיין בוך . . .

דר. סאַירעס (כורש) אַדלער: . . . אַ ווערטפול בוך.

דר. ה. ענעלאָו: . . . אַ וויסענשאַפטליכע לייסטונג . . . אינטערעסאַנט און אַנרייגענד.

---

*) זעט ענדע בבא מציעא.

פּראָפעסאָר ש. י. פייגין פון דער שיקאַגאָר אוניווערזיטעט האָט אָנגעוויזן אין „הדאר" אַז דאָס ווערק דאַרף איבערגעזעצט ווערן אויף העברעאיש און געלערנט ווערן אין די שולן.

י. י. וואָהל האָט אָנגעוויזן אין „צוקונפט" צווישן אַנדערעס אַז „סטיליסטיש שטייט עס העכער אַפילו פון אדמונד פלעג׳ס (באַוואוסטער פראַנצויזיש-אידישער שריפטשטעלער) בוך וועגן משה רבינו.

פּרץ ווירניק אין „מאָרגען זשורנאַל": „. . . אַ העכסט באַלערנד און אינטערעסאַנט אָנגעשריבן ווערק . . ."

דר. דזשאָרדזש אַלכסנדר קאָהוט: . . . אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. אויך סטיליסטיש איז עס אַ פיינער ביטראַג.

ענלעכע רעצענזיעס זיינען דערשינען אין: זונטיקדיקער ניו יאָרק טיימס, אַמעריקען דזשורנעל אָף סעמיטיק לענגוויטשעס ענד ליטעראַטור, דהי דזשורנעל אָף רעלידזשאָן, דזשואיש קראָניקל (לאָנדאָן, ענגלאַנד), אוצר החיים (פּראג), און אין אַנדערע וויסנ-שאַפטלעכע און אַלגעמיינע זשורנאַלן.

צוריקקומענדיק אין אַמעריקע לאַדט דזשייקאָב דע-האַאַז איין ראַזמאַרין׳ען אַלס מיטאַרבעטער פון דער „ענציקלאָפּעדיע אָף דזשואיש נאַלעדזש", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. צו גלייכער צייט הויבן אָן דערשיינען ד״ר ראַזמאַרין׳ס אַרטיקלען אין די אידישע טעגלעכע צייטונגען, וועכנטלעכע, מאָנאַטלעכע זשורנאַלן אין אַמעריקע, קאַנאַדע און זיד-אַמעריקע, אין מאַנכע העברעאישע אויסלענדישע צייטונגען, און אין כמעט אַלע ענגליש-אידישע זשורנאַלן. פילע פון זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט דעם באַרימטן קאָלום „פּראַגן און ענטפערס", וואָס איז דערשינען יעדער טאָג אין „מאָרגען זשורנאַל", און מיט דעם וועכנטלעכן אַרטיקל „לכבוד שבת" אין „אַמעריקאַנער", איבער דער סדרה פון דער וואָך.

באַהערשנדיק דאָס געוואַלדיק ברייטע מדרש געביט, פאַר-ענדיקט ראַזמאַרין אינצווישן אַ ווערק אין העברעאיש, וואָס באַהאַנדלט יעדע תנ״כ׳ישע פּערזענלעכקייט, פּאַסירונג און מאָטיוו אין דעם ליכט פון דער אגדה-ליטעראַטור. דאָס איז אַ קאָלאָסאַל ווערק וואָס וועט אַנטהאַלטן פילע גרויסע בענדער. אויסער דעם האָט ער פאַרטיק אַן ענגלישע איבערזעצונג פון רש״י אויף תורה, וואָס אַנטהאַלט אויך פילע אייגענע חידושים, און נאָך אַנדערע וויסנשאַפטלעכע כתבי יד, מאַנוסקריפּטן.

ד"ר ראָזמאַרין, וועלכער איז אגב אַ מוסמך, אָבער וויל ניט אָננעמען אַ רבנישע שטעלע, איז ניט גלאַט אַ בוך-וואָרעם. ער איז נישט פון יענע געלערנטע וועלכע לעבן זיך אוים אין די אַלטע עפּאָכעס פון זייערע ספּעציעלע געביטן. זיין ספּעציאַליטעט איז טאַקע די אגדה'שע ליטעראַטור, אין וועלכער ער איז ממש פאַרליבט. ער איז איבערצייגט אַז ווען די ברייטע אידישע מאַסן זאָלן זיין באַקאַנט מיט אונזער מדרש-ליטעראַטור, באַזונדערס מיט איר עטישן טייל, וואָלטן פילע פון אונז היינט צו טאָג געווען שטאָלצערע אידן. אָבער אין דער זעלבער צייט נעמט ער אַן אַקטיוון אַנטייל אין די אידישע קעגנוואַרטיקע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

זייענדיק אַ הייסער אַנהענגער פון אַ רעליגיעז ארץ ישראל, האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער ענגליש-אידישער פּרעסע „אַן אָפענעם בריוו צו ענגלאַנד", ווען די פּיל-קאָמיסיע האָט פאָר־געשלאָגן איר טרויעריק בארימטן חלוקה-פּלאַן. קיין קלענערע ווי לאָיד דזשאָרדזש, לאָרד מעלטשעט, לאָרד סעמועל, דער דעמאָל־טיקער קאָלאָניאַל מיניסטער אָרמסבי גאָר*), דער אַרטשבישאָפ פון קענטערבורי, דער סעקרעטאַר פון דער „ליג אָף ניישאָנס", דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע, און אַנדערע, האָבן אים געשריבן אַז זיי האָבן „שטודירט" זיין אַרטיקל. מאַדאַם פּיל, די פרוי פון לאָרד פּיל (טשערמאַן פון דער קאָמיסיע) האָט אים געשריבן, אַז דער לאָרד וועט שטודירן דעם אַרטיקל אַזוי שנעל ווי ער וועט אויפשטיין פונעם קראַנקן בעט, אָבער ווי באַוואוסט איז ער געשטאָרבן.

ד"ר ראָזמאַרין איז אַ הייסער קעמפער פאַר אַ שטאַרק רעליגיעז-נאַציאָנאַל אידישקייט. זיין איבערצייגונג איז אַז ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל פירן אַ שטרענג רעליגיעז לעבן פּראַקטיש, און זיין באַקאַנט מיט די רעליגיעזע לערעס פון דעם אידנטום, וואָלט דאָס געדינט אַלס בעסטער שוץ פאַר אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק און גלייכצייטיק אַלס שטאַרקסטע וואָפן קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען. זיין שיטה איז אַז אַ אידיש לעבן געבויט אויף אַ פּאָזיטיוון, רעליגיעזן פונדאַמענט איז דער שטאַרקסטער פּאַנצער קעגן אונזערע אינערע און אויסערע קעגנער. זיין אַנשויאונג איז, אַז אַ אידיש לעבן וואָס איז ניט דער רעזולטאַט פון דער נאָבעלער, פּאָזיטיווער אידעאָלאָגיע פון אידישקייט, אַ אידישקייט וואָס באַרוט בלויז אויף „קעגן-אַנטי־סעמיטיזם" אַנשטאָט אויף „פאַר-אידישקייט", אַ אידישקייט וואָס שיילט זיך אַרוים פון פאַרפאָלגונגען, אַ אידישקייט וואָס איז אַ

---

*) איצט ענגלישער אַמבאַסאַדאָר דאָ אין אַמעריקע.

קינד פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, אַזאַ אידישקייט איז אַן אומ־נאָרמאַלע דערשיינונג, און איז במילא געפערלעך פאַר דער עקזיס־טענץ פון אונזער פאָלק אַלס אַ אידיש פאָלק.

אָט דאָס דערקלערט טאַקע פאַר וואָס ד״ר ראַזמאַרין איז פון די ערשטע קעגנער פון דער אַזוי־גערופענער „גוד־וויל״ באַוועגונג. זיין צוגאַנג איז אַ גאַנץ פּשוט׳ער, אָבער אַ געזונט־לאַגישער. זיין אַרגומענט איז אַז ווען אַ ראַביי „פּרעדיגט״ אין אַ קלויסטער און לאַדט איין זיינע „צאן קדשים״ אים צו הערן, האָט ער ניט דעם מוט צו ריידן וועגן דער שיינקייט פון אידישקייט. אַנשטאָט דעם זינגט ער לויב־געזאַנגען, אַז דער „אותו האיש״ איז געווען אַזוינס און אַזעלכעס. שפּעטער לאַדט דער ראַביי איין דעם גלח צו ריידן אין זיין סינאַגאָג. און יענער, פאַרשטייט זיך, האַלט אין איין באַווייזן, אַז „אותו האיש״ איז געווען אַ גרויסער נביא און אַ איד דערצו. די „צאן קדשים״ הערן סיי פון זייער ראַביי און סיי פון דעם גלח אַז „אותו האיש״ איז געווען איינס אין דער וועלט, איז צו וואָס גלויבן אין תורת משה און ווערן געיאָגט און געפּלאָגט. עס איז דאָך שוין בעסער צו גלויבן אין אים און זיין אַ מענטש מיט לייטן גלייך.

ד״ר ראַזמאַרין׳ס מוטיקער קאַמף קעגן „גוד־וויל״ איז געענדיגט באַקאַנט פון זיין קאַמף קעגן שעכטערס סעמינאַר פאַר איינלאַדן „גוד־וויל״ גלחים און מיסיאָנערן. און ווען די סעמינאַר ראַביים האָבן אַרויסגעגעבן קעגן אים אַ פּאַמפלעט אין אידיש און העברעאיש, האָט, פאַרשטייט זיך, ראַזמאַרין געענטפערט מיט אַ פּאַמפלעט, וואָס ווימלט אַגב מיט בקיאות, און אַנגעוויזן אַז זיי שלאָגן ניט אָפּ אפילו איינע פון זיינע באַשולדיגונגען.

אַלס רעזולטאַט פון זיין איבערצייגונג אַז נאָר אַ פונדאַ־מענטאַל פּאָזיטיוו־רעליגיעז־נאַציאָנאַל לעבן איז דאָס איינציקע מיטל פאַר אַ געזונטע און דויערהאַפטע אידישע עקזיסטענץ, און דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך באַקענען זיך מיט דער אידישער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, האָט ד״ר ראַזמאַרין אויף זיך גענומען צו פאַרעפנטלעכן אַ רייע ביכער אין אידיש, העברעאיש און ענגליש, וועלכע וועלן העלפן דעם לייענער זיך באַקענען מיט דער שיינקייט פון דער אידישער לערע און עטיק *).

*) לעצטנס זיינען דערשינען ראַזמאַרין׳ס ווערק: „די שעהנקייט פון אידענטום״ אין אידיש, און Golden Rules אין ענגליש, וועלכע באַהאַנדלען אַזעלכע וויכטיקע טעמעס ווי: אמת און ליגן, אויפריכטיקייט און חנופה, לשון הרע, ליבשאַפט און פיינטשאַפט, רחמנות און גרויזאַמקייט, גמילות חסדים און פּראָצענט, צדקה, פאַרגינען

און זאָל דאָ צוגעגעבן ווערן אַז אַ פֿאָלק וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַזאַ נאָבעלע, עטישע לערע נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען די היינטיקע אַזוי־גערופענע ציוויליזירטע פעלקער זיינען נאָך געווען ווילדע באַרבאַרן, אַזאַ פֿאָלק מוז און וועט ענדלעך זיגן איבער אַלע זיינע אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים. אַזאַ פֿאָלק, ווי ישראל סבא, וועט זיכער איבערלעבן זיינע איצטיקע שונאים, פּונקט ווי עס האָט איבערגעלעבט זיינע המן׳ס, היטלערס. וואָרום, אַן אינטענסיוו־רעליגיעז אידיש לעבן, טעאָרעטיש און פּראַקטיש, באַזירט אויף תורה, נביאים, תלמוד, מדרש, ראשונים און אחרונים און אידישער עטיק, איז די שטאַרקסטע און בעסטע גאַראַנטיע פאַר אַ געזונטע, דויערהאַפטע עקזיסטענץ פון דעם אידישן פֿאָלק אַלס אַ אידיש פֿאָלק.

און מקנא זיין, אַכטן און באַליידיגן, באַשיידנקייט און חוצפּה, געדולד און אויפרעגונג, איינִיקייט און צעשפּליטערטקייט, בילדונג און איגנאָראַנץ, לערער און פירער, אַרבעט, אַרבעטער און אַרבעטסגעבער, דער סטאַטוס פון דער אידישער פרוי, דעמאָקראַטיע, קריג און פרידן. „לכבוד שבת״; „געדאַנק און חכמה״; „אהרן ראָזמאַרין׳ס תנ״כ־ענציקלאָפּעדיע״, פּערזענלעכקייטן, באַנד א; ”Do You Know This One?“.

ד״ר ראָזמאַרין האָט געגרינדעט דעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דהי דזשואיש ספּעקטייטאָר״ וועלכן ער האָט רעדאַקטירט אַ צענדליק יאָר. ער האָט אויך געגרינדעט די וואָכנצייטונג „דער איד״ וועלכע איז באַרימט געוואָרן דורך זיין קעמפן פאַר אַ רעליגיעז אידיש לעבן אין אַמעריקא, און פאַר אַן ארץ ישראל על פּי תורת ישראל, זי רעדאַקטירט דריי יאָר, ביז זי איז איבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענט.

ד״ר ראָזמאַרין פירט אַן וועכנטלעך מיט צוויי פּראָגראַמען אויף דער ראַדיאָ WEVD: — אַ פּראַגעס און ענטפער פּראָגראַם, די סדרה פון דער וואָך, און מיט דער „אום פּאָבלישינג קאָמפּאַני״ וועלכע האָט שוין אַרויסגעגעבן עטליכע צענדליק וויכטיקע ספרים און ביכער.

די וויכטיקייט פון שבת

(צוליב דער וויכטיקייט פון שבת דרוק איך אין
מיינע אַלע אידישע ביכער דעם דאָזיקן אַרטיקל)

פונקט ווי דאָס סאָציאַלע לעבן פאָדערט געוויסע פאָרמען פון עטיקעטע, געוויסע קאָנווענציאָנעלע אויפפירונגען, אַזוי אויך פאַרמאָגט אונזער רעליגיע אַ רייע פון מצוות מעשיות, מנהגים און רעליגיעזע צערעמאָניעס וועלכע רעגולירן דאָס אידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אַלטעגלעכע לעבן. ווען אַ איד דאַווענט, איז אַפילו ווען ער פאַרגייט זיך אין העכסטער התלהבות, בלייבט עס דאָך פאַר אים בלויז אַן אַבסטראַקטע פאָרמע פון רעליגיעזן אויסלעבן זיך. דאַגעגן אָבער ווען ער איז מקיים אַ מצוה, פירט דורך אַ רעליגיעזן מנהג, איז עס פאַר אים אַ קאָנקרעטע זאַך. ער טאַפּט עס ממש אָן מיט די הענט.

זייענדיק אַן אַלט פאָלק, און די ערשטע וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט דעם מאָנאָטעאיסטישן גלויבן, דעם גלויבן אין **אחד**, זיינען אונזערע מצוות שוין אַלט טויזנטער יאָרן. און אונזערע מצוות מעשיות, מנהגים און רעליגיעזע צערעמאָניעס זיינען ניט גלאַט סימבאָלן וועלכע דריקן בלויז אויס אונזערע רעליגיעזע געדאַנקען און געפילן, נאָר זיי העלפן אויך דעם מענטשן צו **לעבן** רעליגיעז. און שבת איז איינער פון די פונדאַמענטאַלע זיילן פון אונזער רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן לעבן. שבת איז איינער פון די שטאַרקסטע רינגען אין אידישקייט.

אויב מיר ווילן עקזיסטירן אַלס אַ **אידיש** פאָלק מוזן מיר אָפּהיטן שבת. אָהן שבת קען קיין אידיש פאָלק זיין, פונקט ווי עס קען ניט זיין אַ שבת אָהן אַ אידיש פאָלק. וואָרום שבת איז דער צענטראַלער פונקט פון דער גאַנצער תורה, פון דעם גאַנצן רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן לעבן. דער פאַקט וואָס „בשבת ניתנה תורה לישראל" א), אַז שבת איז די תורה געגעבן געוואָרן די אידן, באַווייזט אַז שבת איז דער עיקר פון אַלע עיקרים אין דער אידישער רעליגיע.

שבת איז אַזוי אַלט ווי בריאת העולם, ווי דער וועלט־באַשאַף. און דער באַשעפער פון דער וועלט איז געווען דער

א) שבת פו, ב.

ערשטער שומר שבת. דערציילט אונז דאָך די תורה, אַז אין זעקס טעג האָט דער אַלמעכטיקער באַשאַפן די וועלט, און דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט ב). אַז דער אַלמעכטיקער האָט אַנערקענט שבת אַלס דעם טאָג פון רו, קען מען אויך זען דערפון וואָס שבת איז קיין מן אַרונטערגעפאַלן פונעם הימל ג). און ניט נאָר איז אָפּהיטן שבת איז שוין אויך אַזוי אַלט ווי דאָס אידישע פאָלק. האָט דאָך שוין אברהם אבינו מקיים געווען די גאַנצע תורה, אפילו עירובי תבשילין און עירובי חצירות, און אפילו אַ „מצוה קלה שבעל פה" ד), אַ לייכטע מצוה וואָס ווערט ניט אויסדריקלעך דערמאָנט אין דער תורה. זאָגן דאָך די חכמים ז"ל בפירוש אַז יעקב אבינו האָט אָפּגעהיט שבת „קודם שניתן" ה), נאָך איידער ער איז געגעבן געוואָרן. אויך די אידן אין מצרים האָבן אָפּגעהיט שבת. ווען משה, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין דעם עגיפּ־טישן קעניגס הויף, איז אונטערגעוואַקסן, און ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען ווי שווער די אידן שקלאַפן אין מצרים, האָט ער אַפּעלירט צו פּרעה'ן ער זאָל זיי באַוויליגן אַ רו־טאָג יעדע וואָך, און ער האָט באַשטימט שבת אַלס דעם טאָג פון רו ו).

נאָך מער, לויט די חכמים ז"ל איז די מצוה פון שבת געגעבן געוואָרן די אידן נאָך פאַר מתן תורה. ווען די אידן זיינען אַריבער דעם ים־סוף, האָבן מאַרשירט דריי טעג אין דער מדבר שור און זיינען אָנגעקומען קיין מרה, זיינען זיי דאָרט געבאָטן געוואָרן אָפּצוהיטן שבת ז). זיינען דאָך די הייליקייט פון שבת און די מצוה פון אָפּהיטן שבת פּראָקלאַמירט געוואָרן אין די עשרת הדברות ח). און ניט נאָר הייסט אונז די תורה רוען שבת, נאָר „שבת הוא לד' בכל מושבותיכם" ט), וואו אַ איד זאָל זיך געפינען דאַרף ער אָפּהיטן שבת. האַלט טאַקע די תורה אין איין וואָרענען: „את שבתותי תשמורו", מיינע שבתות

ב) בראשית ב, ב—ד; שמות לא, יז.

ג) שמות טז, כב—ל.

ד) יומא כח, ב; קידושין פב, א; תנחומא לך לך; בראשית רבה פרשיות מט, סד, צה.

ה) בראשית רבה פרשה עט.

ו) שמות רבה פרשה א, פרשה ה.

ז) זעט: שמות טו, כה און רש"י דאָרט; שבת פז, א—ב; סנהדרין נו, ב.

ח) שמות כ, ח—יב; דברים ה, יב.

ט) ויקרא כג, ג.

זאָלט איר אָפּהיטן, „ושמרתם את השבת" י), און היט אָפּ דעם שבת. און ניט נאָר טאָר מען שבת טאָן קיין מלאכה, נאָר אַפילו דאָס בית המקדש מעג מען ניט בויען שבת כ). רוט דאָך אַפילו דער סמבטיון שבת ל). שבת איז דער אייביקער אָפּמאַך אויף אַלע דורות, צווישן דעם וועלט־באַשעפער און ישראל סבא מ), דעם אַלטן ישראל. און פּונקט ווי יום הכפּורים, דער הייליקסטער און פּאַרכטיקסטער טאָג פון יאָר, ווערט אויך שבת באַצייכנט אַלס „שבת שבתון" נ), דער שבת פון די שבת'ן.

פאַר אַזוי וויכטיק האָבן די אידן אין משך פון אַלע דורות באַטראַכט שבת, אַז אַפילו די יעניגע וועלכע האָבן ניט אַזוי שטאַרק מדקדק געווען, זיינען ניט געווען אַזוי פּאַרטיקלע, אין אָפּהיטן די פאַרשידענע אַנדערע מצוות, האָבן זיי דאָך ניט פאַרשוועכט שבת ס). דער נביא ירמיהו וואָרנט אַז דאָס פאַרשוועכן שבת וועט פירן דערצו אַז ירושלים וועט חרוב ווערן ע). און אונזערע חכמים ז"ל זאָגן טאַקע „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחללו בה את השבת" פ), אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן נאָר דערפאַר ווייל מען האָט דאָרט פאַרשוועכט דעם שבת. אָבער אַזוי ווי אונזער רעליגיע באַטראַכט דעם מענטשנס לעבן פאַר זעהר טייער, איז טאַקע „פקוח נפש דוחה שבת" צ). אינעם פאַל ווען אַ מענטש איז קריטיש קראַנק, מעג מען, אונטער געוויסע אומשטענדן, פרעגנדיק פריער אַ פרומען רב, מחלל שבת זיין.

די „קעניגין" און די „כלה" שבת ק) איז געגעבן געוואָרן די אידן אַלס „מתנה טובה". דער אַלגעגנוואַרטיקער האָט געזאָגט צו משה'ן: „מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה ואני מבקש ליתנה לישראל, לך והודיעם" ר), איך האָב אין מיינע אוצרות אַ גוטע מתנה, איר נאָמען איז שבת, און איך וויל זי געבן דעם פאָלק ישראל, גיי און זאָג זיי. און געגעבן געוואָרן איז

י) זעט שמות לא, יג—יז.
כ) יבמות ו, א ; זעט אויך שבת מט, ב.
ל) בראשית רבה פרשה יא.
מ) שמות לא יג—יז.
נ) שמות לא, טו ; ויקרא כג, ג.
ס) זעט : ישעיה א, יג ; עמוס ח, ה.
ע) ירמיה יז, כז ; יחזקאל כ.
פ) שבת קיט, ב ; זעט יחזקאל כב, כו.
צ) מכילתא תשא ; יומא פה, א.
ק) שבת קיט, א.
ר) שבת י, ב ; ביצה טז, א.

שבת „בצנעא", שטילערהייט, אָהן טאַראַראַם, אָהן „פּובליסיטי" ש).
און ווען שבת האָט זיך באַקלאָגט פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט פאַר ניט האָבן אַ בן־זוג, האָט דער אויבערשטער געענטפערט: „כנסת ישראל היא בן זוגך" ת), דאָס פאָלק ישראל איז דיין חתן.

אויסער דעם וואָס „שכל מי שמשמר את השבת מרוחק מן העבירה" א), אַז ווער עס היט אָפּ שבת ווערט דערווייטערט פון דער עבירה, פאַרמאָגט שבת אין זיך די אייגנשאַפט וואָס עס איז „מוספת קדושה על ישראל" ב), עס מאַכט אידן הייליקער. און געגעבן געוואָרן איז שבת בלויז צוליב דעם צוועק אַז מען זאָל פאַרברענגען דעם טאָג אין לערנען ג). און כאָטש דער צוועק פון שבת איז צוליב גייסטיקן פאַרגעניגן, דאַרף מען אָבער גלייכצייטיק ניט איגנאָרירן דעם פיזישן עונג שבת. אדרבה, מען דאַרף עסן און טרינקען פון דעם שענסטן און בעסטן ד), און ווייַן דאַרף אויך זיין דערביי ה). אָט זעען מיר, צום ביישפּיל, ווי קיין קלענערער ווי שמאי הזקן האָט שטאַרק מקפּיד געווען צו קויפן דאָס בעסטע פליייש אויף שבת. „מצא בהמה נאה אומר זו לשבת, מצא אחרת נאה הימנה מניח את השניה ואוכל את הראשונה" ו), אַז ער האָט געפונען אַ שיינע קו, האָט ער זי געהאַלטן אויף שבת. האָט ער געפונען אַ שענערע פון איר, פלעגט ער איבערלאָזן די צווייטע אויף שבת און עסן די ערשטע.

און אַז עס לוינט זיך, קען מען זען פון פאָלגענדען: ר' חייא בר אבא האָט אַמאָל געהאַלטן שבת ביי אַ בעל הבית אין לודקיא. האָט מען סערווירט טייערע עסנס און געטראַנקען אין קאַסטבאַרע, גאָלדענע און זילבערנע כלים. האָט ר' חייא אַ פרעג געטאָן: בני, במה זכית?" „מיין קינד, פאַר וועלכע מעשים טובים האָסטו דאָס זוכה געווען?" האָט דער בעל הבית געענטפערט: „איך בין געווען אַ קצב, פלעג איך האַלטן די בעסטע בהמה אויף שבת" ז).

זיינען מיר דאָך געבענטשט שבת מיט אַ נשמה יתירה ח),

ש) ביצה טז, א.
ת) בראשית רבה פרשה יא.
א) מכילתא בשלח, הוצאת אום.
ב) מכילתא תשא.
ג) ירושלמי שבת פרק טו, הלכה ג; זעט פסיקתא רבתי סוף פיסקא כג.
ד) שבת קיח, ב; דברים רבה פרשה ג.
ה) פסחים קו, א.
ו) ביצה טז, א.
ז) שבת קיט, א.
ח) ביצה טז, א.

האָט טאַקע שבת דאָס עסן אַ גאָר באַזונדערן טעם. און עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז אַ קיסר האָט אַמאָל געפרעגט רבי יהושע בן חנניא: „מפני מה תבשיל של שבת ריחו נודף? אמר לו תבלין אחד יש לנו ושבת שמו, שאנו מטילין לתוכו וריחו נודף. אמר לו תן לנו הימנו, אמר לו כל המשמר את השבת מועיל לו ושאינו משמר את השבת אינו מועיל לו" ט) — פאַרוואָס האָט דאָס שבת'דיקע עסן אַזאַ באַזונדערן געשמאַק? האָט ער אים געענטפערט: מיר האָבן אַזאַ מין „פּאַטראָווע" וועלכע הייסט שבת, טוען מיר דאָס אַריין אין עסן, און דאָס גיט עס אַ ספּעציעלן געשמאַק. זאָגט ער צו אים: גיב אונז אַביסל דערפון. האָט ער אים געענטפערט, אַז ווער עס היט אָפּ שבת העלפט עס, און ווער עס היט ניט אָפּ שבת, העלפט עס ניט. נאָך מער, „כל המקיים שלש סעודות בשבת ניצול משלש פורעניות: מחבלו של משיח, ומדינה של גיהנום, וממלחמת גוג ומגוג" י). נעמלעך, ווער עס איז מקיים שבת די מצוה פון „שלוש סעודות", ווערט געראַטעוועט פון דריי אומגליקן: פון די משיח-ווייען, פון דעם גיהנום, און פון דער גוג ומגוג מלחמה.

שבת דאַרף מען זיך קליידן ריין און שיין כ). „צריך אדם להיות לו שני עטפים, אחד לחול ואחד לשבת" ל), אַ מענטש דאַרף האָבן צוויי גאַרניטורן, אַ וואָכעדיקן און אַ שבת'דיקן. זאָגן דאָך די חכמים ז"ל אַז „כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים, חוץ מהוצאת שבתות . . . " מ), דעם מענטשנס גאַנצע פּרנסה ווערט באַשטימט צווישן ראש השנה און יום הכפור, אויסער די אויסגאַבן וועלכע אַ מענטש דאַרף אויף שבת. נאָך מער, „כל המענג את השבת נותנין לו נחלה בלי מצרים" נ), „נותנין לו משאלות לבו" ס), ווער עס פאַרשאַפט דעם שבת פריידן, דעם גיט מען אומבאַשרענקט רייכקייט. מען גיט אים אַלץ וואָס זיין הארץ פאַרלאַנגט. איז דאָך עונג שבת אַ זעכציקסטל פון עולם הבא ע).

וואָרום נאָר דאַן ווען מען היט אָפּ שבת ווי עס באַדאַרף

ט) שבת קיט, א.
י) שבת קיח, ב.
כ) שבת קיג, א; דברים רבה פרשה ג.
ל) רות רבה פרשה ה. פאַרגלייכט: ירושלמי פאה פרק ח, הלכה ז; תנחומא בראשית ב; פסיקתא דעשרת הדברות; שאילתות דרב אחאי גאון אָנהויב בראשית.
מ) ביצה טז, א.
נ) שבת קיח, א.
ס) שבת קיח, ב.
ע) ברכות נז, ב.

צו זיין, קען מען האָבן אַן אמת'ע גייסטיקע הנאה פון אידיש־קייט. און דער נביא שרייט אויס: „אם תשיב משבת רגלך, עשות חפציך ביום קדשי וקראת לשבת עונג... אז תתענג..." פ), אַז דו וועסט רוען שבת, פירן קיין געשעפטן, און פאַרוואַנדלען שבת אין אַן עונג שבת, דאַן וועסטו געפינען פרייד אין דעם אויבערשטן.

אַזוי גרויס און וויכטיק איז דער כוח פון שבת אַז „כל המשמר שבת כהלכתה, אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו" צ), ווער עס היט אָפּ שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַפילו ווען ער איז זינדיק ווי דער דור אנוש, איז מען אים מוחל. נאָך מער, „אלמלי משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן, מיד נגאלין" ק), ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל אָפּהיטן צוויי שבת'ן ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן. און „אילו היו ישראל משמרין שבת אחת כתיקונה, מיד היה בן דוד בא" ר), ווען אידן זאָלן אָפּהיטן איין שבת ריכטיק, וואָלט משיח בן דוד געקומען. איז דאָך שבת גלייך צו אַלע מצוות ש). זאָגן דאָך אונזערע חכמים ז"ל אַז דער אויבערשטער זאָגט: „אם תזכו לשמור שבת, מעלה אני עליכם כאלו שמרתם כל המצוות שבתורה" ת), ווען איר זאָלט זוכה זיין אָפּצוהיטן שבת, וועל איך דאָס באַטראַכטן גלייך ווי איר וואָלט אָפּגעהיט אַלע מצוות פון דער תורה.

און וויל מען ווירקלעך פאַרשטיין די גרויסע באַדייטונג, די אומגעהויערע וויכטיקייט פון אָפּהיטן שבת, קען מען דאָס אפשר אָמבעסטן זען פון דעם שלאָגיקן זאָג פון אונזערע חכמים ז"ל, אַז ווער עס היט אָפּ שבת איז „כאילו עשה את השבת" א), איז גלייך ווי ער אַליין האָט באַשאַפן דעם שבת.

און טאַקע דערפאַר וואָס שבת איז אַזוי וויכטיק פאַר דעם פאָלק ישראל'ס אייביקער עקזיסטענץ אַלס אַ אידיש פאָלק, האָט שבת געהאַט אויסצושטיין ניט ווייניקער פאַרפאָלגונגען ווי דאָס אידישע פאָלק גופא. אומצייליקע מאָל האָבן די שונאי ישראל, די אידישע פיינט, פאַרבאָטן די אידן אָפּצוהיטן שבת ב). זייענדיק,

---

פ) זעט ישעיה נח, יג—יד.

צ) שבת קיח, ב.

ק) שבת קיח, ב.

ר) ירושלמי תענית פרק א, הלכה א; שמות רבה פרשה כה.

ש) ירושלמי נדרים פרק ג, הלכה ט; שמות רבה פרשה כה.

ת) שמות רבה ענדע פרשה כה.

א) מכילתא תשא.

ב) זעט צום ביישפיל ראש השנה יט, א; מעילה יז, א.

אָבער, איבערצייגט אַז שבת און אידנטום זיינען נשמה און גוף, אַז אָהן שבת קען דאָס אידישע פאָלק ניט אָטעמען, האָבן אידן אין אַלע דורות ממש מקריב געווען, געאָפּפערט, זייערע לעבנס פאַר אָפּהיטן שבת.

אונזער רעליגיע איז דאָך דער איינציקער באַנד וועלכער האַלט צוזאַמען אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט. אַנדערע פעל-קער זיינען פאַרבונדן דורך זייער לאַנד, רעגירונג, שפּראַך. אָבער מיר אידן, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך פון דעם ערד קוגל, אומעטום אַ קליינע מינאָריטעט, זיינען ניט פאַרבונדן איינער מיט דעם אַנדערן דורך פיזישע מיטלען. מיר ריידן כמעט אַזויפיל שפּראַכן וויפל לענדער עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט. געאָגראַפיש זיינען מיר אויך ניט פאַרבונדן. רעליגיע איז דאָס איינציקע וואָס פאַרבינדט דאָס גאַנצע וועלט אידנטום. און שבת איז דער שטאַרקסטער רינג אין דער רעליגיע-קייט וועלכע פאַר-בינדט אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט, און דער שטאַרקסטער ווינקלשטיין אין דעם פונדאַמענט פון אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק.

און ווען אידן קומען פון שול, באַגלייט פון צוויי מלאכים ג), און אין הויז שמעקט דער שבת אַרום פון אַלע ווינקעלעך, איז עס באמת „בא שבת בא מנוחה" ד), אַ מאָדנע רואיקייט נעמט אַרום דעם אידן. אַלע זיינע דאגות פון דער גאַנצער וואָך ווערן אויסגעוועפּט און פאַרשוואונדן.

און אויב עס געפינען זיך אידן וועלכע זיינען מחללי שבת באונס, זיי ווילן אָפּהיטן שבת נאָר זיי זיינען נעבעך געצוואונגען דערצו דורך פאַרשידענע אומשטענדן, איז טאַקע אַ גרויסער רחמנות אויף זיי. אָבער די מחללי שבת במזיד, די וועלכע פאַר-שוועכן די טייערסטע און הייליקסטע אידישע מתנה ווייל אַזוי ווילט זיך זיי, זיי קען מען בלויז ענטפערן אַז דער פילע-טויזנטער-יאָר אַלטער שבת האָט שוין איבערגעלעבט פילע מחללי שבת פון דעם סאָרט, און וועט אויך זיי איבערלעבן. וואָרום די חכמים ז"ל האָבן שוין געזאָגט: „שאין שבת בטלה מישראל" ה), אַז שבת ביי אידן וועט קיינמאָל בטל ווערן. איז טאַקע ווינטשענס-ווערט אַז אַלע אידן זאָלן זיך אַ נעם טאָן אָפּהיטן שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין. און דאָס וועט זיין אַן אומגעהויערער ביי‍טראַג צו דער פאַרשטאַרקונג פון אונזער עקזיסטענץ אַלס **אידיש פאָלק**.

ג) שבת קיט, ב.

ד) תוספות סנהדרין לח, א, ד"ה חצבה.

ה) מכילתא תשא.

דער שבת בריוו

ר בריוו וועלכן שבת האָט געשיקט צו ר׳ אברהם אבן עזרא קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד

שבת, בין די קרוין פונעם אידישן גלויבן, דער פערטער פון די עשרת הדברות;
השם און זיינע קינדער בין איך אַ צייכן, דער אייביקער בונד אויף דור דורות;
יר האָט דער באַשעפער געענדיקט אַלע זיינע שאַפונגען, און אַזוי איז געשריבן אין ספר בראשית;
האָט קיין מן אַראָפּגענידערט, כדי איך זאָל זיין אויף דורות אַ מופת;
ין אַ פאַרגעניגן צו די לעבעדיגע אויף דער ערד, און אַ באַרואיגונג פאַר די טויטע:
ין אַ פרייד פאַר מענער און פרויען, עס פרייען זיך אין מיר יונגע און אַלטע:
ס טרויערן אין מיר קיינע טרויערנדיקע, און מען באַקלאָגט ניט דעם טויט פון גערעכטע;
ו געפינען קנעכט און דינסט, און אין די טויערן די פרעמדע.
וען אַלע בהמות ביי יעדער מענטשן, אייזלען, אָקסן און פערד;
איינער מאַכט קידוש איבער וויין, און אויך הבדלה — ווי נזירים איז זייער ווערט;
טאָג געפינט מען טויערן פון פאַרשטאַנד, אין מיין טאָג הונדערט מאָל אַזוי פיל אָפן ווערט:
רין געערט מען זאָל ניט טאָן מאַטעריעלע זאַכן, ניט אַלע רייד זאָלן ווערן געהערט
איך האָב דיך געהיט אַלע טעג, ווייל פון דער יוגנט אָן האָסטו זעהר אָבזערווירט;
אויף דיין עלטער איז ביי דיר אַן אומשולדיק אומרעכט געשען, מען האָט אין דיין הויז ספרים אַריינגעפירט;
אָרטן איז געשריבן מחלל צו זיין דעם זיבעטן טאָג (פרייטיק נאַכט) ווי זשע קאָנסטו שווייגן און ניט טאָן אַ נדר;
אַרפּאַסן אַ בריוו לויטן וועג פון אמונה, און שיקן אים צו אַלע אונזערע ברידער.

ן עס איז געווען אין דעם יאָר פיר טויזנט נייען רט ניינצן אין מיטן פרייטיק־צו־נאַכטס, פערצן אין חודש טבת. און איך אברהם דער ספרדי, ער ווערט אָנגערופן אבן עזרא, בין געווען אין ר פון די שטעט פונעם אינזל וואָס ווערט אָנ־ ען קצה הארץ [עק וועלט] און איז אין דער ער גרענעץ פון די גרענעצן פונעם באַזעצטן , און איך בין געשלאָפן זעהר געשמאַק. און איך געזען אין חלום ווי איינער [אַ מלאך], ווי דאָס אַלט פון אַ מאַן, שטייט קעגנאיבער מיר, און אַלט אַ פאַרמאַכטן בריוו אין זיין האַנט. און ער געזאָגט צו מיר: נעם דעם דאָזיקן בריוו וועלכן שבת האָט געשיקט צו דיר. איך האָב זיך פאַר־ און זיך געבוקט צו ה׳, און אים געבענטשט זיין אָנטאָן מיר דעם דאָזיקן גרויסן כבוד. איך אים [דעם בריוו] אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, מיינע הענט האָבן געטריפט מור און איך האָב געלייענט. איז צום אָנהויב איז ער געווען אין מויל זיס ווי האָניק. אָבער לייענענדיק די לעצטע ות האָט מיין האַרץ זיך צעהיצט אין מיר, און ישמה איז כמעט אַרויס פון מיר. איך האָב גע־ גט דעם געשטאַנענעם קעגנאיבער מיר וואָס איז פאַרברעכן און וואָס איז מיין זינד. וואָרום זינט איז באַקאַנט געוואָרן דער פאַרערטער און פאָרכ־ ער שם וועלכער האָט מיך באַשאַפן און איך האָב ערנט זיינע מצוות, האָב איך שטענדיק ליב געהאַט שבת. פאַר זיין אָנקומען בין איך געגאַנגען אים עגענען מיט מיין גאַנצן האַרץ. אויך ביי זיין יקגיין האָב איך אים באַגלייט מיט פרייד און מיט אַנג. און ווער צווישן זיינע דינערס איז אַזוי באַ־ בט ווי איך. פאַרוואָס זשע האָט ער מיר געשיקט דאָזיקן בריוו?

אָט דער שליח פונעם שבת מיר געענטפערט און אָגט צו מיר: מען האָט דערציילט דעם שבת אַז ע תלמידים האָבן געבראַכט נעכטן אין דיין הויז ין ספרים וועלכע טייטשן אויס די תורה, און ט איז געשריבן מחלל צו זיין דעם שבת [פריי־ , נאַכטן]. זאָלסטו אָנגורטן דיינע לענדן פאַרן כבוד עם שבת צו קעמפן די מלחמה פאַר דער תורה ין די פיינט פונעם שבת, און דו זאָלסט שאַנעווען ן מענטש. און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און מיין עם האָט געקלאַפּט, און מיין געמיט איז געוואָרן ר צעמישט. איך האָב זיך אויפגעהויבן און מיין מצאָרן האָט געברענט אין מיר.

און איך האָב אָנגעטאָן מיינע קליידער, געוואַשן מיינע הענט, אַרויסגעטראָגן די ספרים אויף דער גאַס אין דער ליכטיקייט פון דער לבנה. און אָט דאָרט איז געשריבן אַז „ויהי ערב ויהי בקר״ מיינט: ווען עס איז געווען דער פרימאָרגן פונעם צווייטן טאָג, איז עס דענצמאָל געוואָרן אַ גאַנצער טאָג, ווייל די נאַכט גייט נאָכן טאָג.

איך האָב כמעט צעריסן מיינע קליידער, און איך האָב צעריסן דעם פירוש. וואָרום איך האָב זיך גע־ טראַכט בעסער מחלל זיין איין שבת, איידער אידן זאָלן מחלל זיין פילע שבתים [שבתות], אויב זיי וועלן זען דעם דאָזיקן שלעכטן [פאַלשן] פירוש. מיר אַלע וועלן זיין אויך צו געלעכטער און צו שפּאָט אין די אויגן פון די פעלקער. אָבער איך האָב זיך איינגעהאַלטן צוליב דעם כבוד פון שבת. און איך האָב געטאָן אַ נדר ניט צו לייגן זיך שלאָפן נאָכן אַוועקגיין פונעם הייליקן טאָג ביז איך וועל אָנ־ שרייבן אַ לאַנגן בריוו צו דערקלערן דעם אָנהויב פונעם ערשטן טאָג פון דער תורה, צו אָפּראָמען אַ שטרויכלונג און באַזייטיקן אַ נעץ און אַ פּאַסטקע. וואָרום אַלע אידן, די פרושים און די צדוקים מיט זיי, ווייסן אַז די פרשה בראשית איז געשריבן גע־ וואָרן צו דערציילן דעם באַשעפערס שאַפונגען יעדער טאָג בלויז צוליב דעם אַז די וועלכע היטן אָפּ די תורה זאָלן וויסן ווי אַזוי אָפּצוהיטן שבת פונקט אַזוי ווי השם יתברך האָט גערוט, צו ציילן די טעג פון דער וואָך.

היינט, אויב דער סוף פונעם זעקסטן טאָג וואָלט געווען ביז דעם זיבעטן טאָג [שבת] אין דער פרי, וואָלטן מיר דאָך באַדאַרפט היטן די פאָלגענדיקע [שבת] נאַכט. וועט דאָך דער דאָזיקער פירוש פאַר־ פירן אַלע אידן אין מזרח און אין מערב, די נאָענטע און די ווייטע, די לעבעדיקע און די טויטע, א).

און דער וועלכער גלויבט אין דעם דאָזיקן פירוש, זאָל השם יתברך זיך נוקם זיין אין אים די נקמה פונעם שבת. און דער וועלכער לייענט אים אויף אַ הויך קול, זאָל זיין צונג ווערן צוגעקלעפּט צו זיין גומען. אויך דער שרייבער וועלכער שרייבט אים אין די פירושים אויף תורה, זאָל זיין האַנט [אָרעם] ווערן פאַרדאַרט, און זיין רעכט אויג זאָל ווערן טונקל. און צו אַלע אידן זאָל זיין ליכטיק.

א) זעט אבן עזרא בשלח טז, כח.

[איבערזעצט פון לשון הקודש אַזוי ווערטערלעך ווי מעגלעך, און אַזוי פריי ווי נויטיק, פון א. ר.].

אגרת השבת

אגרת ששלח השבת לרבי אברהם אבן עזרא, ז"ל

אני שבת, עטרת דת יקרים, — רביעית בעשרת הדבר
ובין השם ובין בניו אני אות — ברית עולם לכל דורים ודור
ובי כל מעשיו כלה אלקים — וכן כתוב בראשית הספר
ולא ירד ביום השבת אזי מן, — למען אהיה מופת להורים,
אני עונג לחיים על האדמה, — ומרגוע לעם שוכני קבר
אני חדות זכרים וגם נקבות, — וששים בי זקנים עם נער
ולא יתאבלו בי האבלים, — ובי לא יספדו על מות ישר
והשקט ימצאו עבד ואמה, — והגרים אשר הם בשער
ינוחון כל בהמות הם ביד איש, — כסוסים, כחמורים, כשור
וכל משכיל בינו הוא מקדש — וגם מבדיל, חשובים כנזיר
בכל יום ימצאו שערי תבונה, — ביומי נפתחים מאה שער
מכובד מעשות דרך, — וכן מן מצוא חפץ ודבר כל דבר
ושמרתיך בכל ימים, — למען שמרתני מאד מימי נעורי
בזקנותך שגגה נמצאה בך, — אשר הובאו אל ביתך ספר
ושם כתוב לחלל (יום) ליל שביעי, — ואיך תחשה ולא תדור נדרי
לחבר אגרת דרך האמונה, — ותשלחה אל כל העברי

ויהי בשנת ארבעת אלפים ותשע מאות ותשע עשרה שנה. בארבעה עשר יום לחודש טבת. ואני אברהם, הנקרא אבן עזרא, הייתי בעיר אחת מערי האי הנקרא קצה הארץ [הארנון] א), שהוא [שהיא] בגבול [גבול] השביעי מגבולות הארץ הנושבת. ואני הייתי ישן, ושנתי ערבה עלי. ואראה בחלום [מלאך] והנה עומד לנגדי כמראה גבר ובידו אגרת חתומה. ויען ויאמר אלי: קח זאת האגרת ששלחה אליך השבת. ואקוד ואשתחוה לה' ואברך את השם [אשר נתנה לנו ו]אשר כבדני זה הכב"ד הגדול. ואתפשנה בשתי ידי. וידי נטפו מור ואקראנה, ותהי בראשיתה בפי כדבש למתוק. אך בקראי הטורים האחרונים, חם לבי בקרבי וכמעט יצאה נפשי. ואשאל את העומד לנגדי: מה פשעי ומה חטאתי, כי מיום אשר ידעתי את ה' הנכבד והנורא אשר בראני ולמדתי מצוותיו, לעולם אהבתי את השבת. ובטרם בואה הייתי יוצא לקראתה בכל לבי. גם בצאתה הייתי משלחה בשמחה ובשירים. ומי בכל עבדיה כמוני [נאמן] בארץ. ומדוע שלחה אלי זאת האגרת.

ויען, ויאמר אלי ציר השבת: הגד הוגד לה אשר הביאו תלמידיך אתמול אל ביתך ספרים פירושי התורה, ושם כתוב לחלל ליל שבת. ואתה תאזור מתניך בעבור כבוד השבת להלחם מלחמת התורה עם אויבי השבת ולא תשא פני איש. ואיקץ, ותתפעם רוחי עלי, ונפשי נבהלה מאד, וחמתי בערה בי.

ואלבש בגדי, וארחץ ידי ואוציא הספרים חוצה אור הלבנה. והנה כתוב שם פירוש [בפירו „ויהי ערב ויהי בוקר", והוא אומר: כי כא היה בוקר יום שני, אז עלה יום אחד שלם [אתמו כי הלילה הולך אחר היום. וכמעט קט קרע בגדי, וגם קרעתי זה הפירוש. כי אמרתי טוב לחי שבת אחד, ולא יחלל ישראל שבתות הרבה יראו זה הפירוש הרע. גם נהיה כולנו לל ולקלס בעיני הגוים. ואתאפק בעבור כבוד השב ואדור נדר אם אתן שנת לעיני אחר [אחרי] צ יום הקדוש, עד שאכתוב אגרת ארוכה לבאר מ ראשית יום התורה, להרים מכשול ולהסיר ומוקש. כי כל ישראל, הפרושים גם הצדוקים עמה יודעים כי לא נכתבה פרשת בראשית להגיד מע השם ב"ה בכל יום, רק בעבור שידעו שומ התורה איך ישמרו השבת כאשר שבת השם הנכ לספור ימי השבוע [ימי השבת, ימי בראשית].

והנה, אם היה סוף יום הששי עד בוקר יו השביעי, היה לנו לשמור [לספור] הלילה הב והנה זה הפירוש מתעה [מתעתע, מתמה] כ ישראל במזרח ובמערב, גם הקרובים, גם הרחוקי גם החיים, גם המתים. והמאמין בפירוש הז השם ינקום נקמת השבת ממנו. והקורא אות בקול גדול תדבק לשונו לחכו. גם הסופר הכות אותו בפירושי התורה, ידו יבוש תיבש, ועין ימי כהה תכהה. ולכל בני ישראל יהיה אור.

א) זעט: במדבר כא, יג; כב, לו; דברים ב, כד; ג, טז; יהושע קאפיטל יב; שופטים יא, יג-כג און אַלע מפרשים אויפן אָרט. ב) אפשר דאַרף שטייען לדורים.

פאַרגלייכט די נוסחאות אין: סוף שולחן ערוך פון האר"י ז"ל, פראַנקפורט אַם מאַין, תנ"א; מבחו המאמרים, ר' נתן בר' שמואל הרופא, ליורנו, תק"ץ; תענוג שבת, ניו יארק, תשט"ו; כרם חמד, באַנד 3 זייט 158, 1839; ספר השבת, דביר, תל־אביב, תשי"ב.

פאַר אברהמ׳ס געבורט — נמרוד

און עס איז געווען אין די לעב-צייטן פון תרח, האָט כוש דער זון פון חם, דער זון פון נח, גענומען אַ ווייב אויף די עלטערע יאָרן. דאָס ווייב האָט אים געבוירן אַ אינגל, און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן נמרוד.

און „נמרוד" האָט מען אים גערופן, ווייל אין זיין צייט האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צו „מורד" זיין און צו זינדיקן קעגן דעם אויבערשטן. מען האָט אים גערופן אויך כוש און אמרפל. כ ו ש האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען אַ כ ו ש י; און א מ ר פ ל האָט מען אים גערופן ווייל ער האָט אַריינגעוואָרפן (א מ ר פ י ל) אברהמ׳ן אין קאַלך-אויוון.

איז נמרוד אויסגעוואַקסן, און זיין פאָטער האָט אים זעהר ליב געהאַט, ווייל ער איז אים געבוירן געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן, און ער האָט אים אַוועקגעגעבן אָדם הראשונ׳ס קליידער. ווען אָדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן האָט ער געטראָגן קיין קליידער. בלויז אַן ערן-וואָלקן האָט אים באַדעקט. נאָכדעם, אָבער, ווי ער און חוה האָבן געגעסן פון די פאַרבאָטענע פרוכט, האָט זיך דער ערן-וואָלקן פון אים אָפּגעטאָן. דער וועלט-באַשאַפער האָט זיי געמאַכט קליידער פון דער הויט וואָס ער האָט אָפּגעשינדן פון דעם שלאַנג, און זיי געגעבן ווען זיי זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פונעם גן עדן.

נאָכדעם ווי אדם און חוה זיינען געשטאָרבן, זיינען די קליידער איבערגעגעבן געוואָרן חנוכ׳ן, דעם זון פון ירד. נאָך חנוכ׳ס טויט זיינען זיי איבערגעגעבן געוואָרן זיין זון מתושלח. נאָך מתושלח׳ס טויט, האָט זיי נח גענומען און מיטגעבראַכט מיט זיך אין דער תיבה אַריין, און ער האָט זיי דאָרט געהאַלטן די גאַנצע צייט. ווען זיי האָבן פאַרלאָזט די תיבה, האָט חם, נח׳ס זון, זיי גע׳גנב׳ט, און ער האָט זיי באַהאַלטן פון זיינע ברידער. ווען זיין עלצטער זון כוש איז געבוירן געוואָרן, האָט ער אים אַוועקגעגעבן די קליידער בסוד. קיינער זאָל וויסן. האָט כוש געהאַלטן די קליידער אַ לאַנגע צייט, און קיינער האָט דערפון געוואוסט. און ווען נמרוד איז געבוירן געוואָרן, האָט כוש זיי אים אַוועקגעגעבן, ווייל ער האָט אים זעהר ליב געהאַט.

ווען נמרוד איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט ער אָנגעטאָן די דאָזיקע קליידער. און ווי נאָר ער האָט אויף זיך געטראָגן די קליידער, האָט ער זיך געפילט געוואַלדיק שטאַרק. ווייל די דאָזיקע קליידער האָבן אין זיך פאַרמאָגט אַ געוואַלדיקע קראַפט. עס איז אויף זיי געווען אויסגעקריצט אַלערליי סאָרטן בהמות און חיות. און ווי נאָר אַ בהמה, אָדער אַ חיה, אָדער אַ פויגל האָט דערזען אויף אים די דאָזיקע קליידער, פלעגן זיי פאַלן אויף זייערע פנים'ער.

ווען מענטשן פלעגן דאָס זען, פלעגן זיי מיינען, אַז דאָס טוט ער אַזוי מיט זיין כוח. און אַזוי אַרום פלעגט ער בייקומען אַלע מענטשן. און געווען איז נמרוד אַ יעגער. ער פלעגט פאַנגען חיות אין די פעלדער, בויען מזבחות, און אָפּפערן די חיות אויף די מזבחות.

איז נמרוד געוואָרן זעהר שטאַרק, און ער האָט אָנגעהויבן זיך אָננעמען פאַר זיינע ברידער. ער האָט געפירט מלחמות מיט זייערע שונאים און האָט זיך נוקם געווען אין זיי, ווייל דער אויבערשטער האָט איבערגעגעבן אין זיינע הענט זיינע ברידערס שונאים. אין אַלע מלחמות וואָס ער האָט געפירט איז ער שטענדיק אַרויס דער זיגער. אַזוי באַרימט איז ער געוואָרן מיט זיינע נצחונות, אַז ער איז אַזש געוואָרן אַ ביי-וואָרט. ווער נאָר עס פלעגט אַרויסציען די שווערד צו האַלטן מלחמה, פלעגט זאָגן: פונקט ווי נמרוד וועלכער איז געווען אַ יעגער און האָט געזיגט אין אַלע מלחמות, אַזוי זאָל דער וועלט-באַשאַפער אויך מיך שטאַרקן און מיר העלפן.

ווען נמרוד איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר, האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן זיינע ברידער און די קינדער פון יפת. זיינע ברידער האָבן געליטן איין מפלה נאָך דער אַנדערער. דער שונא האָט אָפּגעהאַלטן איין זיג נאָך דעם אַנדערן.

האָט נמרוד זיך אָנגענומען מיט כוח אין יענער צייט. ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלע אָפּשטאַמלינגע פון כוש און אַלע משפחות פון חם — אַרום און אַרום פיר הונדערט און זעכציק מענטשן. ער האָט אויך געדונגען פאַר געלט אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע, אַן ערך פון אַכציק מאַן. און נמרוד האָט זיך אוועקגעלאָזט מיט אָט דער אַרמיי צו העלפן זיינע ברידער.

אויף דעם וועג האָט ער פאַר זיי געהאַלטן רעדעס. ער האָט זיי דערמוטיקט, זיי געגעבן קוראַזש, און ער האָט צו זיי געזאָגט: „איר זאָלט ניט מורא האָבן, האָט קיין אַנגסט, ווייל אַלע אונזערע פיינט וועלן איבערגעגעבן ווערן אין אונזערע הענט, און איר וועט טאָן מיט זיי וואָס איר וועט וועלן".

זיינען די דאָזיקע פינף הונדערט און פערציק מאַן געגאַנגען, און האָבן מלחמה געהאַלטן מיט דעם פיינט. זיי האָבן דעם פיינט באַזיגט און אים פאַרטיליקט. נמרוד האָט באַשטימט איבער זיי זיינע עלצטע. אַ טייל פון זייערע קינדער האָט ער גענומען אַלס גאַראַנטיע. די איבעריקע זיינען געוואָרן קנעכט ביי נמרוד׳ן און ביי זיינע ברידער. און נאָכדעם האָט זיך נמרוד אומגעקערט מיט זיין אַרמיי צוריק צו זייערע וואוין־ערטער.

און נאָכדעם ווי נמרוד האָט זיך אומגעקערט אַלס זיגער, האָבן אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע זיך פאַרזאַמלט, און די שמחה איז געווען זעהר גרויס. די שמחה איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אַזש באַשלאָסן צו מאַכן אים פאַר קעניג איבער זיי. און כאָטש ער איז געווען בלויז אַ קנעכט, און אויך דער זון פון אַ קנעכט, ווארום אַלע אָפּשטאַמלינגע פון חם זיינען געווען קנעכט, האָבן זיי אים אַרויפגעזעצט אַ קרוין אויפן קאָפּ.

אַזוי איז נמרוד געוואָרן מלך. און ער איז געווען דער צווייטער פון די צען מלכים וועלכע האָבן געקיניגט פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן עק וועלט. און די צען מלכים זיינען: דער הייליקער ברוך הוא, נמרוד, יוסף, שלמה, אחאב, נבוכדנצר, כורש, אלכסנדר מוקדון, מלך המשיח, און דער ערשטער איז אויך דער לעצטער קעניג.

האָט נמרוד באַלד באַשטימט עלצטע און הארן און פירער איבער זיינע קנעכט און איבער אַלע זיינע אונטערטאַנען, אַזוי ווי עס איז דער שטייגער פון מלכים. און אַלס עלצטן איבער זיין אַרמיי האָט ער באַשטימט תרח׳ן דעם זון פון נחור, וועלכער איז געווען זעהר אָנגעזען אין זיינע אויגן.

אָט דער דאָזיקער תרח איז פון פאַך געווען אַ פּראָדוצירער פון אָפּגעטער. ער פלעגט אַליין מאַכן אָפּגעטער און צו זיי דינען. און אחוץ דעם האָט ער נאָך מיט זיי געהאַנדלט און פלעגט זיי פאַרקויפן צו אַנדערע מענטשן. אָבער אַזוי ווי תרח האָט שטאַרק נושא חן געווען אין נמרוד׳ס אויגן, האָט נמרוד אים געמאַכט זעהר גרויס, און ער האָט אים באַשטימט אַלס הויפּט פון אַלע זיינע הארן.

און אַזוי ווי נמרוד האָט געוועלטיקט לויט זיין הארץ האָט געגלוסט, און ער האָט מנצח געווען אַלע זיינע פיינט פון אַרום און אַרום, האָט זיך אים פאַרוואָלט צו בויען אַ הויפּטשטאָט פאַר זיין מלוכה. האָט ער צוזאַמענגערופן אַלע זיינע ראַטגעבער, און ער האָט זיך מיט זיי געהאַלטן אָן עצה.

האָבן אַלע זיינע ראַטגעבער מיט אים איינגעשטימט, און מען האָט באַשלאָסן צו בויען אַ הויפּט־שטאָט. זיי האָבן אויס־געקליבן אַ גרויסן טאָל, קעגן איבער דעם זון־אויפגאַנג, און דאָרט

האָט מען אויסגעבויט אַ גרויסע, ברייטע שטאָט. און אַט די דאָזיקע שטאָט האָט נמרוד אַ נאָמען געגעבן שנער, ווייל דער באַשעפער האָט צעבראָכן (נער) אַלע זיינע פיינט פאַר אים, און ער האָט זיי פאַרטיליקט. אויך ווייל די אַלע וועלכע זיינען אומגעקומען אין דעם מבול, זיינען אַריינגעשאָטן געוואָרן (ננערו) אין יענעם טאָל.

איז נמרוד געזעסן אין שנער און ער האָט געוועלטיגט מיט אַ זיכערער האַנט. ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט אַלע זיינע פיינט, זיי אונטערטעניק געמאַכט, געזיגט אין אַלע זיינע מלחמות, און זיין מלוכה איז שטאַרק געוואַקסן.

און אַלע פעלקער האָבן געהערט פון זיין רום, האָבן זיי זיך אַלע פאַרזאַמלט אַרום אים. זיי האָבן אים געבראַכט מתנות, זיך צו אים געבוקט, און זיי זיינען געבליבן זיצן מיט אים אין דער שטאָט שנער. אַט אַזוי האָט נמרוד געהערשט איבער אַלע אָפּשטאַמלינגע פון נח'ן, און אַלע זיינען זיי געווען אונטער זיין האַנט און אונטער זיין באַפעל.

איז אָבער נמרוד ניט געגאַנגען אין דעם אויבערשטנס וועגן, און ער האָט געזינדיקט מער פון יעדן מענטשן וועלכער האָט געלעבט פאַר אים, זינט די צייטן פון דעם מבול ביז זיין איינענער צייט.

ווייל ווי נאַר דער נאַר און דער רשע נמרוד האָט אָנגעהויבן קיניגן, האָט ער זיך אַליין פּראָקלאַמירט אַלס גאָט, ווי עס האָבן געטאָן חירם, נבוכדנצר, פרעה און יואש. ער האָט זיך אָנגעהויבן האַלטן שטאַרק גרויס און געזאָגט אַז ער איז גאָט.

ער האָט אָנגעהויבן לייקענען אין דער אמונה פון השם יתברך. ער האָט אָנגעהויבן ווידערשפּעניקן קעגן זיין האַר, און געזאָגט אַז ער איז דער הערשער פון דער וועלט. ער האָט אָנגעהויבן אָפּריידן די מענטשן פון צו דינען דעם בורא עולם און זיי איבערגערעדט זיי זאָלן אים דינען. האָבן די מענטשן פון זיין צייט אָנגעהויבן אים צו דינען און זיך בוקן צו אים.

דערצו נאָך האָט ער אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק און פחד אויף די אַנדערע פעלקער, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אים דינען. און ער איז געגאַנגען און האָט אויסגעבויט אַ ספּעציעלן פּאַלאַץ, וואָס איז געווען וואונדערלעכער פון אַלע אַנדערע און געמאַכט דאָרט אַן אָרט פאַר זיך.

ער האָט אויפגעשטעלט אַ הויכן טורעם פון קיילעכדיקע ציגל, קעגנאיבער האָט ער אויפגעשטעלט אַ גרויסן טראָן פון צעדער האָלץ, אויף אַ שטיינערנעם פונדאַמענט. און דאָן האָט ער אויפגעשטעלט נאָך איינעם פון אייזן אויף אַ פונדאַמענט פון צעדער האָלץ, איינעם פון קופּער אויף אַן אייזערנעם פונדאַמענט, איינעם

פון זילבער אויף אַ קופּערנעם פונדאַמענט, איינעם פון גאָלד אויף אַ זילבערנעם פונדאַמענט, איינעם פון קיילעכדיקע פּערל און טייערע ברילִיאַנטן אויפן שפּיץ, און דאָרט פלעגט ער זיצן, און אַלע פעלקער פלעגן קומען און זיך בוקן צו אים.

און אַזוי ווי נמרוד איז געווען אַ גרויסער חכם, האָט ער געזען אין די שטערן, אַז ביי זיין לעבּ-צייט וועט געבוירן ווערן איינער וועלכער וועט אָפּלייקענען אַז ער איז גאָט, און וועט אים באַזיגן. האָט ער אָנגעהויבן ציטערן אַ גרויס ציטערניש.

און נמרוד וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאָט, האָט געשיקט רופן אַלע הארן און עלצטע, און ער האָט זיי דערציילט אַז ער האָט געזען אין די שטערן אַז ביי זיין לעבּ-צייט וועט געבוירן ווערן איינער וועלכער וועט אָפּלייקענען אַז ער איז גאָט, און ער האָט זיי געפרעגט: „וואָס איז אייער עצה? וואָס זאָגט איר זאָל איך טאָן מיט דעם קינד וואָס דאַרף געבוירן ווערן?"

האָבן די הארן אים דערויף געענטפערט, אַזוי צו זאָגן: „אונזער עצה איז אַז דו זאָלסט באַפעלן אויסצובויען אַ גרויס הויז, ביי דעם הויז זאָלסטו אַוועקשטעלן אַ וואַך. און דו זאָלסט אַרויס-שיקן אַ באַפעל איבער דיין גאַנצער מלוכה, אַז אַלע ווייבער וועלכע זיינען אויף דער צייט, זאָלן קומען אין אָט דעם הויז. אויך די באָבעס (אַמען) זאָלן אַהין קומען, און אויף זיי אַכטונג געבן ביז זיי געבוירן די קינדער. איז אויב אַ אינגל וועט געבוירן ווערן, זאָל מען עס טויטן באַלד אויפן אָרט. אויב עס איז אַ מיידל זאָל מען עס לאָזן לעבן. נאָכמער, מען זאָל געבן דער מוטער מתנות, זי אויסקליידן אין בגדי מלכות און מען זאָל אויסרופן: „אָט אַזוי טוט מען צו אַ פרוי וועלכע ברענגט אויף דער וועלט אַ טאָכטער!"

נאָכדעם ווי נמרוד האָט אויסגעהערט זייער עצה, האָט ער זיך זעהר שטאַרק געפרייט. און טאַקע באַלד האָט ער אַרויסגעשיקט אַ באַפעל איבער זיין גאַנצער מלוכה, אַז די גרעסטע מייסטער און אַרכיטעקטן זאָלן קומען בויען אַ גרויס הויז פאַר דעם מלך. די הויך פון דעם הויז זאָל זיין זעכציק איילן, און די ברייט אַכציק איילן.

און נאָכדעם ווי דאָס הויז איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער באַפוילן אַז אַלע מעוברת'ע ווייבער זאָלן אַהין קומען און דאָרט פאַרבלייבן ביז זיי וועלן געווינען. ער האָט אויך באַשטימט עלצטע וועלכע זאָלן ברענגען די ווייבער אין דעם אַנשטאַלט אַריין. און דערצו האָט ער אויך באַשטימט אַ וואַך וואָס האָט געהיט די טירן, אַז קיינער פון די פרויען זאָל קענען אַנטלויפן.

און די באָבעס האָט ער געגעבן אַ באַפעל, אַז ווי נאָר אַ אינגל וועט געבוירן ווערן, זאָלן זיי אים טויטן ביי דער מוטערס

ברוסט. טאמער אבער איז עס א מיידל, זאל מען די מוטער אויספוצן אין קליידער פון ליאן און זייד, זי פון דארט ארויספירן, איר צוטיילן א סך כבוד, און מען זאל זי אהיים פירן מיט גרוים ערע.

האט מען געטאן ווי דעם קעניגס באפעל האט געלויטעט, און איבער זיבעציק טויזנט אינגלעך זיינען אויסגע׳הרג׳ט געווארן.

ווען די מלאכים אין הימל האבן דאס געזען, האבן זיי געזאגט צום אויבערשטן: „האר פון אלע וועלטן! האסט דאך געזען וואס דער רשע און כופר נמרוד האט געטאן, ווי ער האט געטויט אהן א שיעור אומשולדיקע קינדער". האט דער הייליקער, ברוך הוא, זיי געענטפערט: „הייליקע מלאכים, איך ווייס און איך האב געזען, ווארום איך שלאף ניט און דרימל ניט, און איך זע און ווייס אלע אנטפלעקטע און אלע פארבארגענע זאכן. אבער ווארטסט און איר וועט זען וואס איך וועל טאן צו דעם דאזיקן רשע און כופר, ווארום איך וועל ארויפלייגן אויף אים מיין האנט און וועל אים שטראפן".

אברהם׳ס געבורט

און תרח, דער הויפט פון נמרוד׳ס ארמיי, דער זון פון נחור, איז געווען זעהר באליבט אין יענע צייטן אין די אויגן פון דעם מלך, און די הארן האבן אים זעהר הויך-געהאלטן.

האט תרח אין יענע טעג גענומען א פרוי מיטן נאמען אמתלאי, די טאכטער פון כרנבו. איז אמתלאי מעוברת געווארן. נאכדעם ווי עס זיינען אוועק דריי חדשים, האט איר בויך אנגע־הויבן ווערן העכער, און איר פנים האט אנגעהויבן ווערן מאגערער. האט איר מאן תרח צו איר געזאגט: „וואס פעלט דיר, מיין ווייב, דיין פנים ווערט פון טאג צו טאג מאגערער, און דיין בויך ווערט העכער?".

האט אמתלאי אים געענטפערט: „איך לייד פון אזא קראנקייט וואס ווידערהאלט זיך אלע יאר".

אבער תרח האט ווייטער געפרעגט און צו איר געזאגט: „ווייז מיר דיין בויך, ווארום עס זעט מיר אוים אז דו שוואנגערסט. און אויב יא, פאסט עס דאך ניט אז מיר זאלן עובר זיין אויף דעם באפעל פון אונזער גאט נמרוד".

און תרח האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף איר בויך. האט אבער דער אויבערשטער געטאן א נס, און דאס קינד האט זיך ארויפגערוקט אונטער דער ברוסט, האט ער געטאפט מיט די הענט,

אָבער ער האָט גאָרניט געפונען. האָט ער געזאָגט צו איר: „ביזט גערעכט, עס איז אמת וואָס דו האָסט געזאָגט".

האָט קיינער דערפון ניט געוואוסט די גאַנצע צייט, ביז די חדשים פון טראָגן האָבן זיך געענדיקט. און אַזוי ווי אמתלאי האָט שטאַרק מורא געהאַט, איז זי אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָט, און איז געגאַנגען דורך דער מדבר, נעבן אַ געוויסן טייך. דאָרט האָט זי דערזען אַ הייל, איז זי אַהין אַריינגעגאַנגען.

אויפן צווייטן טאָג האָבן זי אָנגעכאַפּט ווייען פון אַ געווינערין, און זי האָט געבוירן אַ אינגל. און געווען איז דאָס אין חודש תשרי אין דעם יאָר נייען הונדערט אַכט און פערציק נאָך בריאת העולם. און דאָס קינד איז געווען אַ ניצוץ, אַ פונק, פונעם מלאך מיכאל, און געבוירן געוואָרן איז ער נאָר אין דעם זכות פון יעקב'ן.

אין דער אמת'ן, האָט אברהם גאָר באַדאַרפט געבוירן ווערן נאָך פאַר אָדם הראשון'ען. נאָר דער באַשעפער האָט זיך געטראַכט: טאָמער וועט אברהם געבוירן ווערן פאַר אָדם הראשון'ען און ער וועט זיך פאַרזינדיקן, וועט דאָך ניט זיין ווער עס זאָל עס גוט מאַכן. וועל איך בעסער באַשאַפן צוערשט אָדם הראשון'ען, און אויב ער וועט זיך פאַרזינדיקן, וועט קומען אברהם און ער וועט עס מתקן זיין, פאַריכטן.

און ווי נאָר זי האָט דערזען ווי די גאַנצע הייל לייכט ווי די זון פון דער ליכטיקייט פון דעם קינדס פּנים, האָט זי זיך זעהר שטאַרק געפרייט. זי האָט אויפגעעפנט איר מויל, און זי האָט גע־זאָגט: „איך האָב דיך געבוירן אין אַ צייט ווען נמרוד איז מלך, און צוליב דיר האָט ער אויסגעהרג'ט זיבעציק טויזנט אינגלעך. איך האָב זעהר געציטערט איבער דיר, ווייל ווען ער זאָל געווען געוואויר ווערן וועגן דיר, וואָלט ער דאָך דיך זיכער געוועזן געטויט. איז דעריבער גלייכער אַז דו זאָלסט שטאַרבן אין דער דאָזיקער הייל, איידער מיינע אויגן זאָלן דיך זען אַ געשאָכטענעם נעבן מיין ברוסט".

אַזוי ריידנדיק האָט אמתלאי אויסגעטאָן איר אויבערשטן מלבוש און אין דעם איינגעוויקלט דאָס קינד, און זי האָט צו אים געזאָגט: „דיין באַשעפער וועט זיין מיט דיר, ער וועט דיך ניט אָפּלאָזן, און ער וועט דיך ניט פאַרלאָזן", און זי איז אוועקגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק דאָס קינד אַליין, אויף דעם „אויבערשטנס באַראָט".

ליגנדיק אַליין אין דער הייל, אָהן אַן אַכטונג־געבער און אָהן אַן אַם וואָס זאָל עס זויגן, האָט דאָס קינד אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען. האָט השם יתברך דערהערט דעם קינדס געוויין, און ער האָט געשיקט דעם מלאך גבריאל, ער זאָל אים קאָרמענען און אים

געבן מילך. האט דער מלאך גבריאל באלד אויסגעפאלגט דעם אויבערשטנס באפעל, און ער האט געקארמעט דאס קינד. פון גבריאל'ס רעכטן פינגער האט דאס קינד געזויגן מילך, און עס האט זיך אזוי דערנערט.

אט אזוי איז דאס קינד געלעגן אין דער הייל גאנצע צען טעג. און ווען דאס קינד איז אלט געווארן צען טעג, האט עס פארלאזט די הייל, און אנגעהויבן ארומגיין אויף דער גאס. דאס אינגל האט ארומשפאצירטביים ברעג טייך, און האט אויך געקענטריידן, און עס האט גערעדט לשון הקודש.

אברהם'ס קינדהייט

און אין יענע טעג האבן די מענטשן געזינדיקט קעגן דעם באשעפער פון דער וועלט. זיי האבן ווידערשפעניקט קעגן דעם אויבערשטן, געדינט פרעמדע אפגעטער, און אינגאנצן פארגעסן אין דעם אלמעכטיקן וועלכער האט זיי באשאפן אויף דער וועלט. אין יענע טעג האט זיך יעדער איינער געמאכט זיין אייגענעם גאט. זיי האבן זיך געמאכט געטער פון האלץ און פון שטיין, וואס קענען ניט הערן, קענען ניט ריידן און קענען ניט העלפן. און אט זיי האבן זיי געמאכט פאר זייערע געטער און זיי געדינט.

און דער מלך און אלע זיינע קנעכט, תרח און זיין הויז־געזינט, זיינען געוועזן די ערשטע אין יענע ציטן, צו דינען די הילצערנע און שטיינערנע געטער.

האט טאקע תרח געהאט ניט ווייניקער פון צוועלף גרויסע אפגעטער, הילצערנע און שטיינערנע, א גאט פאר יעדן חודש. יעדער חודש האט ער געדינט אן אנדער אפגאט, צו אים געאפפערט קרבנות, זיך צו אים געבוקט. אט אזוי האבן זיך געפירט אלע מענטשן פון יענער צייט, און דעם אויבערשטן וועלכער האט זיי באשאפן, האבן זיי אינגאנצן פארגעסן. און עס האט זיך אין יענע ציטן ניט געפונען אן איינציקער מענטש וועלכער האט געדינט דעם וועלט באשאפער, אויסער נח'ן, זיין הויזגעזינט, און די וועלכע זיינען געוועזן אונטער זיין איינפלוס.

און אזוי ווי דאס אינגעלע האט ארומגעשפאצירט איבער דער ערד, האט ער אויך אנגעהויבן שוועבן אין זיינע געדאנקען. באטש ער איז נאך געוועזן אזוי קליין און אזוי יונג, האט ער שוין פונדעסטוועגן געטראכט טאג און נאכט. ער האט זיך געהאלטן אין איין וואונדערן: ווי איז עס מעגלעך, אז דער ראד זאל זיך שטענדיק דרייען פון זיך אליין! ווי איז עס מעגלעך אז עס זאל

ניט זיין אַ פירער וועלכער דרייט אָט דעם דאָזיקן ראָד! עס איז דאָך ניט מעגלעך אַז ער זאָל זיך דרייען פון זיך אַליין!

און וועמען צו פרעגן האָט ער ניט געהאַט, וואָרום אַלע האָבן דאָך געדינט אָפּגעטער. אַפילו זיין אייגענע טאַטע מאַמע האָבן דאָך געדינט צו אָפּגעטער.

אָבער דאָס אינגל האָט שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז די מענטשן פירן זיך אויף נאַריש, אַז די אָפּגעטער וואָס זיי דינען זיינען נאַרעשקייטן און זיי קענען ניט העלפן, האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן ווער עס איז דער פירער פון דער וועלט.

אַזוי טראַכטנדיק איז דאָס אינגל געקומען צום באַשלוס, אַז מען דאַרף זיך בוקן צו דער ערד און זי דינען, דערפאַר ווייל זי גיט אַרויס עסנוואַרג, און דערהאַלט די מענטשן ביי דעם לעבן. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען אַז די ערד מוז האָבן רעגן, ווייל אָהן רעגן וואַקסט ניט, האָט ער געענדערט זיין באַשלוס, און געהאַלטן אַז מען דאַרף זיך בוקן צו קיין אַנדער זאַך ווי צום הימל.

נאָכדעם ווי דאָס אינגל האָט שוין געמיינט אַז דער הימל איז דער פירער פון דער וועלט, האָט ער אָבער איינגעזען, אַז די זון גיט ליכט צו דער גאַנצער וועלט, אַז זי מאַכט עס וואַקסן אַלע געוויקסן, האָט ער אָנגעהויבן צו דענקען, אַז מען דאַרף זיך בוקן צו דער זון.

אָבער ווען עס איז געקומען פאַרנאַכט, און ער האָט אַ קוק געטאָן ווי די זון גייט אונטער און פאַרשווינדט, איז ער געוואָרן זיכער אַז אויך די זון איז ניט אַלמעכטיק, איז ניט דער באַשאַפער און דער פירער פון דער וועלט. און ווען די לבנה און די שטערן האָבן זיך באַוויזן און באַלויכטן די פינצטערע נאַכט, האָט ער געטראַכט ביי זיך אַז זיי האָבן אַוודאי באַשאַפן די וועלט, און צו זיי דאַרף מען זיך בוקן.

אָבער ווי נאָר דער מאָרגן־שטערן האָט אָנגעהויבן אויפ־צוגיין, און די לבנה מיט די שטערן זיינען פאַרשוואונדן, האָט ער איינגעזען אַז אויך זיי האָבן ניט באַשאַפן די וועלט. ער האָט זיך שטאַרק מצטער געווען. און ער האָט צו זיך אַליין געזאָגט: ווען עס זאָל ניט זיין אַ פירער, פאַרוואָס זשע זאָל דער אונטערגיין און דער אויפגיין. ווען עס זאָל ניט זיין אַ פירער, וואָלט דאָך אַזוי ניט פּאַסירט. איז דאָך ניט אַנדערש נאָר עס מוז זיין אַ פירער. איז וויבאַלד אַזוי, דאַרף מען זיך דאָך ניט בוקן צו זיי, נאָר צו זייער פירער.

אָט אַזוי האָט זיך דאָס אינגל אָנגעהויבן דערגרונטעווען צום אמת. ער איז איצט שוין געווען זיכער אַז אָט די אַלע זאַכן האָבן

ניט באשאפן די וועלט. זיי זיינען דעם באשאפערס קנעכט. איבער אט די אלע איז פאראן א קעניג, א הערשער וועלכער פירט זיי.

ווען דער וועלט באשאפער האט א קוק געטאן ווי דאס אינגל האט זעהר גרויסן צער פון זיין ניט וויסן ווער עס איז דער פירער פון דער וועלט, האט ער זיך צו אים באוויזן, און ער האט אים געזאגט: „איך בין דער פירער פון דער וועלט. און דערפאר וואס דו האסט ליב גערעכטיקייט און האסט פיינט רשעות, וועל איך דיך זאלבן פאר אלע דורות, וואס זיינען געוועזן פאר דיר, און וואס וועלן זיין נאך דיר". און באוויזן האט זיך דער באשעפער צו אים ניט אינגאנצן, ווייל ער איז דאן נאך ניט געוועזן גע'מל'ט.

און דאס אינגל איז באלד אוועק צו א קוואל וואס האט זיך דארט געפונען, און ער האט זיך געוואשן זיין פנים, זיינע הענט און פיס, און ער האט תפילה געטאן צו השם יתברך.

איצט איז ער געוועזן זיכער אז ער איז אויף דעם אמת'ן וועג. ער האט איצט געוואוסט אז עס איז פאראן בלויז איין וועלט-באשעפער, און ער פירט דעם ראד פון דער וועלט; ער האט באשאפן אלצדינג, און עס איז פאראן קיין אנדערער א חוץ אים.

ער איז איצט געוועזן זיכער אז די גאנצע וועלט לעבט אין טעות; אז די גאנצע מענטשהייט גייט אויפן פאלשן וועג; און אז שולדיק אין דעם זיינען נאר די, וועלכע דינען די פארשידענע אפגעטער. און ער האט זיך טאקע א נעם געטאן צו איבערצייגן די מענטשן אז זיי גייען אויף דעם פאלשן וועג. ער האט אנגעהויבן זיי אויפווייזן אז דינען דארף מען בלויז דעם אלמעכטיקן וועלכער האט באשאפן און פירט די וועלט. און די אלע אפגעטער דארף מען צעברעכן און פארניכטן, כדי די קומענדיקע דורות זאלן ניט גיין אויף דעם זעלבן פאלשן וועג.

און מען דארף ניט פארגעסן אז פונקט ווי דער טייטלבוים גיט ארוים די פירות פון זיך אליין, פון זיין אייגענעם הארץ, אזוי האט אויך קיינער געלערנט דעם אינגל, אז עס איז פאראן אן איין און איינציקער פירער אין הימל; אז נאר אים דארף מען ליב האבן, און פאר אים דארף מען מורא האבן. ווייל דאס אינגל האט דאך געהאט קיין שום לערער, נאר ער אליין, מיט זיין אייגענעם געדאנק און מיט זיין אייגן הארץ, האט טאג און נאכט נאכגעדאכט, ביז ער האט פון אליין זיך דערגרונטעוועט צום אמת.

אברהם און זיין מוטער אמתלאי

און די מוטער האָט דאָס קינד ניט פאַרגעסן. עפּעס אַ קליינינקייט — אַ מוטערס האַרץ! האָט זי געהאַלטן אין איין פאַרגיסן טרערן, אין איין וויינען און קלאָגן. און אַזוי ווי זי האָט עס שוין ניט געקאָנט מער אַריבערטראָגן, האָט זי פאַרלאָזט די שטאָט, און זיך געלאָזט גיין צו דער הייל וואו זי האָט געבוירן און איבערגעלאָזט איר קינד. גייענדיק האָט זי געוויינט און געזאָגט: „ווי צו מיר וואָס איך האָב דיך געבוירן דו זאָלסט ווערן אַ פאַרצוקונג פאַר בערן, לייבן און וועלף".

און גייענדיק אַזוי לייגאַוים דעם ברעג פון דעם טייך, האָט זי באַגעגנט איר זון, אָבער זי האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז איר קינד, ווייל ער איז געווען ווי אַ דערוואַקסענער מענטש.

האָט זי זיך געווענדעט צו אים און געזאָגט: „שלום עליך".

און ער האָט איר געענטפערט: „עליך שלום", און געפרעגט: „וואָס גייסטו אַרום עפּעס איינע אַליין אין די דאַזיקע ווילסטע ערטער?".

און אמתלאי האָט אים געענטפערט: „איך האָב פאַרלאָזט די שטאָט, און גיי אַרום זוכן מיין קינד".

„ווער האָט געבראַכט אַהער דיין קינד?" — האָט ער געפרעגט.

און די פרוי האָט אים געענטפערט: „איך בין תרח'ס ווייב, און איך האָב אים געבוירן אַ אינגל. בעת איך האָב באַדאַרפט געבוירן מיין קינד, האָב איך מורא געהאַט אַז טאָמער וועט עס זיין אַ אינגל, וועט אונזער קעניג נמרוד עס דער'הרג'נען, פונקט ווי ער האָט געטויט די אַנדערע זיבעציק טויזנט אינגלעך. בין איך אַוועק אין דער דאַזיקער געגנט, אַריין אין אַ הייל, דאָרט האָב איך געקראָגן די ווייען פון אַ געווינערין, און איך האָב געבוירן אַ אינגל. האָב איך דאָס קינד איבערגעלאָזט אין דער הייל, און בין געגאַנגען אַהיים. איצט בין איך געקומען זוכן דאָס קינד, און קען עס ניט געפינען".

„ווי לאַנג איז עס אַז דו האָסט דאָס קינד דאָ איבערגעלאָזט?" האָט ער געפרעגט.

„אַן ערך פון צוואַנציק טעג" — האָט זי געענטפערט.

„איז עס דען אַמאָל געהערט געוואָרן, אַז אַ מוטער זאָל איבערלאָזן אַ קליין קינד איינער אַליין אין אַ מדבר, און אים קומען זוכן נאָך צוואַנציק טעג?" — האָט ער געפרעגט.

„איך האָב זיך פאַרלאָזט אויפן אַלמעכטיקן" — האָט זי געענטפערט.

רופט ער זיך אָן צו איר און זאָגט: „איך בין עס דאָס קינד, וואָס דו ביזט געקומען זוכן".

„איז עס מעגלעך אַז דו ביזט מיין קינד? אין צוואַנציק טעג צייט ביזטו אַזוי אויסגעוואַקסן, און דו גייסט אויף דיינע פיס, און דו רעדסט מיט דיין מויל, און דאָס אַלץ אין צוואַנציק טעג?!" האָט זי זיך געוואונדערט.

און ער האָט איר געענטפערט: „יאָ! און זיי וויסן, מאַמע, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסער פאָטער אין הימל, אַן אַלמעכטיקער, וועלכער לעבט אייביק, וואָס זעט אַלצדינג, אָבער קיינער זעט אים ניט. ער איז אין הימל, און די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין כבוד".

„אָבער קינד מיינס", זאָגט זי, „איז דען פאַראַן אַ פירער אויף דער וועלט אַ חוץ נמרוד'ן?"

„יאָ, מאַמע, דער וואָס האָט באַשאַפן הימל, ערד און נמרוד'ן. גיי אַהיים און זיי דאָס מודיע נמרוד'ן".

איז אמתלאי צוריקגעגאַנגען אין שטאָט אריין, און זי האָט דערציילט איר מאַן תרח פון אַלצדינג. האָט תרח אַ נאָמען געגעבן זיין קינד אברם. ווייל דער קעניג האָט אים דערהויבן אין יענע טעג, און האָט אים געמאַכט העכער פון אַלע זיינע הארן.

און תרח איז אַוועקגעגאַנגען אין דער הויפּטשטאָט וואו דער קעניג נמרוד האָט זיך געפונען, און ער האָט זיך פאַר אים פאַרבוקט. ווייל אַזוי איז דאַן געווען דער מנהג. מען האָט זיך געדאַרפט בוקן מיט דעם פּנים צו דער ערד, און מען האָט זיך ניט געטאָרט אויפהויבן, ביז דער קעניג האָט געהייסן. און דער קעניג האָט צו אים געזאָגט: „הויב אויף דיין קאָפּ און זאָג וואָס דיין פאַרלאַנג איז".

האָט תרח אויפגעהויבן זיין קאָפּ, און ער האָט געזאָגט: „לעבן זאָל מיין האַר, דער קעניג! איך בין געקומען דיר מודיע זיין וועגן דעם וואָס דו האָסט געזען אין די שטערן, אַז עס וועט געבוירן ווערן אין דיין לאַנד אַ אינגל, וואָס וועט צונישט מאַכן דיין אמונה, און צוליב וועמען דו האָסט אומגעבראַכט זיבעציק טויזנט קינדער. איך בין געקומען דיר אָנזאָגן, אַז אָט דאָס אינגל איז מיין קינד, זיין מוטער האָט מיט אים געטראָגן, און איך האָב דערפון ניט געוואוסט. ווייל זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז ניט מעוברת, נאָר אַז זי ליידט פון אַ קראַנקייט אַזאַ. און ווען איך האָב זי אונטערזוכט, האָב איך דערטאַפּט קיין קינד. און ווען דער שוואַנגער פּעריאָד האָט זיך געענדיקט, און זי האָט געדאַרפט געבוירן דאָס קינד, האָט זי פאַרלאָזט די שטאָט. זי איז אַוועק־געגאַנגען צו אַ טייך, און דאָרט האָט זי געפונען אַ הייל, און

דאָרט געבוירן דאָס קינד, און האָט עס איבערגעלאָזט פאַר די ווילדע חיות. נאָך צוואַנציק טעג צייט, איז זי ווידער אַהין געגאַנגען, און זי האָט געפונען דאָס קינד אויסגעוואַקסן, און ער האָט אַרומשפּאַצירט ליינגאַוויס דעם ברעג טייך. ער האָט איר געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן אַ פאָטער אין הימל, וואָס זעט אַלצדינג, אָבער מען קען אים ניט זען. און אַז ער איז דער איין און איינציקער אַלמעכטיקער און קיין צווייטער גאָט איז ניטאָ".

נמרוד׳ס מורא פאַר אברהם׳ן

ווען דער רשע נמרוד האָט דערהערט די דאָזיקע רייד, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ גרויס ציטערניש. ער האָט באַלד פאַרזאַמלט אַלע זיינע ראַטגעבער, און האָט זיך געהאַלטן מיט זיי אַן עצה.

האָבן די ראַטגעבער צו אים געזאָגט: „אונזער קעניג, אונזער גאָט! צו וואָס דאַרפסטו ציטערן פאַר אַ קליין אינגל! דו האָסט דאָך אין דיין לאַנד צענדליקער טויזנטער הערן, באַדינער און סאָלדאַטן. דער קלענסטער פון דיינע הערן וועט גיין און אים ברענגען, און דו וועסט אים איינשפּאַרן אין געפענגעניש".

האָט נמרוד צו זיי געזאָגט: „האָט איר דען שוין אין אייער לעבן אַמאָל געזען אַז אַ קינד וואָס איז אַלט בלויז צוואַנציק טעג, זאָל אַרומגיין אויף זיינע פיס, ריידן מיט זיין מויל און זאָגן אַז עס איז פאַראַן אַ פאָטער אין הימל, אַן איין איינציקער אַלמעכטיקער און קיין צווייטער, וועלכער זעט אַלצדינג און קיינער זעט אים?"

און אַלע הערן, וועלכע זיינען דאָרט געווען, האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט, ווען זיי האָבן דאָס דערהערט. דערווייל איז געקומען דער שטן, פאַרשטעלט אין דעם געשטאַלט פון אַ מענטשן, און אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן זיידענעם מאַנטל, און ער האָט זיך פאַרבוקט פאַר דעם קעניג, ווי עס איז דאַן געווען דער מנהג, און דער קעניג האָט צו אים געזאָגט: „הויב אויף דיין קאָפּ, און זאָג וואָס דיין פאַרלאַנג איז".

האָט דער שטן געעפנט זיין מויל, און ער האָט געזאָגט: „וואָס זאָרגסטו זיך אַזוי? וואָס פאַרלירט איר זיך אַלע צוליב אַ קליין אינגל! איך קען אייך געבן אַן עצה וואָס צו טאָן".

האָט דער מלך צו אים געזאָגט: „וואָס איז דיין עצה?"

און דער שטן האָט געענטפערט: „עפן אויף אַלע דיינע שפּייכלערס וואו דו האַלטסט דאָס געווער, באַוואָפן אַלע דיינע גענעראַלן,

אפיצירן און סאָלדאַטן, און שיק זיי ברענגען דאָס אינגל צו דיר, און באַפעל אים דיך צו דינען און צו זיין אונטער דיין אויפזיכט".

האָט דער מלך אַזוי געטאָן. ער האָט געעפנט אַלע זיינע אוצרות מיט כלי זיין, באַוואָפנט זיין גאַנצע אַרמיי, און זיי באַפוילן צו ברענגען דאָס אינגל. ווען אַברם האָט זיי דערזען, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ גרויס ציטערניש, און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען צום פאָטער אין הימל, ער זאָל אים ראַטעווען, וואָרום ער איז דאָך מציל דעם שוואַכן פון דעם שטאַרקן.

און דער אויבערשטער האָט דערהערט זיין געשריי און געזען זיינע טרערן, און ער האָט אים געשיקט דעם מלאך גבריאל, ער זאָל אים ראַטעווען פון זייערע הענט. און דער מלאך האָט צו אים געזאָגט: „וואָס איז מיט דיר, אַברם? פאַרוואָס וויינסטו?"

האָט ער אים געענטפערט: „איך האָב מורא פאַר די דאָזיקע מענטשן וועלכע זיינען געקומען מיך הרג'ענען". אָבער דער מלאך גבריאל האָט אים געענטפערט: „האָב קיין מורא, און האָב קיין אַנגסט, ווייל דער בורא עולם איז מיט דיר, און ער וועט דיך ראַטעווען פון דער האַנט פון דיינע שונאים".

און דער הייליקער, ברוך הוא, האָט באַפוילן דעם מלאך גבריאל, ער זאָל מאַכן אַ וואָלקן און אַ נעפּל צווישן אַברם'ן און זיינע שונאים.

ווען זיי האָבן דערזען דעם וואָלקן, דאָס פינצטערניש און דעם נעפּל, האָבן זיי אָנגעהויבן צו ציטערן. זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייער קעניג נמרוד, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: „לאָמיר אַנטלויפן פון דעם דאָזיקן לאַנד".

ווען דער מלך נמרוד האָט דאָס דערהערט, האָט ער געגעבן געלט אַלע זיינע הארן און קנעכט, און זיי זיינען אַלע אַנטלאָפן אין דער מדינה בבל, וואָס איז איינע פון די שטעט, וועלכע נמרוד האָט אויסגעבויט אין דעם לאַנד שנער, און דאָרט האָט ער באַנייט זיין מלוכה.

אברהם פּראָקלאַמירט אחדות הבורא, דעם גלויבן אינעם איינציקן אויבערשטן

נאָכדעם ווי זיי זיינען אַנטלאָפן, האָט דער אויבערשטער געזאָגט צום מלאך גבריאל: „גיי זאָג אַברם'ן, ער זאָל גיין נאָך דעם פיינט נמרוד קיין בבל". האָט אַברם געענטפערט: „ווי קען איך גיין? איך האָב דאָך קיין שפּייז מיטצונעמען, קיין פערד צום רייטן, און קיינע סאָלדאַטן וועלכע זאָלן מיט אים האַלטן מלחמה".

האָט דער מלאך גבריאל אים געענטפערט: „דו דאַרפסט ניט אָט די אַלע זאַכן. דו דאַרפסט קיין שפּייז, קיינע רייט-פערד, קיינע סאָלדאַטן און קיינע רייט-וועגן צו פירן מיט אים מלחמה, ווייל אויף מיינע אַקסלען וועסטו רייטן. איך וועל דיך טראָגן און ברענגען קיין בבל.

האָט אַברם זיך אַרויפגעזעצט אויף דעם מלאך גבריאל׳ס אַקסלען, און אין איין אויגנבליק איז ער געווען ביי די טויערן פון בבל. און דער מלאך האָט צו אים געזאָגט: „גיי אַהין אין דער דאָזיקער מדינה און שריי אויף אַ הויך קול: „עס איז פאַראַן בלויז איין פאָטער אין הימל פון אויבן, און אויף דער ערד פון אונטן, און אַן אַנדערער איז ניטאָ; ער האָט קיין געשטאַלט פון אַ גוף, און ער איז קיין גוף. ער איז דער באַשאַפער פון אַלץ און אויך פון נמרוד׳ן, און איך, אַברם, זיין קנעכט, בין זיין באַגלויבטער”.

איז אַברם אַריין אין שטאָט און האָט געשריען אויף אַ קול, ווי דער מלאך גבריאל האָט אים געהייסן. און גייענדיק אַזוי איבער די גאַסן און מאַרקן, האָט ער אָנגעטראָפן זיין טאַטן און זיין מאַמען, און אויך דעם מלאך גבריאל. האָט דער מלאך גבריאל צו אים געזאָגט: „אַברם, זאָג דיין טאַטען און דיין מאַמען, אַז אויך זיי זאָלן גלויבן אין דעם וואָס דו רופסט אויס”.

ווי אַברם האָט דאָס דערהערט, האָט ער געזאָגט צו זיינע עלטערן: „איר דינט אַ מענטשן וועלכער איז פּונקט ווי איר, און איר בוקט זיך צו אַן אָפּגאָט וואָס האָט נמרוד׳ס געשטאַלט! ווייסט איר דען ניט אַז ער, דער אָפּגאָט, האָט אַ מויל און קען ניט ריידן, אויגן און קען ניט זען, אויערן און קען ניט הערן, פיס און קען ניט גיין. און ער ברענגט קיין שום נוצן פאַר זיך און אויך ניט פאַר יענעם”.

ווען תרח האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבן בעטן זיין זון אַברם, ער זאָל גיין מיט אים אַהיים, און אַברם האָט געפאָלגט. ווען אַברם האָט אים דערציילט אַז אין איין טאָג האָט ער געמאַכט אַ שטרעקע וואָס פאָדערט געוויינטלעך פערציק טעג, איז תרח באַלד אַוועק צו נמרוד׳ן, און ער האָט צו אים געזאָגט: „זיי וויסן, מיין געביטער, מיין קעניג, אַז דאָס אינגל, מיין זון פון וועמען דו ביזט אַהערצו אַנטלאָפן, געפינט זיך דאָ. און אַז איך האָב אים געפרעגט: ,ווי לאַנג האָט עס דיר גענומען צו קומען אַהערצו‘, האָט ער געענטפערט: ,נעכטן בין איך פון דאָרט אַוועק, און היינט בין איך אַהער געקומען‘ ”.

נמרוד אנערקענט דעם אויבערשטנס איינציקייט

אזוי ווי נמרוד האט דערהערט די דאזיקע ווערטער, האט אים אנגעכאפט א גרויס שרעקעניש. און ער האט געפרעגט זיינע הארן, ראטגעבער און קלוגע לייט אן עצה וואס צו טאן מיט אברם'ען. האבן זיי אלע ווי איינער געענטפערט: „לעבן זאל דער קעניג נמרוד אייביק! אונזער עצה איז אז דער קעניג זאל לאזן אויסרופן איבערן גאנצן לאנד, אז מען זאל פייערן זיבן טעג מיט סעודות און פארוויילונגען. יעדער איינער זאל זיך אנטאן אין יום טוב'דיקע קליידער, און דאס גאנצע לאנד זאל זיין פריילאך. דאס זעלבע זאלסטו אויך טאן אין דעם קעניגלעכן הויף, און יעדער איינער זאל קומען און דיך דינען".

האט דער קעניג אזוי געטאן. א באפעל איז ארויסגעשיקט געווארן אין בבל. מען האט אויסגערופן אין אלע מארקן און גאסן. אלע האבן זיך אויסגעפוצט אין זיידענע און אין אויסגעהאפטענע קליידער, און אנגעטאן זייער צירונג — יעדער איינער לויט זיינע מעגלעכקייטן.

און דאן האט נמרוד זיך אנידערגעזעצט אויף דעם טראן, און ער האט געשיקט נאך אברם'ען. איז אברם געקומען אין דער באגלייטונג פון זיין פאטער תרח. ער איז פארבייגעגאנגען אלע הארן און עלצטע, און איז גלייך צו צום טראן אויף וועלכן דער קעניג איז געזעסן. ער האט אנגעכאפט דעם טראן, אים געשאקלט, און אויסגעשריען אויף א הויך קול: „דו אומווירדיקער נמרוד, וואס לייקנסט אין דעם וועלט-באשעפער וועלכער לעבט אייביק, און אין זיין באגליבטן קנעכט אברם! דו זאלסט צוגעבן און זאגן פונקט ווי איך, אז דער האר איז דער באשאפער פון דער וועלט, אז ער איז איינציק, און עס איז ניטא א צווייטער, אז ער איז קיין גוף, ער לעבט און שטארבט ניט, ער דרימלט ניט און שלאפט ניט. זיי מודה אז דו ביזט א שטערבלעכער מענטש, אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, און איך, אברם, בין זיין קנעכט, כדי אלע זאלן אין אים גלויבן".

ווען אברם האט ארויסגעזאגט אט די דאזיקע ווערטער, זיינען אלע געטשקעס, וועלכע זיינען דארט געשטאנען, אומגעפאלן. ווען דער מלך און זיינע הארן האבן דאס דערזען, זיינען זיי אלע געפאלן אויף זייערע פנים'ער. דעם קעניגס הארץ איז צעגאנגען פון שרעק. די נשמה איז פון אים ארויסגעפלויגן, און ער איז אזוי געלעגן מיטן פנים אויף דער ערד דריטהאלבן שעה. דאן איז ער ווידער געקומען צו זיך ביסלעכווייז, און ער האט געזאגט:

„אַברם! איז דאָס דיין קול, אָדער דאָס קול פון דיין פּאָטער אין הימל," און אַברם האָט געענטפערט: „דאָס איז דאָס קול פון אַ קליין באַשעפעניש וואָס דער הייליקער, גלויבט זיין נאָמען, האָט באַשאַפן".

האָט נמרוד געזאָגט: „אמת, אַברם, דיין באַשעפער איז גרויס, שטאַרק און אַלמעכטיק. ער איז דער קעניג פון אַלע קעניגע". און צו תרח'ן האָט ער געזאָגט, אַז ער און זיין זון מעגן גיין, און זיי זיינען ביידע צוזאַמען אַוועקגעגאַנגען.

אברהם באַקערט געצנדינערס צום אויבערשטן

און עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט ביז אַברם איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר. איז זיין פּאָטער תרח קראַנק געוואָרן. האָט תרח גערופן צו זיך זיינע זין הרן און אַברם, און ער האָט געזאָגט צו זיי: „קינדער! איך האָב קיין געלט, שוין אויסגעגעבן די לעצטע מטבע, אַלזאָ בעט איך אייך פאַרקויפט צוויי אָפּ־געטער". איז הרן געגאַנגען, און ער האָט פאַרקויפט די אָפּגעטער, און דאָס געלט האָט ער געגעבן תרח'ן.

און אַברם איז געגאַנגען, און ער האָט גענומען צוויי אַנדערע אָפּגעטער צו פאַרקויפן. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ שטריק אויף זייערע העלזער, זיי אַוועקגעלייגט מיט די פּנים'ער אַראָפּ, זיי געשלעפּט איבער די גאַסן און געשריען: „ווער וויל קויפן אַן אָפּגאָט וואָס קען ניט ברענגען נוצן זיך און ניט דעם קונה; ער האָט אַ מויל און קען ניט ריידן, אויגן און קען ניט זען, פיס און קען ניט גיין, אויערן און קען ניט הערן?"

ווען מענטשן האָבן דאָס דערהערט האָבן זיי זיך שטאַרק געוואונדערט. דערווייל איז צוגעקומען צו אים אַן אַלטע פרוי און האָט געזאָגט: „איך בעט דיך, אַברם, גיב מיר עפּעס אַ גוטן, גרויסן גאָט, איך זאָל אים דינען און ליב האָבן".

זאָגט אַברם צו איר: „באַבעניו, איך ווייס אַז סיי די קליינע, סיי די גרויסע אָפּגעטער קענען ניט העלפן, ניט זיך און ניט אַן אַנדערן. און וואָס האָסטו געטאָן מיט דעם גרויסן אָפּגאָט וואָס דו האָסט געקויפט פון מיין ברודער הרן?"

„יענעם האָבן גנבים צוגע'גנב'ט נאָך אין דער זעלבער נאַכט, פונקט ווען איך בין געווען אין באָד", האָט געענטפערט די אַלטיטשקע.

„אויב אַזוי", האָט געזאָגט אַברם, „ווי זשע דינט מען צו אַן אָפּגאָט וואָס קען זיך אַליין ניט העלפן קעגן גנבים! און דו

דערוואַרסט נאָך אַז דער גאָט וואָס קען זיך אַליין ניט העלפן, זאָל דיר העלפן!"

„אויב דו ביזט גערעכט, אַברם, איז וועמען זשע זאָל איך דינען?" פרעגט די אַלטיטשקע.

„וואָס הייסט וועמען!" שרייט אויס אַברם, „דין דעם האַר פון אַלע האַרן, דעם באַשעפער וועלכער האָט באַשאַפן הימל און ערד, דעם ים און אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין אים; ער איז אויך דער באַשאַפער פון נמרוד'ן, פון תרח'ן, פון מזרח און מערב, פון צפון און דרום; און וועך איז עס דער הונט נמרוד וואָס דערקלערט זיך פאַר אַ גאָט, און וויל מען זאָל אים דינען!"

„ביזט גערעכט, אַברם, פון איצט אָן און ווייטער וועל איך דינען בלויז דיין פאָטער אין הימל, אַברם. אָבער וואָס פאַר אַ נוצן וועט עס מיר ברענגען?" פרעגט די אַלטיטשקע.

„אַלץ וואָס מען האָט ביי דיר צוגעגנב'ט וועט דיר אומ־געקערט ווערן, און ער וועט דיך ראַטעווען פון גיהנם", ענטפערט אַברם.

„און וואָס דאַרף איך טאָן כדי ניצול צו ווערן פון גיהנם?" פרעגט די זקנה.

„אַלץ וואָס דו דאַרפסט טאָן איז צו אָנערקענען אַז דער באַשעפער איז אין הימל און אויף דער ערד. ער איז איינער, און עס איז ניט פאַראַן אַ צווייטער. ער מאַכט טויט און לעבעדיק, און איך, אַברם, בין זיין באַגלויבטער קנעכט", האָט אַברם גע־ענטפערט, און די אַלטינקע האָט איינגעוויליקט.

און די אַלטע האָט טאַקע באַלד תשובה געטאָן. זי האָט חרטה געקראָגן וואָס זי האָט געדינט אָפּגעטער. מען האָט אויך געפונען די גנבים, און זיי האָבן איר אָפּגעגעבן דעם אָפּגאָט. איז זי געגאַנגען, און האָט גענומען אַ שטיין, אים צעקלאַפּט דעם קאָפּ, און געזאָגט: „ווי צו דיר און צו די אַלע וועלכע דינען דיך, וואָרום דו ביזט נוצלאָז פאַר דיך און פאַר די וועלכע דינען דיך".

און נאָכדעם איז זי אַרויס, אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און מאַרקן און האָט געשריען: „ווער עס וויל געראַטעוועט ווערן פון גיהנם, און מצליח זיין אין אַלץ וואָס ער טוט, זאָל דינען דעם אַלמעכטיקן".

אָט אַזוי האָט זי באַקערט פילע מענער און פרויען צו דינען דעם אויבערשטן. און ווען נמרוד איז דערפון געוואָר געוואָרן, האָט ער זי געשיקט רופן און געזאָגט צו איר: „ווי קומט עס וואָס דו האָסט מיך אויפגעהערט צו דינען? איך בין דאָך דיין גאָט, איך האָב דיך באַשאַפן".

האָט זי געענטפערט: „דו ביזט אַ ליגנער, דו לייקנסט

אין דעם איין און איינציקן באַשעפער פון וועמענס גוטס דו עסט, און אין זיין קנעכט אַברם".

ווען דער מלך האָט דאָס דערהערט האָט ער באַפוילן זי צו טויטן. האָט מען זיין באַפעל אויסגעפאָלגט. אָבער אירע רייד האָבן אַנגעוואָרפן אויף אים אַ גרויס ציטערניש. ער האָט זיך געוואונדערט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אַברם'ן, וואָס מאַכט אַז דאָס פאָלק זאָל דינען דעם וועלט־באַשאַפער, ניט אים.

אברהם און זיין פאָטערס אָפּגעטער

און ווען אַברם איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר, איז זיין פאָטער תרח נאָך אַלץ געווען דער הויפּט פון נמרוד'ס אַרמיי, און ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען אין נמרוד'ס וועגן און האָט געדינט אָפּגעטער פון שטיין און פון האָלץ.

צו יענער צייט האָט אַברם באַשלאָסן צו פאַרניכטן זיין פאָטערס אָפּגעטער, די צוועלף אָפּגעטער וואָס זיינען נאָך געשטאַנען אין זיין פאָטערס הויז. ער האָט געגעבן אַ שבועה: „אויב איך וועל ניט פאַרניכטן מיין פאָטערס אָפּגעטער אין משך פון דריי טעג און זיי לאָזן שטייען וואו זיי שטייען, זאָל דער אַלמעכטיקער וועלכער האָט מיך באַשאַפן מיר טאָן אַזוי און אַזוי".

און ער איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט, און ער איז אַריין צו זיין פאָטער אין צימער. ער האָט אים געפונען זיצן מיט זיינע קנעכט. האָט ער זיך צו אים געווענדעט: „טאַטע, קענסטו מיר זאָגן וואו עס געפינט זיך דער בורא וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד, אַלע מענטשן, אויך דיך און מיך?"

האָט תרח גענומען זיין זון אַברם און אים אַריינגעפירט אין אַ זאַל אַריין, וואו עס זיינען געשטאַנען צוועלף גרויסע הילצערנע און שטיינערנע אָפּגעטער און אַ גרויסע צאָל קליינע אָפּגעטער, און ער האָט געזאָגט: „אָט דאָס זיינען די געטער וועלכע האָבן באַשאַפן אַלץ וואָס דו זעעסט אויף דער ערד, און אויך מיך און דיך, און אַלע מענטשן וועלכע געפינען זיך אויף דער וועלט". און תרח האָט זיך פאַר זיי געבוקט און איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם צימער, און אַברם איז אים נאָכגעגאַנגען.

אַברם איז פון דאָרט געגאַנגען צו זיין מאַמען און האָט גע־זאָגט צו איר: „דער טאַטע האָט מיר נאָר וואָס געוויזן די געטער וועלכע האָבן באַשאַפן דעם הימל, די ערד און די מענטשן. נעם זשע שנעל, איך בעט דיך, אַ ציגעלע, און מאַך אַ גוטן מאָלצייט, וועל איך

דאָס ברענגען צום טאַטנס געטער אַ מתנה צו עסן, אפשר וועל איך געפינען חן אין זייערע אויגן".

האָט זיין מוטער דערפילט זיין פאַרלאַנג. זי האָט גענומען אַ ציגעלע, און געמאַכט אַ געשמאַק געקעכטס, און עס געבראַכט אברם'ן. און אברם האָט עס גענומען און געבראַכט צו די געטער, און ער האָט עס אַוועקגעשטעלט פאַר זיי אַהן זיין פאָטערס וויסן.

איז אברם געזעסן אַ ווײַלע און האָט אַכטונג געגעבן. אָבער ער האָט פון זיי געהערט קיין וואָרט, קיין שום באַוועגונג געזען און קיינער פון זיי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום עסנוואַרג. האָט ער אָנגעהויבן חוזק צו מאַכן און געזאָגט: „אפשר געפעלט זיי ניט דער מאַלצייט; אָדער אפשר איז עס צו ווייניק פאַר זיי. דערפאַר ווילן זיי ניט עסן. וועל איך מאָרגן צוגרייטן אַנדערע עסנווארגן, מער און בעסערע, וועל איך זען וואָס עס וועט זיין".

האָט אברם דעם צווייטן טאָג ווידעראַמאָל געבעטן זיין מוטער צוצוגרייטן אַ געקעכטס. האָט זי גענומען די דריי בעסטע ציגעלעך און געמאַכט אַ זעהר געשמאַקן מאַלצייט, אַזוי ווי איר זון האָט ליב, און זי האָט עס אים געגעבן, אָהן תרח'ס וויסן. און אברם האָט אַוועקגעשטעלט דאָס עסן פאַר יעדן פון זיין פאָטערס אָפגעטער. ער איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג און האָט געוואַרט אפשר וועלן זיי עסן. אָבער ער האָט געהערט פון זיי קיין שום קול, געזען קיין שום באַוועגונג, און קיינער פון זיי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום עסן.

אברהם פאַרניכטעט זיין פאָטערס אָפגעטער

און אין יענעם טאָג, פאַרנאַכט, האָט דעם אויבערשטנס גייסט באַקליידט אברם'ן אין זיין פאָטערס הויז, און אברם האָט אויסגעשריען: „וויי צו מיין פאָטער און צו זיין גאַנצן זינדיקן דור, וואָס דינען נאַרעשקייטן; וואָס דינען אָפגעטער פון האָלץ און פון שטיין וואָס קענען ניט עסן, קענען ניט שמעקן, הערן ניט, ריידן ניט; קענען זיך ניט באַוועגן און ניט גיין, און רירן ניט מיט די הענט. אַזוי זאָלן ווערן אַלע די וועלכע האָבן זיי געמאַכט, און אַלע וועלכע פאַרלאָזן זיך אויף זיי, און יעדער איינער וועלכער דינט צו זיי און בוקט זיך צו זיי".

און אברם'ן האָט שטאַרק פאַרדראָסן אויף זיין פאָטער. האָט ער זיך געאײַלט און גענומען אַ האַק אין זיינע הענט, און ער איז אַריין אין דעם זאַל וואו עס האָבן זיך געפונען זיין פאָטערס אָפגעטער, און ער האָט זיי אַלע צעבראָכן. און נאָכדעם ווי ער

האָט זיי צעבראָכן, האָט ער אַריינגעשטעקט די האַק אין דער האַנט פון דעם גרעסטן גאָט, וואָס איז דאָרט געווען, און ער האָט זיך געלאָזט אַוועק גיין.

ווען תרח האָט דערהערט דאָס געקלאַפעריי, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו זען וואָס עס איז דאָרט אַזעלכעס געשען. הערנדיק אַז דאָס גערויש קומט פון דעם אָפּגעטער־זאַל, האָט ער זיך געלאָזט אַהינצו. אַריינגייענדיק האָט ער געטראָפן אברם׳ן ארויסגיין, און ער האָט דערזען ווי אַלע אָפּגעטער ליגן אויף דער ערד צעבראָכן; די האַק שטעקט אין דער האַנט פון דעם גרעסטן אָפּגאָט, וועלכן אברם האָט ניט פאַרניכטעט, און די שפּייז וואָס אברם האָט געבראַכט פאַר זיי, שטייט נאָך.

ווען תרח האָט דאָס דערזען, האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט זיך געאיילט און איז אַרויס פון דעם זאַל צו אברם׳ן, און ער האָט אים געטראָפן זיצן אין הויז.

„וואָס האָסטו געטאָן צו די געטער? וואָס האָסטו פון זיי געמאַכט?" האָט תרח געפרעגט אַן אויפגערעגטער.

און אברם האָט אים געענטפערט און געזאָגט: ניט איך, טאַטע. איך האָב זיי געבראַכט שפּייז צו עסן, און ווי נאָר איך האָב פאַר זיי אַוועקגעשטעלט די שפּייז, האָבן זיי אַלע אויסגע־שטרעקט זייערע הענט און געוואָלט נעמען, נאָך איידער דער גרעסטער אָפּגאָט האָט באַוויזן אויסצושטרעקן זיין האַנט. ווען דער גרויסער אָפּגאָט האָט דאָס דערזען, האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. איז ער געגאַנגען און האָט גענומען די האַק וואָס מיר האָבן אין הויז, און ער האָט זיי אַלע צעבראָכן. דו זעסט דאָך ווי די האַק שטעקט נאָך אַפילו אין זיין האַנט".

האָט תרח׳ן שטאַרק פאַרדראָסן פאַרוואָס זיין זון רעדט צו אים אַזעלכע זאַכן, און ער האָט זיך צעבייזערט אויף אים: „וואָס רעדסטו צו מיר אַזעלכע נאַרעשקייטן? דו זאָגסט אַ ליגן! האָבן דען די דאָזיקע געטער גייסט, נשמה און כוח צו טאָן דאָס אַלץ וואָס דו רעכנסט אויס? זיי זיינען דאָך ניט מער ווי האָלץ און שטיין, און איך אַליין האָב זיי דאָך געמאַכט! איז וואָס זשע זאָגסטו אַזעלכע שקרים, און וואָס דערציילסטו מיר אַ מעשה, אַז דער גרויסער אָפּגאָט האָט זיי צעבראָכן. דאָס האָסטו זיי צעבראָכן און דו האָסט אַריינגעשטעקט די האַק אין זיין האַנט, כדי דו זאָלסט קענען זאָגן אַז דאָס האָט ער זיי צעבראָכן!"

„אויב אַזוי", האָט אברם געענטפערט זיין פאָטער, „ווי זשע קומט עס וואָס דו דינסט אַזעלכע געטער וואָס קענען קיין שום זאַך טאָן? קענען אָט די דאָזיקע געטער אין וועלכע דו האָסט בטחון דיר העלפן? קענען זיי דען הערן דיין געבעט ווען דו

שרייסט צו זיי? וועלן זיי דיך דען ראַטעווען פון דיינע שונאים? קענען זיי דען פירן דיינע מלחמות מיט דיינע שונאים? צו וואָס דינסטו, צו האַלץ און צו שטיין? ! זיי ווייסן אַז סיי דו, און סיי די אַלע וועלכע טוען ווי דו, טוען ניט ריכטיק. וואָס זייט איר, נאַראָנים! צי זייט איר טאַקע אַזעלכע טפשים? פאַרמאָגט איר טאַקע מער קיין פאַרשטאַנד, ווי נאָר צו דינען צו האָלץ און צו שטיין?! פאַרוואָס פאַרגעסט איר דעם באַשעפער וועלכער האָט באַשאַפן הימל און ערד, און אייך! זייט ווייסן אַז איר ברענגט אויף אייך פיל שלעכטס דורך דעם. די זעלביקע זינד זיינען באַגאַנגען אונזערע אור-עלטערן, האָט דער באַשעפער אויף זיי געבראַכט אַ מבול, און ער האָט פאַרניכטעט די גאַנצע וועלט. פאַרוואָס זשע טוט איר דאָס זעלבע? ווילט איר דערצערענען דעם פירער פון דער גאַנצער וועלט? פאָלג מיך, טאַטע, הער אויף צו טאָן די נאַרעשקייטן און מייד אויס שלעכטס פון דיר און פון דיין הויז-געזינד״. און אברם האָט אַ שפרונג געטאָן, געכאַפּט די האַק און צעבראָכן דעם גרויסן אָפּגאָט, און ער איז אַרויסגעלאָפן.

אברהם ביים קעניג נמרוד

ווען תרח האָט דערזען וואָס זיין זון אברם האָט אָפּגעטאָן, איז ער געלאָפן צום קעניג נמרוד, און האָט זיך פאַר אים געקניט.

„וואָס איז דיין פאַרלאַנג?״ האָט דער קעניג געפרעגט.

„אדוני קעניג״, האָט תרח געענטפערט, „היינט איז פופציק יאָר אַז מיין ווייב האָט מיר געבוירן אַ זון. איז ער געגאַנגען און האָט היינט פאַרניכטעט אַלע מיינע געטער. בעט איך דיך, אדוני קעניג, שיק אים רופן, זאָל ער קומען צו דיר, און משפט אים לויט דיינע געזעצן, כדי מיר זאָלן אַלע ניצול ווערן פון זיין שלעכטס״.

האָט נמרוד געשיקט דריי פון זיינע דינער, און זיי האָבן געבראַכט אברם׳ן. און נמרוד, אַלע זיינע הארן און דינער, זיינען יענעם טאָג געזעסן ביי אים, און אויך תרח איז דאָרט געווען. און דער קעניג האָט געזאָגט צו אברם׳ן: „וואָס האָסטו געטאָן צו דיין טאַטנס אָפּגעטער?״

און אברם האָט געענטפערט דעם קעניג פונקט ווי ער האָט געענטפערט זיין פאָטער, און ער האָט געזאָגט: „דער גרויסער אָפּגאָט וואָס האָט זיך געפונען מיט זיי אין הויז, האָט געטאָן דאָס וואָס דו האָסט געהערט״.

אָבער דער מלך האָט געזאָגט צו אברם׳ן: „קענען זיי דען עסן, ריידן און טאָן אַלץ וואָס דו האָסט אויסגערעכנט?״

„אויב זיי קענען ניט", האָט אברם געענטפערט, „טאָ פאַרוואָס זשע דינסט איר צו זיי? פאַרוואָס זשע פאַרפירסטו די מענטשן מיט דיינע נאַרעשקייטן? רעכנסטו טאַקע אַז זיי קענען דיך ראַטעווען, אַז זיי קענען דיר העלפן דאָס מינדעסטע, וואָס דו דינסט צו זיי? פאַרוואָס דינסט איר ניט דעם באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט אייך אַלע באַשאַפן, וואָס קען אייך מאַכן טויט און לעבעדיק? אוי, דו נאַרעשער קעניג! דו ליידיקער קאָפּ! ווי צו דיר אַלע דיינע יאָרן! איך האָב גערעכנט אַז דו וועסט לערנען דיינע קנעכט דעם ריכטיקן וועג, אָבער ניט אַזוי האָסטו געטאָן. דו האָסט פול געמאַכט די וועלט מיט דיינע זינד און מיט די זינד פון דיינע אָרויסהעלפער, וואָס זיינען געגאַנגען אין דיינע וועגן! ווייסטו דען ניט וואָס עס האָט געטראָפן צו יענעם דור וואָס האָט געטאָן ווי דו! ווייסטו דען ניט, אַז דער אַלמעכטיקער האָט אויף זיי געבראַכט אַ מבול, און זיי אַלע אומגעבראַכט! ווילסטו אַז דאָס שלעכטס זאָל זיך איבער'חזר'ן נאָכאַמאָל! פּאַלג מיך און קער זיך אָפּ פון דיינע שלעכטע מעשים, און דין דעם אייביקן, אין וועמענס הענט דיין לעבן ליגט. טאָמער, אָבער, וויל ניט דיין שלעכט האַרץ זיך צוהערן צו מיינע ווערטער, וועסטו שטאַרבן אין חרפּה און אין שאַנד, דו און אַלע דיינע מענטשן וועלכע גייען אין דיינע שלעכטע וועגן".

און ווען אברם האָט געענדיקט זיינע ווערטער פאַר דעם קעניג און זיינע האַרן, האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל, און האָט אויסגעשריען: „זאָל דער אַלמעכטיקער משפּט'ן אַלע רשעים".

ווען דער מלך האָט דערהערט אברם'ס רייד, האָט ער צו אים געזאָגט: „פאַרוואָס בוקסטו זיך ניט צו מיין גאָט?" (כאָטש ער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַ גאָט).

„ווער איז דיין גאָט?" האָט אברם געפרעגט.

„פייער איז מיין גאָט", האָט דער קעניג געענטפערט.

„אָבער", ענטפערט אברם, „מיר געפינען דאָך אַ זאַך וואָס איז שטאַרקער פון פייער, נעמלעך וואַסער, וואָרום וואַסער לעשט דאָך אויס פייער".

„בוקן מיר זיך אויך צו וואַסער", כאַפּט אונטער נמרוד.

„איז דאָך אָבער פאַראַן אַ זאַך וואָס איז שטאַרקער פון וואַסער", ענטפערט אברם, „אַט זעען מיר דאָך ווי די וואָלקנס טראָגן דאָס וואַסער".

„מיר בוקן זיך טאַקע אויך צו די וואָלקנס", באַמערקט נמרוד.

„געפינען מיר דאָך אָבער אַ זאַך וואָס איז שטאַרקער פון

די וואלקנס", טענה'ט אברם, „עס קומען ווינטן און צעטרייבן די וואלקנס".

„אויך צו די ווינטן בוקן מיר זיך", זאגט דער קעניג.

און אברם ענטפערט: „דער מענטש איז שטארקער פון די ווינטן".

האט נמרוד א געשריי געטאן: „וואס מאכסטו חוזק פון מלכות! איך בוק זיך בלויז צום פייער. אויב דו וועסט זיך ניט בוקן צום פייער, וועל איך דיך אריינווארפן אין פייער אריין. און אויב דער וועמען דו דינסט איז שטארקער, זאל ער קומען און דיך ראטעווען". און אברם האט געענטפערט: „דער אויבערשטער איז מיט מיר, איך האב קיין מורא, וואס קען מיר נמרוד טאן!"

און דער מלך האט באלד באפוילן, אז מען זאל אים איינזעצן אין תפיסה, און מען זאל אים געבן קיין ברויט צו עסן און קיין וואסער צו טרינקען. און אברם האט אפגעשמאכט צען יאר אין תפיסה — דריי יאר אין כותא און זיבן יאר אין קרדו. עס איז פאראן א מיינונג אז זיבן יאר אין כותא און דריי יאר אין קרדו.

אברהם אין טורמע

זיצנדיק אין טורמע האט אברם אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און ער האט אויסגעשריען: „האר פון דער וועלט! דו ווייסט דאך אלע פארבארגענע זאכן, דו ווייסט דאך אז איך בין געקומען אהער נאר דערפאר ווייל איך דין דיך!" האט דער הייליקער, ברוך הוא, געהערט זיין געבעט, און ער האט געשיקט דעם מלאך גבריאל, ער זאל אים העלפן קעגן דעם דאזיקן הונט. און ער האט אים געזאגט: „שלום עליך אברם, האב קיין מורא און האב קיין אנגסט, ווייל דער פאטער אין הימל איז מיט דיר".

אין יענעם מאמענט האט זיך באוויזן א קוואל מיט וואסער. האט אברם דערפון געטרונקען. דער מלאך האט אים געבראכט פארשידענע מינים עסנווארג, און ער איז געזעסן דארט מיט אים אכטונג צו געבן אויף אים.

אין אט יענע טעג, ווען אברם האט נאך געשמאכט אין טורמע, האט דער מלך פארזאמלט צו זיך אלע הארן, אלע חכמים, אלע ראטגעבער. זיי האבן זיך אויסגעזעצט פאר דעם מלך. און ער האט צו זיי געזאגט: „איר האט דאך געהערט אז תרח'ס זון האט אים אנגעטאן אזוי און אזוי, בין איך געגאנגען און איך האב נאך אים געשיקט און מען האט אים געבראכט פאר מיר.

האָט ער געזאָגט צו מיר אַזוי און אַזוי, און ער האָט גאָרניט מורא געהאַט, און זיין הארץ האָט ניט געציטערט. איצט זיצט ער איינגעשפאַרט אין טורמע, און איר אורטיילט וואָס פאַר אַ פּסק עס קומט אָט דעם דאָזיקן מענטשן וועלכער האָט געשאָלטן דעם קעניג און האָט געטאָן און גערעדט אַלץ וואָס איר האָט געהערט?"

האָבן די אַלע הארן, חכמים און ראַטגעבער געענטפערט דעם מלך אַזוי צו זאָגן: „אַ מענטש וועלכער שעלט דעם מלך קומט אויפצוהענגען. אָבער אַזוי ווי ער האָט נאָך געטאָן אָט די אַלע אַנדערע זאַכן, און ער האָט מבזה געווען אונזער גאָט, קומט אים צו פאַרברענען אין פייער, ווארום דאָס איז דאָס געזעץ פאַר אַזאַ זאַך".

און זיי האָבן געראָטן דעם מלך און צו אים געזאָגט: „היים אויפבויען אַ גרויסע געביידע, און לאָז אויסרופן אַז יעדער איינער וועמען דעם מלך'ס אַרבעט איז ליב זאָל ברענגען אַהין אַ סך האָלץ, ביז דער גאַנצער פּלאַץ וועט זיין אָנגעפּיקעוועט מיט האָלץ און דאַן זאָל מען דאָס האָלץ אונטערצינדן. דריי טעג און דריי נעכט זאָל עס ברענען ביז דער פלאַם וועט דערגרייכן ביז צום הימל, און דאַן זאָל מען דעם דאָזיקן מענטשן אַהין אריינוואַרפן, און דורך דעם וועלן אַלע גלויבן אין דיר אייביק, און דיין גלויבן וועט ניט ליידן".

האָט דער מלך זיך שטאַרק געפרייט מיט דער דאָזיקער עצה. ער האָט באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַזוי צו זאָגן: „יעדער מאַן און פרוי, יונג און אַלט אין אַלע מדינות פון דעם מלך, זאָלן אין משך פון פערציק טעג ברענגען האָלץ צו יענער געביידע". און דער מלך האָט געגעבן אַ באַפעל צו מאַכן אַ קאַלך־אויוון אין דער געביידע, און אין אים האָט מען אָנגעצונדן דאָס האָלץ. דריי טעג און דריי נעכט האָט עס געברענט. דער פלאַם האָט דערגרייכט אַזש ביז דעם הימל, און דאָס פאָלק האָט געציטערט פון צופיל פייער.

און אַלע קנעכט פון דעם מלך, און אַלע זיינע הארן און העלדן, אַלע עלצטע און ריכטער אַרום נייען הונדערט טויזנט אין צאָל, און אַלע איינוואוינער פון דעם לאַנד, זיינען געשטאַנען קעגן דעם קאַלך־אויוון, צו זען אברם'ען. אַלע ווייבער און אַלע קינדער האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף די דעכער און אויף די טורעמס צו זען אברם'ען. אַלע, אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט, און עס איז ניט געווען איין מענטש וועלכער איז ניט געקומען קוקן.

און דער מלך האָט געשיקט רופן דעם אויפזעער פון דער טורמע, און ער האָט צו אים געזאָגט: „ברענג מיר מיין פיינט אברם, און וואַרף אים אריין אין דעם דאָזיקן קאַלך אויוון".

האָט דער טורמע אויפזעער זיך פאַרבוקט פאַר דעם קעניג

און צו אים געזאגט: „ווי קענסטו פון מיר פארלאנגען א מענטשן וועלכער זיצט שוין אזוי לאנג אין טורמע און קיין מענטש האט אים געבראכט ברויט, וואסער אדער אן אנדער עסנווארג?"

„גיי סיי ווי צוריק אין טורמע", ענטפערט דער מלך, „און שריי צו אים, איז אויב ער וועט דיר ענטפערן זאלסטו אים ברענגען, וועל איך אים אריינווארפן אין פייער אריין. און אויב ער איז טויט, איז דאך געווים גוט, זאלסטו אים דארט באגראבן, און זיין נאמען זאל מער ניט דערמאנט ווערן".

איז דער אויפזעער פון דעם געפענגעניש געגאנגען, און ער האט אויפגעעפנט דעם קערקער און אויסגעשריען אויף א הויך קול: „אברם דו לעבסט, צי ביזטו טויט!"

„איך לעב!" האט אברם געענטפערט.

„ווער האט דיר ביז איצט געגעבן צו עסן און צו טרינקען?" האט דער אויפזעער געפרעגט.

און אברם האט געענטפערט: „מיך האט געשפייזט דער דאזיקער וועלכער שאפט איבער אלצדינג, דער האר פון אלע הארן, דער איינציקער וועלכער קען טאן וואונדער, וועלכער איז אויך דער באשאפער פון נמרוד'ן, פון תרח'ן; ער שפייזט די גאנצע וועלט; ער זעט, אבער אים קען מען ניט זען; ער איז אין הימל אויבן און געפינט זיך איבעראל, און גיט אכטונג אויף אלע קלייניקייטן".

ווען דער אויפזעער האט דערהערט אברם'ס רייד, האט ער אויך אנגעהויבן גלויבן אין אברם'ס פאטער אין הימל, און ער האט אויסגעשריען: „אברם! דיין באשעפער איז מיין באשעפער! איך בין אן עד. און דו ביזט זיין קנעכט און זיין אמת'ער נביא, און נמרוד איז א ליגנער!"

האט מען דעם מלך באלד מודיע געווען, אז דער אויפזעער פונעם געפענגעניש לייקנט אין אים און גלויבט אין אברם'ס פאטער אין הימל. האט ער זיך שטארק געוואונדערט און האט געשיקט אים רופן.

„ווי קומט עס עפעס", פרעגט אים דער מלך, „וואס דו לייקנסט אין מיר און גלויבסט גאר אין אברם'ס האר פון דער וועלט, און אז אברם איז זיין אמת'ער קנעכט?"

און ער ענטפערט אים: „ווייל ער זאגט אמת, און דו מלך נמרוד, לייקנסט אין אמת!"

ווען דער מלך האט דאס דערהערט, איז אים געווארן שטארק טרויעריק אויפן הארצן. דער גרימצארן האט זיך אין אים אנגעצונדן, און ער האט באפוילן אים צו טויטן.

ווען מען האט אים גענומען טויטן, האט ער געהאלטן אין איין שרייען: „אברם'ס האר פון דער וועלט איז אלמעכטיק, און

נמרוד איז אַ ליגנער". די שווערד האָט ניט געוואָלט איבערשניידן זיין האַלז, און וואָס מער מען האָט געשלאָגן מיט דער שווערד, אַלץ מער איז זי צעבראָכן געוואָרן.

האָט דער מלך זיך שטאַרק געוואונדערט, און ער האָט באַפוילן מען זאָל ברענגען אברם'ן און אים אַריינוואַרפן אינעם פייערדיקן קאַלך אויוון.

אברהם אינעם קאַלך-אויוון

איז איינער פון די האַרן אַוועק, און ער האָט געבראַכט אברם'ן. און נמרוד און דער גאַנצער דור הפלגה זיינען געזעסן. האָט מען אַריינגעפירט אברם'ן, אים אַוועקגעשטעלט אין מיטן, און נמרוד האָט געפרעגט: „צו וועמען זשע זאָל איך דינען?"

און אברם האָט געענטפערט: „צום פאָטער אין הימל, צום האַר פון אַלע האַרן, וועמענס קעניגרייך איז אייביק אין הימל און אויף דער ערד".

אָבער נמרוד האָט געענטפערט: „איך דין דעם גאָט פון פייער, און אין פייער וועל איך דיך אַריינוואַרפן. זאָל קומען דיין אַלמעכטיקער און דיך אַרויסראַטעווען".

און מען האָט באַלד גענומען אברם'ן, אים געבונדן, און אים אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, און נמרוד האָט געגעבן אַ באַפעל דעם עלצטן וועלכער האָט אים געבראַכט: „וואַרף אים אַריין!"

אָבער ווי נאָר דער עלצטער איז צוגעגאַנגען אים אַריינ-וואַרפן, איז אַ פלאַם פייער אַרויס פון דעם קאַלך אויוון, און האָט אים פאַרברענט.

האָט זיך אויפגעשטעלט אַן אַנדער עלצטער וועלכער האָט אים געוואָלט אַריינוואַרפן, אָבער אויך ער איז פאַרברענט געוואָרן. און אַזוי האָט עס פּאַסירט מיט אַן אומגעהויער גרויסער צאָל מענטשן וועלכע האָבן געוואָלט אים אַריינוואַרפן.

דערווייל האָט דער שטן זיך פאַרשטעלט פאַר אַ מענטש און איז געקומען צום קעניג און האָט זיך פאַר אים פאַרבוקט. האָט דער מלך צו אים געזאָגט: „וואָס פאַרלאַנגסטו!?"

און דער שטן האָט געענטפערט: „איך קען דיר געבן אַן עצה, ווי אַזוי אַריינצוואוואַרפן אברם'ן אין קאַלך אויוון און עס זאָל שאַטן קיין מענטש".

„אדרבה, ווי אַזוי?" האָט דער קעניג געפרעגט, און דער שטן האָט געענטפערט: „זאָל מען מיר ברענגען גענוג געהילץ, משוועקעס און שטריק, וועל איך מאַכן אַזאַ מין געשטעל. און אַט

דאָס געשטעל וועט אים אַריינוואַרפן אין קאַלך אויוון פון דער ווייטן, און קיין מענטש וועט פאַרברענט ווערן".

האָט דער קעניג זיך זעהר שטאַרק געפרייט מיט דער דאָזיקער עצה, און ער האָט באַפוילן צו מאַכן אַלץ וואָס דער שטן האָט געהייסן. און ווען מען האָט דאָס געשטעל פאַרטיק געמאַכט, האָט מען עס דריי מאָל אויספּרובירט פאַר דעם קעניגס אויגן מיט שטיינער, און עס האָט טאַקע אַריינגעוואָרפן די שטיינער אין קאַלך אויוון אַריין פון דערווייטן.

איז מען געגאַנגען, און מען האָט געבונדן אברם'ן די הענט און די פיס, און מען האָט אים אַרויפגעלייגט אויף דעם דאָזיקן געשטעל, אים אַריינצוּוואַרפן. און אברם איז דאַן אַלט געווען פופציק יאָר.

ווען אברם האָט דערזען ווי מען בינדט אים, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און האָט געזאָגט: „פאָטער אין הימל, דו זעסט דאָך וואָס דער דאָזיקער רשע טוט מיט מיר!" און די מלאכים האָבן געזאָגט צום אויבערשטן: „האר פון דער וועלט, די גאַנצע וועלט איז דאָך פול מיט דיין כבוד! ווייסטו דען ניט וואָס דער כופר נמרוד טוט מיט דיין קנעכט און נביא אברם?"

און דער אַלמעכטיקער האָט געענטפערט: „וואָס הייסט איך וויים ניט! איך ווייס דאָך אַלע פאַרבאָרגענע זאַכן! אָבער איך וועל אייך ווייזן ווי אַזוי איך וועל נעמען נקמה אין דעם כופר נמרוד, און מיין קנעכט אברם וועל איך מציל זיין".

און דער שטן איז געקומען צו אברם'ן אין דער געשטאַלט פון אַ מענטש, און ער האָט צו אים געזאָגט: „אברם! אויב דו ווילסט ניצול ווערן פון נמרוד'ס פייער, בוק זיך צו אים און גלויב אין אים".

ווען אברם וועלכער איז געווען גרייט אומצוקומען אויף קידוש השם האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער צו אים געזאָגט: „זאָל דער אויבערשטער דיך פאַרשעלטן, שטן, דו אומווירדיקער, דו פאַרשאָלטענער, דו כופר!" און דער שטן איז אַוועק.

איז געקומען אברם'ס מוטער זיך געזעגענען מיט אים און אים קושן איידער מען וואַרפט אים אַריין אין דעם פייערדיקן קאַלך אויוון, און זי האָט צו אים געזאָגט: „מיין קינד! בוק זיך צו נמרוד'ן, נעם אָן זיין גלויבן, און ראַטעווע זיך פון דעם קאַלך אויוון".

אָבער אברם האָט איר געענטפערט: „מאַמע! גיי אַוועק פון מיר". און אַוועקשטופנדיק זי פון אים, האָט ער איר געזאָגט: „מאַמע! נמרוד'ס פייער קען אָפּגעלאָשן ווערן דורך וואַסער, אָבער דעם אויבערשטנס פייער קען קיינמאָל אָפּגעלאָשן ווערן!

ווען זיין מוטער האָט דערהערט זיינע גערעכטע רייד, האָט זי געזאָגט צו אים: „דער ווען דו דינסט, וועט דיך אָפּראַטעווען פון נמרוד׳ס פייער״.

און בעת מען האָט זיך אַ נעם געטאָן אים אַריינצוואַרפן אין קאַלך אויוון, האָבן די מלאכי השרת אָנגעהויבן בעטן רחמים פאַר דעם רבונו של עולם אים צו ראַטעווען פון נמרוד׳ס פייער.

די מלאכים האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפּאַרן איינער מיט דעם אַנדערן. דער האָט געזאָגט איך וועל אַרונטערנידערן אים ראַטעווען, און דער האָט געזאָגט איך וויל אַרונטערנידערן אים ראַטעווען. מיכאל האָט געשריען: „איך נידער אַרונטער״. און גבריאל האָט געשריען: „איך נידער אַרונטער״.

און געפונען האָט זיך דאָרט אויך הרן, תרח׳ס זון און אברם׳ס ברודער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער כשוף־מאַכער. אָבער ער האָט ניט געוואוסט מיט וועמען ער זאָל האַלטן, מיט נמרוד׳ן צי מיט אברם׳ן. האָט ער ביי זיך געטראַכט: ממה נפשך וועט אברם אַרוים דער זיגער, וועט ער זאָגן אַז ער האַלט פון אברם׳ס גלויבן, און אויב, ווידער, נמרוד וועט זיגן וועט ער זאָגן אַז ער איז אַן אָנהענגער פון נמרוד׳ס גלויבן.

האָט דער מלך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז מען זאָל בינדן אויך הרן׳ען און אים אַריינוואַרפן צוזאַמען מיט אברם׳ן.

און אין קעגנוואַרט פון אַלע מענטשן, אַלע האַרן, קנעכט, ווייבער און קינדער וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען, האָט מען גענומען אברם׳ן און הרן׳ען, זיי אויסגעטאָן די העמדער און אַלע אַנדערע קליידער אַחוץ די הויזן. מען האָט זיי געבונדן די הענט און די פיס מיט שטריק.

האָט תרח געזען אין די שטערן אַז הרן וועט פאַרברענט ווערן, און אברם׳ס מזל וועט אָנפילן די וועלט.

אָבער דאָס פייער האָט געהאַט קיין רשות צו ברענען. אפילו דאָס פייער האָט מורא געהאַט פאַר אברם׳ן, און דער ריח פון אברם׳ן איז אויפגעגאַנגען פון דעם קאַלך אויוון.

דערווייל איז געקומען צו אים דער מלאך גבריאל און האָט צו אים געזאָגט: „נו אברם! זאָל איך דיך מציל זיין פון דעם דאָזיקן פייער?״

אָבער אברם האָט אים געענטפערט: „דער האַר פון דער וועלט, אין וועמען איך האָב בטחון, דער באַשעפער פון הימל און ערד, ער וועט מיך אָפּראַטעווען״.

האָט גבריאל געזאָגט: „רבונו של עולם! איך וועל אַראָפּ־נידערן, אָפּקילן דאָס פייער און ראַטעווען דעם צדיק פון דעם קאַלך אויוון״. און דער הייליקער, ברוך הוא, האָט אים געענטפערט:

„איך בין איינציק אין מיין וועלט, און ער איז אַן איינציקער אין זיין וועלט, פּאַסט זיך אַז איין יחיד זאָל ראַטעווען אַ צווייטן יחיד, אָבער פונדעסטוועגן זאָלסטו ניט מיינען אַז איך וועל דיר פאַרבויגן דיין שכר. עס וועט קומען אַ צייט ווען דריי צדיקים, חנניה, מישאל און עזריה, וועלן אַריינגעוואָרפן ווערן אין קאַלך אויוון צו פאַרהייליקן מיין נאָמען, וועסטו אַראָפּנידערן זיי מציל צו זיין".

האָבן די אַנדערע מלאכים זיך געווענדעט צום אויבערשטן און געזאָגט: „דיין קנעכט אברם איז דאָך געכאַפּט!"

„איך וועל אויף אים אַכטונג געבן", האָט דער רבונו של עולם געענטפערט.

„אָבער אַט, אַט ווערט ער דאָך פאַרברענט", האָבן די מלאכים גע'טענה'ט.

„איך וועל אויף אים אַכטונג געבן", האָט דער הייליקער געענטפערט.

און ווי נאָר דער הייליקער האָט געוואָלט אַראָפּנידערן אים צו ראַטעווען, האָבן מיכאל און גבריאל געזאָגט פאַר אים: „מיר וועלן אַראָפּנידערן אים ראַטעווען". אָבער דער הייליקער האָט זיי געענטפערט: „ווען ער זאָל זיך געווען לאָזן מקריב זיין צוליב דעם נאָמען פון איינעם פון אייך, דאַן וואָלט איר באַדאַרפט אַראָפּנידערן אים ראַטעווען. אָבער אַזוי ווי ער לאָזט זיך דאָך מקריב זיין פאַר מיין נאָמען, דאַרף איך אים ראַטעווען".

און ווען דער הייליקער האָט דערזען אברם'ס גוטע כוונה, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום פייער: „זיי קיל צו מיין קנעכט אברם".

דערווייל האָבן אַלע מענטשן גענומען חוזק מאַכן פון תרח'ן און האָבן פון אים געשפּאָט: „שעמען זאָלסטו זיך, האָסט זיך דאָך באַרימט אַז דיין זון וועט ירש'ענען אי די וועלט אי יענע וועלט, און נאַ זע, נמרוד פאַרברענט אים גאָר!"

דאַ האָט זיך דערוועקט דעם אויבערשטנס רחמים, און ער האָט אַראָפּגענידערט פון די אויבערשטע הימלען, פון דעם אָרט פון זיין גרויסן כבוד, און ער האָט מציל געווען אברם'ן פון דער גרויסער שאַנדע און פון דעם קאַלך אויוון.

און דאָס פייער איז אויסגעלאָשן געוואָרן אָהן וואַסער. דאָס האָלץ האָט אָנגעהויבן צו בליען, און עס האָבן אָנגעהויבן צו וואַקסן פּירות. יעדער מין בוים האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיינע פרוכט, און דער קאַלך אויוון איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קעניגלעכן גאָרטן, און מלאכים זיינען געזעסן דאָרט מיט אברם'ן.

דערווייל האָבן מלאכים געזאָגט צום בורא עולם: „אַט אים ביזטו מציל! זע נאָר וויפל רשעים עס וועלן פון אים אַפּשטאַמען!"

אָבער דער הייליקער האָט זיי געענטפערט: „איך בין אים מציל צוליב זיין אייניקל יעקב וואָס וועט פון אים אָפּשטאַמען".

און דער הייליקער האָט טאַקע געזאָגט צו אברם'ן: ווען ניט צוליב דיין אייניקל יעקב וועלכער וועט אַרויסקומען פון דיר, וואָלסטו פון דאַנען ניט אַרויסגעקומען". און כאָטש אברם האָט דאָך געקענט ענטפערן: „וואָס זשע, איך אַליין האָב שוין גאָר קיין מעשים טובים, אַז איך זאָל פאַרדינען ניצול צו ווערן אין מיין אייגענעם זכות", פונדעסטוועגן האָט ער גאָרניט געזאָגט.

און דערפאַר וואָס הרן'ס האַרץ איז ניט געווען גאַנץ מיט דעם פאָטער אין הימל, איז ער טאַקע פאַרברענט געוואָרן, און עס איז געוואָרן פון אים אַש, און ער איז דאַן אַלט געווען צוויי און אַכציק יאָר, אָבער אויך די אַלע מענטשן, אַן ערך פון צוועלף אין צאָל, וועלכע האָבן זיי אַריינגעוואָרפן זיינען אויך פאַרברענט געוואָרן.

אָט אַזוי האָט אברם אַרומשפּאַצירט אין דעם קאַלך אויוון דריי טעג און דריי נעכט. און ווען דעם מלך'ס קנעכט האָבן דאָס דערזען, זיינען זיי געגאַנגען צום מלך און האָבן אים געזאָגט: „מיר האָבן געזען ווי אברם גייט אַרום אינמיטן פייער און אַפילו זיינע הויזן זיינען ניט פאַרברענט, נאָר די שטריק זיינען פאַרברענט געוואָרן".

ווען דער מלך האָט דאָס דערהערט, איז זיין האַרץ אויס־געוועבט געוואָרן פון זייערע רייד. ער האָט זיי ניט געוואָלט גלויבן, האָט ער געשיקט עטלעכע באַגלויבטע הארן צו זען צי עס איז טאַקע אמת. און ווען זיי האָבן אים געזאָגט אַז עס איז אמת, איז ער אַליין געגאַנגען, האָט ער געזען ווי אברם שפּאַצירט אַרום אין מיטן פייער, און הרן איז פאַרברענט. האָט ער זיך שטאַרק געוואונדערט.

און ווען דער מלך האָט דערזען דעם „גאָרטן" און די מלאכים וועלכע זיצן מיט אברם'ן אין גאָרטן, האָט ער געזאָגט צו אים: „דו ביזט אַ גרויסער כשוף־מאַכער. דו ווייסט אַז פייער האָט איבער דיר קיין שליטה. נאָך מער, דו ווילסט נאָך באַווייזן דעם פאָלק אַז דו זיצט אין אַ פּרוכט־גאָרטן.

אָבער די האַרן האָבן געזאָגט: „ניין, אונזער האַר! דאָס איז קיין כשוף, דאָס איז דאָס גרויסקייט פון אברם'ס פאָטער אין הימל. און עס איז ניטאָ אַן אַנדער באַשעפער. מיר זיינען דערויף עדים, און אברם איז זיין אמת'ער קנעכט".

און דער מלך האָט געגעבן אַ באַפעל מען זאָל אַרויסנעמען אברם'ן פון קאַלך אויוון. אָבער די קנעכט האָבן עס ניט געקענט, וואָרום ווי נאָר זיי האָבן צוגענענטערט, איז אַרויס אַ פלאַם פון

דעם קאַלך אויוון און האָט זיי פאַרברענט, און אַכט מענטשן זיינען אַזוי פאַרברענט געוואָרן.

ווען דער מלך האָט דאָס געזען, האָט ער אויסגעשריען: „אברם, קנעכט פונעם פאָטער אין הימל, גיי אַרויס פון דעם פייער!" איז אברם אַרויסגעגאַנגען פון דעם פייער, און האָט זיך אַנידערגעשטעלט פאַר דעם קעניג. און ווען דער מלך און אַלע זיינע קנעכט האָבן אים געזען אין די הויזן, האָבן זיי געזאָגט צו אים: „ווי אַזוי קומט עס וואָס דו ביזט ניט פאַרברענט געוואָרן?" און אברם האָט געענטפערט: „דער באַשעפער פון הימל און ערד אין וועמען איך האָב געהאַט בטחון, און וואָס אַלץ איז אין זיין האַנט, ער האָט מיך מציל געווען".

האָבן זיי אַלע זיך געבוקט צו אברם'ן. אָבער ער האָט זיי געזאָגט: „בוקט זיך ניט צו מיר, נאָר צו דעם אַלמעכטיקן וועלכער האָט אייך באַשאַפן און גייט אין זיינע וועגן, ווייל ער האָט מיך געראַטעוועט פון דעם קאַלך אויוון, און ער באַשאַפט דעם מענטשן אין דער מוטערס טראַכט, און ער העלפט יעדן וואָס האָט בטחון אין אים". האָבן אַלע אומות מודה געווען, אַז עס איז בעסער זיך צו באַהעפטן אין אברם'ס פאָטער אין הימל, איידער אין נמרוד'ס געצנדינערייַ.

און דער מלך האָט געגעבן אברם'ן פילע מתנות, און ער האָט אים אויך געגעבן זיינע גרעסטע צוויי קנעכט, איינער האָט געהייסן עוני, און דער צווייטער אליעזר (נעמלעך עוג מלך הבשן). אויך אַלע הארן האָבן געגעבן אים מתנות און זילבער און גאָלד, און קרישטאָל.

אין יענעם טאָג האָבן אַלע פעלקער איינגעזען אַז אברם'ס פאָטער אין הימל איז דער איינציקער, פלעגן זיי ברענגען זייערע קינדער אין אברם'ס הויז, ער זאָל זיי לערנען זיינע וועגן.

און נאָכדעם ווי זיי האָבן אים געגעבן פילע מתנות, האָבן דער מלך און זיינע הארן אים באַגלייט. פילע פון דעם מלך'ס אונטערטאַנען האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אברם'ן. און ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, זיינען מיט אים מיטגעגאַנגען אַן ערך פון דריי הונדערט מענטשן.

אברם האָט זיך אומגעקערט אין זיין פאָטערס הויז, צוזאַמען מיט די אַלע מענטשן וועלכע האָבן זיך אין אים באַהעפט. ער האָט ליב געהאַט דעם אויבערשטן מיט זיין גאַנצן האַרצן. ער איז געגאַנגען אין זיינע וועגן, און ער האָט אויך באַוואויגן פילע מענטשן זיי זאָלן אויפגעבן געצנדינערייַ, און דינען דעם אַלמעכטיקן.

אברהם האָט חתונה מיט שרה׳ן

אין אַ יענער צייט האָט אברם חתונה געהאַט מיט שרי׳ן, וועלכע איז געווען איינע פון די זיבן נביאות, נעמלעך זי און מרים, דבורה, חנה, אביגיל, חולדה און אסתר. זי האָט אויך געהייסן יסכה, דערפאַר ווייל זי האָט געזען (סכתה) ברוח הקודש. לויט אַן אַנדער מיינונג האָט זי געהייסן יסכה, ווייל אַלע האָבן געקוקט (סוכין) אויף איר שיינקייט.

און געווען איז שרי אַ געוואַלדיקע שיינהייט. זי האָט זיך גערעכנט פאַר איינע פון די שענסטע פיר פרויען וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזען. אָט די פיר פרויען זיינען געווען זי און אביגיל, רחב און אסתר המלכה. אין פאַרגלייך מיט איר האָבן אַלע פרויען אויסגעזען ווי אַ מאַלפּע אין פאַרגלייך מיט אַ מענטשן.

און שרי איז טאַקע געווען אברם׳ס אַ פּלימעניצע. זי איז געווען די טאָכטער פון זיין ברודער הרן וועלכער איז געווען צוויי יאָר אינגער פון אים. און ווען שרי איז געבוירן געוואָרן, איז איר פאָטער הרן אַלט געווען אינגאַנצן אַכט יאָר. זי איז אויך געווען לוט׳ס שוועסטער.

ווען אברם האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב, איז ער געווען עלטער פון איר מיט צען יאָר. האָבן זיי זיך אַזוי געלעבט אין פרידן. אָבער קינדער האָבן זיי ניט געהאַט, ווייל זיי האָבן ביידע ניט געקענט האָבן קינדער.

נמרוד׳ס חלום

און עס איז געווען צוויי יאָר נאָכדעם ווי אברם איז ניצול געוואָרן פון דעם קאַלך אויוון, און ער איז דעמאָלט אַלט געווען צוויי און פופציק יאָר, און נמרוד איז נאָך געזעסן אויף דעם קעניגלעכן טראָן אין בבל. האָט זיך דעם קעניג נמרוד גע׳חלום׳ט ווי ער שטייט מיט זיינע אַרמייען אין דעם טאָל, פונקט קעגנאיבער דעם קאַלך אויוון. און ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און געזען ווי אַ מאַן, וועלכער זעט אויס ווי אברם, גייט אַרויס פון דעם קאַלך אויוון, און שטעלט זיך אַנידער פאַר אים מיט אַ שאַרפער שווערד אין האַנט, און ווי נאָר ער האָט זיך דערנענטערט צו אים, איז ער אַנטלאָפן אויס מורא. און בעת ער איז אַנטלאָפן האָט דער דאָזיקער מענטש געוואָרפן בלאָטע אויף דעם מלך׳ס קאָפּ, און פון דער בלאָטע איז געוואָרן אַ גרויסער טייך, און זיין גאַנץ חיל איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם טייך, און בלויז ער, דער

קעניג, אליין האט זיך געראטעוועט מיט דריי מענטשן. און ווען ער האט א קוק געטאן אויף די דריי מענטשן, האט ער באמערקט ווי זיי זיינען אנגעטאן אין קעניגלעכע קליידער, פונקט ווי דער מלך אליין, און אין אויסזען און אין געשטאלט זיינען זיי פונקט ווי דער מלך.

און ווי זיי האבן אזוי געהאלטן אין אנטלויפן, איז דער טייך צוריק פארוואנדלט געווארן אין א בלאטע פונקט ווי פריער. און אט פון דער דאזיקער בלאטע איז ארויסגעקומען א יונג פויגעלע, און עס איז צוגעקומען צום מלך. עס איז ארומגעפלויגן ארום זיין קאפ, און עס האט אים אויסגעשטאכן אן אויג. האט זיך דער מלך שטארק דערשראקן פון דעם דאזיקן בילד, און ער האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שלאף און שטארק געציטערט.

ווי נאר עס איז געווארן טאג, איז דער מלך אויפגעשטאנען פון זיין געלעגער מיט גרויס שרעק, און ער האט באפוילן מען זאל ברענגען פאר אים אלע חכמים און אמת-זאגער, און ער האט זיי דערציילט זיין חלום. האט זיך אנגערופן איין חכם מיטן נאמען אנוקו, און ער האט געזאגט:

„עס קען אנדערש ניט זיין נאר אז דער מלך וועט אמאל האבן גרויסע צרות פון אברם'ן און זיינע אפשטאמלינגע. עס וועט קומען א צייט ווען אברם און זיינע אפשטאמלינגע וועלן מלחמה האלטן מיט מיין הער, דעם קעניג, און זיי וועלן פארניכטן דעם קעניגס אלע חיילות. און דאס וואס דו האסט געזען אז דו אנטלויפסט מיט דריי מענטשן וועלכע זעען אויס ווי דו, און דו ביזט ניצול געווארן, באדייט עס, אז דו וועסט ניצול ווערן מיט דריי מלכים וועלכע וועלן זיך באטייליקן מיט דיר אין דער מלחמה. און דאס וואס דו האסט געזען ווי דער טייך איז צוריק פארוואנדלט געווארן אין בלאטע ווי פריער, און א יונג פויגעלע האט אויס-געשטאכן דעם מלך אן אויג, באדייט עס, אז עס וועט קומען א צייט ווען אברם'ס אפשטאמלינגע וועלן טויטן דעם קעניג. אט דאס איז דער חלום, מיין הער קעניג, און דאס איז זיין באדייטונג, און דער חלום איז אמת, און די אויסטייטשונג וועלכע דיין קנעכט האט דיר אויסגעטייטשט איז ריכטיק. איז פארוואס זשע זאל מיין הער, דער קעניג, לאזן אברם'ן לעבן ער זאל עס קענען פארווירקלעכן! ווארום, זיי ווייסן, אז אזוי לאנג ווי אברם וועט לעבן אין לאנד וועלן דו און דיין מלוכה זיך ניט קענען האלטן! פארוואס זשע זאל אים דער מלך ניט טויטן, און אזוי ארום אפטאן די געפאר וואס לויערט אויף דיר אין דער צוקונפט?"

האט דער מלך נמרוד זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון

אנוקו, און ער האָט שטילערהייט, אין געהיים, געשיקט זיינע קנעכט זיי זאָלן גיין און כאַפּן אברם׳ן, אים ברענגען צו אים, און אים טויטן.

אליעזר ראַטעוועט אברהם׳ן פון טויט

און אליעזר, אברם׳ס קנעכט, וועלכן דער מלך האָט אים געגעבן אַ מתנה, האָט זיך אין יענער צייט געפונען ביים מלך. ער האָט געהערט אַלץ וואָס אַנוקו האָט געראָטן דעם מלך, און ווי דער מלך האָט באַשלאָסן צו טויטן אברם׳ן.

איז אליעזר גיך אַוועק פון דאָרט און איז געקומען צו אברם׳ן, נאָך איידער דעם קעניגס קנעכט האָבן באַוויזן צו קומען, און ער האָט געזאָגט צו אברם׳ן:

„אייל זיך, קום שנעל, און שטאַרב ניט דורך דעם קעניגס האַנט. וואָרום אַזאַ און אַזאַ חלום האָט דער מלך געזען, און אַזוי און אַזוי האָט אַנוקו אים אויסגעטייטשט, און אַזוי און אַזוי האָט ער געראָטן דעם מלך צו טאָן״.

האָט אברם געפאָלגט אליעזר׳ן, און ער איז איילִיק אַנט־לאָפן צו נח׳ן און זיין זון שם. דאָרט האָט ער זיך באַהאַלטן און אַזוי אַרום האָט ער זיך געראַטעוועט פונעם טויט. און ווען דעם קעניגס שלוחים זיינען געקומען צו אברם׳ן, האָבן זיי אים געזוכט אומעטום, אָבער זיי האָבן אים ניט געקענט געפינען.

ווען די שלוחים האָבן אַ קוק געטאָן אַז זייער זוכן איז אומזיסט, אַז זיי קענען אים ניט געפינען, האָבן זיי זיך צוריק אומגעקערט צום קעניג. דערווייל האָט זיך דעם מלך׳ס גרימצאָרן אָפּגעקילט, און בּיסלעכווייז האָט ער פאַרגעסן די גאַנצע זאַך. און אברם איז געזעסן ביי נח׳ן אַ גאַנצן חודש, ווייל ער האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַר דעם קעניג.

דערווייל איז תרח געקומען צו נח׳ן אין געהיים זיך זען מיט זיין זון אברם. האָט אברם געזאָגט צו זיין פאָטער תרח:

„דו ווייסט דאָך אַז דער מלך וויל מיך טויטן, און אויס־מעקן מיין נאָמען פון דער וועלט, ווי זיינע ראַטגעבער, די רשעים, האָבן אים געראָטן. נו, וועמען האָסטו דען און וואָס האָסטו דען אין דעם דאָזיקן לאַנד? לאָמיר זיך אַלע אויפהויבן און גאָר אַוועקגיין אין דעם לאַנד כנען, וועלן מיר זיך ראַטעווען פון זיין האַנט. וואָרום ווער ווייסט, אפשר קען ער נאָך אויך דיך אַמאָל וועלן אומברענגען. דו ווייסט דאָך, און האָסטו דען ניט געהערט, אַז ניט מחמת ליבשאַפט האָט דיר נמרוד אָנגעטאָן דעם גרויסן

כבוד. ער האָט דאָך דיר געגעבן דעם גאַנצן כבוד נאָר פאַר זיין טובה ווענן. און אפילו ווען ער זאָל דיר אָנטאָן נאָך מער כבוד, איז דאָך דאָס אַלץ נאַרעשקייטן. וואָרום אין דער צייט פון אַ צרה קען דאָך רייכקייט גאָרניט העלפן. איז פאָלג זשע מיך און לאָמיר אוועקציען פון דאַנען און גיין אין דעם לאַנד כנען, און דינען דעם אַלמעכטיקן וועלכער האָט דיך באַשאַפן, וועט דיר זיין גוט, און וואַרף אוועק אָט די אַלע נאַרעשקייטן, נאָך וועלכע דו יאָגסט זיך".

האָט תרח זיך צוגעהערט צו די רייד פון זיין זון אברם, און ער האָט געטאָן ווי אברם האָט אים געזאָגט. וואָרום עס איז געווען דעם אויבערשטנס ווילן, אַז דער קעניג נמרוד זאָל ניט טויטן אברם'ן.

און תרח האָט גענומען זיין זון אברם, און זיין אייניקל לוט הרן'ס זון, און זיין שנור שרי, אברם'ס ווייב, און זיין גאַנץ הויז־געזינד, און זיי האָבן אַלע פאַרלאָזט אור כשדים. זיי זיינען געגאַנגען ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין חרן, און זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט. וואָרום דאָס לאַנד איז געווען זעהר גוט, און עס איז געווען פּלאַץ פאַר יעדן.

אברהם אין חרן

און ווען די איינוואוינער פון חרן האָבן געזען אַז אברם פירט זיך אויף פיין סיי מיט דעם אויבערשטן און סיי מיט מענטשן, זיינען פילע פון זיי געקומען צו אים. זיי האָבן זיך באַהעפט אין אברם'ן, און ער האָט זיי געלערנט דעם אַלמעכטיקנס ווענן.

אָט אַזוי האָט אברם געוואוינט אין חרן דריי יאָר צייט. ער האָט געהאַלטן זיין הויז אָפן פאַר אַלע מענטשן. ער האָט יעדן איינעם אויפגענומען און אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און ער האָט זיי געלערנט, אַז עס איז פאַראַן בלויז איין הערשער אויף דער וועלט. זיין טיר איז געווען אָפן אָפענע, און די אויגן פון אַלע מענטשן זיינען געווען געריכטעט צו אברם'ן. ער האָט מגייר געווען די מענער, און שרי האָט מגייר געווען די פרויען. און ער האָט זיי געגעבן עסן אומזיסט.

און אברם פלעגט זיך אַזוי פירן: ווער נאָר עס איז דורכ־געגאַנגען אָדער דורכגעפאָרן זיין הויז, פלעגט ער זיי געבן צו עסן און טרינקען, און ער פלעגט זיי אויך באַגלייטן. און הכנסת אורחים איז דאָך גרעסער אַפילו פון מקבל זיין די שכינה.

ער פלעגט זיך אַזוי נוהג זיין: ווען די געסט האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָט ער צו זיי געזאָגט: „בענטשט".

האָבן זיי אים געפרעגט: „וואָס זאָלן מיר זאָגן?"

האָט ער זיי געענטפערט: „זאָגט, געלויבט איז דער אייביקער פון וועמענס מיר האָבן געגעסן".

איז אויב דער אורח האָט געפאָלגט און האָט געבענטשט, איז ער נאָכן עסן אוועקגעגאַנגען, און אברם האָט פון אים גאָרניט געפאָדערט. טאָמער אָבער האָט ער ניט געוואָלט בענטשן, האָט אברם צו אים געזאָגט: „באַצאָל מיר פאַר דעם עסן".

„וויפל קומט דיר פאַר דעם עסן?" פרעגט דער גאַסט.

און אברם ענטפערט: פאַר אַ קרוג וויין אַזויפיל און אַזויפיל, פאַר אַ פונט פלייש אַזויפיל און אַזויפיל, און פאַר ברויט אַזויפיל און אַזויפיל".

„נו! ווער קען דען דיר געבן אין דער מדבר, אין דער וויסטע, וויין, פלייש און ברויט!"

ווען דער אורח האָט אַ קוק געטאָן אַז ער איז אַריינגעפאַלן, האָט ער געהאַט קיין ברירה, און ער האָט געזאָגט „געלויבט איז דער אויבערשטער, פון וועמענס מיר עסן".

און די ריינקייט ביי אברם'ן איז געווען אויסערגעוויינלעך. אַלץ וואָס מען האָט ביי אים אין הויז געגעסן איז געווען שפּאָגל ריין. ווארום אברם האָט שטאַרק מקפיד געווען אויף ריינקייט. און אַזוי ווי אַן אומריינער מענטש האָט ניט געקענט אַפילו צוקומען נאָענט צו אברם'ס הויז, האָט ער טאַקע באַלד דערקענט און געוואוסט, אַז דער באַטרעפנדיקער איז אומריין. האָט אברם באַלד געזען אַז דער מאַן זאָל זיך טובל זיין, אָדער מען זאָל אים אָפּזונדערן אויף זיבן טעג, און מען האָט אויף אים אַכטונג געגעבן.

אַז עס איז געקומען צו טבילה פלעגן ביידע, אברם און שרי, דערויף אַכטונג געבן. אברם פלעגט אויפפּאַסן אויף די מענער, און שרי אויף די ווייבער. און דערפאַר וואָס אברם האָט אַזוי שטאַרק מקפיד געווען אויף ריינקייט, ווערט ער אָנגערופן „טהור" — ריינער.

און ניט נאָר פלעגט אברם אַריינגעמען מענטשן צו זיך אין הויז, זיי געבן צו עסן און צו טרינקען, זיי אַרויסווייזן פריינטשאַפט, זיי מקרב זיין, און זיי ברענגען אונטער דעם געטלעכן שוץ, נאָר ער פלעגט אַרומלויפן זוכן אורחים.

און ווי נאָר ער האָט געפּאַקט אורחים, פלעגט ער זיי אַריינגעמען צו זיך אין הויז אַריין. אויב דער אורח איז געווען אַזעלכער ביי וועמען אַ שטיקל ווייצן-ברויט איז געווען אַ נאָווינע.

האט ער אים געגעבן ווייצן־ברויט. איז דער גאסט געווען אזעלכער ביי וועמען א שטיקל פלייש איז געווען א גאנצער יום טוב, האט ער אים געגעבן פלייש. אויב ביי דעם אורח איז וויין געווען פון די זעלטענע געטראנקען, האט ער אים אנגעטרונקען מיט וויין.

נאכמער, אברם איז געגאנגען אזוי ווייט אז ער האט אזש אויסגעבויט גרויסע פאלאצן, און האט דארט אוועקגעשטעלט עסן און טרינקען, און ווער עס איז נאר אהין אריין, האט געגעסן, געטרונקען און געלויבט דעם אויבערשטן. דערפאר, טאקע, האט אברם זוכה געווען אז וואס נאר דאס מויל האט פארלאנגט, האט זיך געפונען ביי אים אין הויז.

עס פלעגט אפט פאסירן, אז נאכדעם ווי די אורחים האבן אפגעגעסן, פלעגן זיי אים אנהויבן לויבן. פלעגט ער אבער זאגן צו זיי: „מיר דאנקט איר ? . לויבט דעם וועלכער גיט אלע מענטשן עסן און טרינקען, און גיט זיי אויך א נשמה״.

אויף זייער פראגע: „וואו איז ער?״ האט ער זיי געענטפערט: „ער הערשט אויף דעם הימל און אויף דער ערד; ער מאכט טויט און לעבעדיק; ער פארוואונדעט און היילט אויס; ער באשאפט דאס קינד אין דער מוטערס טראכט; ער ברענגט עס ארויס אויף דער וועלט; ער מאכט וואקסן די שפראצונגען און די ביימער; ער מאכט אראפנידערן אין דער טיפעניש, און ער דערהויבט״.

ווי נאר זיי פלעגן דאס דערהערן, האבן זיי געפרעגט: „ווי אזוי לויבט מען אים און מען דאנקט אים?״

און אברם האט זיי געענטפערט: זאגט, „געלויבט איז דער אויבערשטער אויף אייביק; געלויבט איז ער וואס גיט ברויט און שפייז צו יעדער באשעפעניש״. און ער האט זיי געלערנט ברכות און גערעכטיקייט, און מורא האבן פאר דעם באשאפער פון דער וועלט.

אט אזוי האט אברם באקאנט געמאכט דעם אלמעכטיקנס גרויסקייט צווישן דער מענטשהייט. ווארום איידער אברם איז געבוירן געווארן איז דאך דער הייליקער ברוך הוא געווען מלך נאר אין הימל. אבער זינט אברם איז געקומען אויף דער וועלט, האט ער אים געמאכט קיניגן אויף דעם הימל און אויף דער ערד.

האט דאך דער אויבערשטער אליין געזאגט צו אים: „מיין נאמען איז דאך ניט געווען באקאנט צו מיינע באשעפענישן, און דו האסט דאך ערשט מיך באקאנט געמאכט צווישן זיי. באטראכט איך דיך, אלזא, גלייך ווי דו וואלסט זיך האבן באטייליקט מיט

מיר אין דער וועלט-שאַפונג". האָט אים טאַקע דער אויבערשטער שטאַרק ליב געהאַט, און האָט זיך געפריינט מיט אים.

און אברם האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַרשפּרייטן די אידייע פון דעם איינציקן פאָטער אין הימל. ער איז אַרומגעגאַנגען און געשריען, און צו וויסן געגעבן אַלע מענטשן, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז פאַראַן בלויז איין אַלקעגענוואַרטיקער, און אים דאַרף מען דינען. און ער איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד, ביז ער איז אָנגעקומען אין דעם לאַנד כנען, און ער האָט געהאַלטן אין איין אויסרופן אַז דער אַלמעכטיקער איז דער באַשאַפער און דער פירער פון דער וועלט.

און ווען די מענטשן פלעגן זיך אַרום אים פאַרזאַמלען און אים אויספרעגן און בעטן מער איינצלהייטן, פלעגט ער יעדן איינעם דערקלערן לויט זיין פאַרשטאַנד. אָט אַזוי פלעגט ער ענדלעך זיי ברענגען צום אמת'ן וועג.

טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פלעגן זיך אַזוי אַרום פאַרזאַמלען אַרום אים. און זיי זיינען געוואָרן זיינע נאָכפאָלגער. ער האָט אין זיי איינגעפלאַנצט דעם גרויסן עיקר. ער האָט אויך פאַרפאַסט ספרים וועגן דעם ענין, און שפּעטער דאָס אויך געלערנט זיין זון יצחק. אָט אַזוי האָט ער פאַראייניקט אַלע מענטשן צו דינען דעם וועלכער לעבט אייביק.

אברהם אין כנען

און עס איז געווען צום סוף פון דריי יאָר, האָט זיך דער אויבערשטער באַוויזן צו אברם'ן און צו אים געזאָגט: „איך בין דער אַלמעכטיקער וועלכער האָט דיך אַרויסגענומען פון דעם קאַלך אויוון און דיך געראַטעוועט פון אַלע דיינע פיינט. און איצט הער זיך צו צו מיין קול, און היט אָפּ מיינע מצוות און מיינע געזעצן און מיינע לערעס, וועל איך פאַרטיליקן דיינע פיינט. איך וועל פאַרמערן דיינע קינדער ווי די שטערן אין הימל. איך וועל שיקן מיין ברכה אין אַלץ וואָס דו וועסט טאָן, און עס וועט דיר גאָרניט פעלן. נו, שטיי אויף, נעם דיין ווייב און אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט, און גיי אין דעם לאַנד כנען. באַזעץ זיך דאָרט אין דעם לאַנד כנען, און איך וועל דיך בענטשן. און בעת דו לייכסט פאַר מיר אין מעסאָפּאָטאַמיע און אין דער אומגעבונג, קום זשע און לייכט שוין פאַר מיר אין ארץ ישראל".

איז אברם אויפגעשטאַנען, און ער האָט גענומען זיין ווייב און אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען אין

לאנד כנען, אזוי ווי דער אויבערשטער האט צו אים גערעדט. און אברם איז אלט געווען פינף און פופציק יאר ווען ער האט פארלאזט חרן.

ווען אברם איז אנגעקומען אין דעם לאנד כנען, האט ער זיך באזעצט אין מיטן דער שטאט. ער האט אויפגעשטעלט זיין געצעלט צווישן די כנענים, די איינוואוינער פון דעם לאנד.

און דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אים, ווען ער איז אנגעקומען אין דעם לאנד כנען, און ער האט צו אים געזאגט: „דאס איז דאס לאנד וואס איך גיב דיר און צו דיינע קינדער נאך דיר אויף אייביק. איך וועל פארמערן דיינע קינדער ווי די שטערן אין הימל, און דיינע קינדער וועל איך אוועקגעבן אט די אלע לענדער וועלכע דו זעסט".

האט אברם געבויט א מזבח אויף יענעם ארט וואו דער אויבערשטער האט צו אים גערעדט, און ער האט דארט תפילה געטאן.

און אברם האט זיך באזעצט אין דעם לאנד כנען, ער, זיין ווייב, און אלץ וואס האט געהערט צו אים; אלע מענטשן וועלכע זיינען מיט אים מיטגעצויגן, און די אלע איינוואוינער פון דעם לאנד וועלכע האבן זיך צו אים באהעפט. אבער נחור, אברם'ס ברודער, און תרח, אברם'ס פאטער, און לוט דער זון פון הרן און אלץ וואס האט געהערט צו זיי, זיינען געבליבן אין חרן. און אברם איז אין יענער צייט ארומגעפארן אין ארם נהרים און אין ארם נחור, און ווי נאר ער האט געזען מענטשן וועלכע דינען ניט דעם אויבערשטן, האט ער געבעטן אז זיי זאלן האבן קיין חלק אין דעם דאזיקן לאנד.

נאכדעם ווי אברם איז אפגעזעסן פינף יאר אינעם לאנד כנען, איז אויסגעבראכן א מלחמה צווישן נמרוד'ן דעם מלך פון שנער און כדרלעומר'ן דעם מלך פון עילם. ווארום אורשפרינגלעך איז כדרלעומר געווען איינער פון נמרוד'ס גענעראלן. און ווען די מענטשן פון דעם דור הפלגה זיינען אומגעבראכט געווארן, און די איבערגעבליבענע זיינען צעזייט און צעשפרייט געווארן, האט כדרלעומר ווידערשפעניגט קעגן נמרוד'ן, און זיך דערקלערט קעניג פון עילם. צוועלף יאר צייט האבן אלע מלכים פון יענער געגנט געדינט כדרלעומר'ן און אים געצאלט יערלעך צינז. אבער דערנאך האבן די איינוואוינער פון סדום און עמורה און אומגעגנט מורד געווען אין כדרלעומר'ן. ווען נמרוד איז דערפון געוואר געווארן, איז ער געגאנגען זיך אפרעכענען מיט זיין פריערדיקן גענעראל כדרלעומר.

נמרוד האט מאביליזירט גאנצע זיבן טויזנט מאן און זיך

געלאָזט קעגן כדרלעומר׳ן. און כדרלעומר האָט צונויפגעזאַמלט פינף טויזנט מאַן, אוןביידע אַרמייען האָבן זיך באַגעגנט אין דעם טאָל פון בבל וואָס איז צווישן עילם און שנער. דאָרט האָט אויסגעבראָכן אַ ביטערע שלאַכט, און נמרוד האָט געליטן אַ גרויסע מפּלה. נמרוד האָט פאַרלוירן אַרום זעקס הונדערט מאַן; און אויך זיין זון מרדון, דער רשע, איז אומגעקומען אויף דעם שלאַכטפעלד. איז נמרוד פון דאָרט אַנטלאָפן, און ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין לאַנד אין גרוים שאַנדע, און אַ לאַנגע צייט איז ער געווען אונטערטעניק צו כדרלעומר׳ן. כדרלעומר, ווידער, האָט זיך אומגעקערט אין זיין לאַנד אַלס זיגער. ער האָט געשיקט זיינע עלצטע צו די אַרומיקע מלכים, צו אריוך דעם קעניג פון אלסר, און צו תדעל דעם קעניג פון גוים. ער האָט מיט זיי געשלאָסן אַ בונד, און זיי האָבן אַלע זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט.

און נאָכדעם ווי אברם האָט אָפּגעוואוינט אין יענעם לאַנד פופצן יאָר, און ער איז דאַן אַלט געווען זיבעציק יאָר, האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן צו אים און געזאָגט: איך בין דער אַלמעכטיקער וועלכער האָט דיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם קאַלך־אויוון כדי דו זאָלסט ירש׳ענען דאָס דאָזיקע לאַנד. גיי זשע פאַר מיר, זיי ערלעך און היט אָפּ מיינע געבאָטן. וואָרום דיר און דיינע קינדער וועל איך אָוועקגעבן דאָס לאַנד, פון דעם טייך פון מצרים ביז צום גרויסן טייך פרת. דער פערטער דור פון דיר וועט זיך אומקערן אין דעם דאָזיקן לאַנד און וועט עס ירש׳ענען אויף אייביק. האָט אברם געבויט אַ מזבח צום אַלמעכטיקן.

נאָך דעם האָט ער זיך אומגעקערט קיין חרן צו זען זיך מיט זיין פאָטער און מוטער, און ער איז געזעסן מיט זיין הויזגעזינד אין חרן פינף יאָר. און אויך דאָרט האָט אברם זיך באַשעפטיקט מיט לערנען די מענטשן דעם אויבערשטנס וועגן.

אָט אַזוי האָט אברם געוואוינט צווישן געצנדינער, פּונקט ווי אַ פלעשעלע מיט גוטן פאַרפיום וואָס איז פעסט פאַרזיגלט און עס ליגט אין אַ ווינקעלע, און דער טייערער דופט גייט ניט אויס.

אברהם מיטן וואַנדער־שטעקן אין האַנט

האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן צו אברם׳ען אין חרן און געזאָגט צו אים: דו ביזט זעהר מדקדק אין מיינע מצוות, אָבער דו וואוינסט דאָך צווישן געצנדינער. גיי אַוועק פון זיי. דו האָסט פילע מעשים טובים, דו האָסט פילע מצוות, וואָס זשע זיצטו צווישן זיי! פאַרלאָז זיי, און מאַך באַקאַנט דיינע גוטע טאַטן איבער

דער וועלט. איך בין דאך געווען מיט דיר בעת דו האסט זיך מוסר נפש געווען פאר מיינעטוועגן און ביזט אריין אין קאלך אויוון. האב איך דיך טאקע הייליק געמאכט פאר מיינעטוועגן. און פונקט ווי דער טוי איז א סימן פון ברכה, אזוי ביזטו א סימן פון ברכה אויף אייביק.

און פונקט ווי איין מענטש שטופט דעם אנדערן אזוי האט דער הייליקער, ברוך הוא, איבערגערעדט אברם'ן ער זאל פארלאזן זיין לאנד און זיין געבורטס-שטאט, און ער האט געזאגט צו אים:

„גיי אוועק פון דעם לאנד אויף וועלכן איך האב חרטה. פארלאז דאס לאנד וואס איז איינגעריכט אין געצנדינעריי. קום מיט מיר, פאר דיין אייגענעם וואוילזיין, פאר דיין אייגענער טובה וועגן. דו זאלסט דערהויבן דיין אייגענעם איך, דיין אייגענע מדרגה. דו טארסט ניט וואוינען דא צווישן די דאזיקע רשעים. פארלאז דאס דאזיקע לאנד און דיין פאטערס הויז, און ציע אין דעם לאנד אריין וואס איך וועל דיר ווייזן. ווארום די וועלט און יענע וועלט זיינען אלץ דיינס. וואגל פון ארט צו ארט, און דיין נאמען וועט בארימט ווערן אין דער וועלט. איך וועל באקאנט מאכן דיין טבע איבער דער וועלט. איך אליין מיט מיין אייגענעם כבוד בענטש דיך. איך וועל דיך בענטשן מיט רייכקייט. איך וועל דיך מאכן פאר א כהן גדול ווי אדם הראשון. איך וועל אריינשטעלן פאר דיר א ברכה אין דער שמונה עשרה, און דיין ברכה וועט מען זאגן פריער, פאר מיינער. צוערשט וועט מען זאגן „מגן אברהם" און ערשט דערנאך וועט מען זאגן „מחיה המתים". זינט איך האב באשאפן די וועלט פלעג איך בענטשן מיינע באשעפענישן. איך האב געבענטשט אדם'ן, חוה'ן, נח'ן און זיינע זין. פון היינט אן און ווייטער, וועסטו זיין דער ממונה, דער אויפזעער, אויף די ברכות, און דו וועסט בענטשן וועמען דו וועסט וועלן. וועמען דו וועסט בענטשן וועל איך חתמ'ענען. און דער רעגן און דער טוי וועלן זיין אין דיין זכות. און פונקט ווי די טייכעלעך רייניקן די אומריינע, אזוי וועסטו מקרב זיין די ווייטע און זיי ברענגען אונטער די פליגלען פון דער שכינה. איך וועל מאכן אז די צאל פון די אותיות פון דיין נאמען זאל זיין ווי די צאל אברים וואס דו פארמאגסט. פונקט ווי א מאן האט צוויי הונדערט און אכט און פערציק אברים, אזוי וועט די צאל פון די אותיות פון דיין נאמען באטרעפן צוויי הונדערט און אכט און פערציק. איך וועל דיך מאכן פאר א ניי באשעפעניש. און ווי נאר איך וועל דיך מאכן פאר א ניי באשעפעניש וועסטו זיך פרוכטבארן און זיך מערן, און ווערן א צאלרייך פאלק".

און אברם האט געזאגט צו אים: „האר פון דער וועלט! די

זיבעציק אומות, פעלקער, האָסטו דאָך שוין באַשאַפן פון נח׳ן ?!
און דער הייליקער האָט אים געענטפערט: די אומה וועגן וועלכער עס שטייט (דברים ד, ז) „וואָרום וואָס פאַר אַ גרויס פאָלק איז פאַראַן, וואָס האָט אַן אַלמעכטיקן נאָענט צו אים, ווי אונזער פאָטער אין הימל, ווען נאָר מיר רופן צו אים״, אָט די אומה וועל איך באַשאַפן פון דיר. איך האָב צוויי גוטע ברכות דיך צו בענטשן, רות המואביה און נעמה פון עמון, פון וועלכע עס וועלן אַרויסקומען מלכים און נביאים. דאָ וועסטו ניט זוכה זיין צו האָבן קינדער. אָבער דאָרט וועל איך דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק. וואָרום כאָטש דאָס וואַנדערן פאַרמינערט דאָס מערן זיך, אָבער דו וועסט זיך טראָגן דעם פרוכטבאַרן. און כאָטש דאָס וואַנדערן פאַרטונקלט דעם נאָמען, וועט אָבער דיין נאָמען ניט פאַרקלענערט ווערן. איך וועל אויך אויפשטעלן פון דיר אַ שבט, וואָס וועט בענטשן די אידן, געמלעך דעם שבט לוי״.
האָט אברם זיך אָנגערופן און געזאָגט צום הייליקן, געלויבט זיין נאָמען: „טאָמער אָבער וועלן מענטשן אויף מיר מהרהר זיין און זאָגן, אָט דער דאָזיקער וועלכער ברענגט מענטשן אונטער די פליגלען פון דער שכינה, אָט דער דאָזיקער לאָזט איבער אַן אַלטן טאַטען און גייט זיך אַוועק!״
אָבער דער הייליקער האָט אים געענטפערט: אָט דיין פאָטער און דיין ברודער וועלכעריידן גוטע רייד וועגן דיר זאָלסטו ניט געטרויען, וואָרום זיי האַלטן זיך אַלע אַן עצה קעגן דיר און זוכן דיך צו דער׳הרג׳נען.
דערויף האָט אברם באַלד געענטפערט: „איך בין גרייט פאַר דיר, וואוהין דו ווילסט, אַהין גיי איך!״
אָבער אַזוי ווי אַברם האָט דאָך מורא געהאַט טאָמער וועלן מענטשן פאַרשוועכן דורך אים דעם אויבערשטנס נאָמען, און דאָך זאָגן, אַז דער וועלכער ברענגט מענטשן אונטער די פליגלען פון דער שכינה לאָזט איבער אַן אַלטן טאַטען און גייט זיך אַוועק, האָט דער אויבערשטער צו אים געזאָגט:
„גיי, איך באַפריי דיך פון כבוד אב ואם, דיך אָבער קיין אַנדערן. נאָכמער, איך וועל זען אַז דיין טאַטע זאָל שטאַרבן איידער דו פאַרלאָזט דאָס לאַנד״.
ווען אברם האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך געאײלט צו דערפילן דעם ווּאונטש פון זיין באַשאַפער. ער האָט זיך ניט געשטעלט קעגן דעם הייליקן טענה׳ן און אים ווייזן דעם חילוק צווישן זיצן אויף איין פלאַץ און צו וואַנדערן. וואָרום ווען איינער ציט זיך איבער בלויז פון איין דירה אין אַן אַנדערער, ליידט ער זיך אַן געניג, בפרט נאָך פון איין לאַנד אין אַן אַנדערן. אָבער

אברם האט ניט אויפגעהאלטן, נאר ער האט באלד געטאן וואס מען האט אים געהייסן. און געטאן האט ער עס מיט פרייד, ניט ניט-ווילנדיק. ער האט אפילו ניט געפרעגט וואוהין ער זאל גיין. ווארום דער אויבערשטער האט אים ניט אנגעגעבן א באשטימט ארט וואוהין ער זאל גיין, כדי ער זאל קענען אים געבן שכר פאר יעדן טריט און שריט.

וואס זשע האט אברם געטאן, ער האט איינגעפאקט זיינע זאכן. זיין ווייב שרי האט ער איינגערעדט מיט גוטע רייד, אז זי זאל מיטגיין, ווארום מען האט קיין רעכט צו צווינגען דאס ווייב צו ציען אין אן אנדער לאנד אריין. ער האט גענומען זיין פלימעניק (נעפיו) לוט, וועלכער האט זיך באהעפט צו אים כדי ער זאל זיך אפלערנען פון זיינע מעשים, ווייל ער האט געזען ברוח הקודש אז דוד המלך וועט אפשטאמען פון אים, און אויך דאס גאנצע פארמעגן וואס זיי האבן זיך דערווארבן, און די אלע מענטשן וועלכע זיי האבן באקערט צו דעם גלויבן אין „אחד", און זיי האבן זיך געלאזט אין דעם לאנד כנען. דער הייליקער האט זיי כסדר באגלייט, כדי קיינער זאל זיי באשעדיקן.

אברהם און דער הונגער

און אברם איז אלט געווען פינף און זיבעציק יאר ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון חרן, און אהין האט ער זיך שוין קיינמאל אומגעקערט. ער האט זיך געלאזט קיין שכם. ווארום ער האט גע־וואלט דארט תפילה טאן פאר יעקב'ס קינדער וועלכע וועלן קומען אהין מלחמה האלטן. דער אויבערשטער האט אים געוויזן דעם בארג גריזים און דעם בארג עיבל, וואו די אידן האבן מקבל געווען די שבועה פון דער תורה. און אין יענער צייט האט דער כנעני זיך נאך געפונען אין דעם לאנד, ווארום עס איז נאך דאן ניט געקומען די צייט אז די אידן זאלן עס ירש'ענען.

איז אברם זיך אזוי געגאנגען, געצויגן און איינגענומען ארץ ישראל פון די קינדער פון שם. ווארום ווען נח האט צעטיילט דאס לאנד צווישן זיינע זין, איז ארץ ישראל געפאלן אין שם'ס חלק. און די כנענים האבן זוכה געווען צו זיצן דארט זיבן און פערציק יאר, דערפאר ווייל זיי האבן ארויסגעוויזן אברם'ן כבוד. און כאטש דער כנעני איז געווען אין לאנד, פונדעסטוועגן האט אברם זיך ניט אפגעלערנט פון זייערע מעשים.

און אברם האט דארט אויפגעשטעלט א געצעלט פריער פאר שרי'ן און דערנאך א געצעלט פאר זיך, אזוי אז בית אל

איז געווען פון מערב זייט און עי פון מזרח זייט. און אַזוי ווי ער האָט געזען בנבואה, אַז זיינע קינדער וועלן דאָרט געשטרויכלט ווערן דורך די זינד פון עכן, וועלכער האָט עובר געווען אויף די חמשה חומשי תורה, האָט ער דאָרט געבויט אַ מזבח, און מתפלל געווען אַז זיינע קינדער זאָלן ניט פאַלן אין עי.

פון דאָרט איז ער געצויגן אין דער ריכטונג פון דרום. ער פלעגט ציען, דאַן זיך באַזעצן אויף אַ חודש אָדער לענגער, און ווייטער ציען. אָבער כסדר אין דער ריכטונג פון דרום זייט, אין דער דרום זייט פון ארץ ישראל, נעמלעך אין דער ריכטונג פון ירושלים. וואָרום ער האָט זיך מכוון געווען צו ציען אין דער ריכטונג פון דעם בית המקדש. אַזוי האָט ער געצויגן ביז ער איז ענדלעך אָנגעקומען קיין ארץ ישראל. האָט אָבער דער הייליקער, געבענטשט זיין נאָמען, געוואָלט אויספּרובירן דעם צדיק, און באַקאַנט מאַכן זיינע גוטע מעשים, האָט ער באַלד באַגעגנט אַ הונגער. און טאַקע אין דעם זעלבן יאָר אין וועלכן אברם האָט פאַרלאָזט חרן, האָט אויסגעבראָכן דער הונגער.

און געווען איז דאָס איינער פון די צען הונגערס וועלכע זיינען געקומען אויף דער וועלט. איינער איז געווען אין אָדם הראשון׳ס צייטן, איינער אין למך׳ס צייטן, איינער אין אברם׳ס צייטן, איינער אין יצחק׳ס צייטן, איינער אין יעקב׳ס צייטן, איינער אין דוד המלך׳ס צייטן, איינער אין די צייטן פון אליהו הנביא, איינער אין די צייטן פון אלישע, און איינער וואָס וועט נאָך אַמאָל קומען.

און געווען איז דער הונגער אַ זעהר שווערער. די מענטשן פון דעם לאַנד האָבן ניט געקענט איינזיצן, אַזוי שרעקלעך איז געווען דער הונגער. וואָרום קיין שווערערער הונגער פון אים איז ניט געווען. אָבער געהערשט האָט דער הונגער בלויז אינעם לאַנד כנען, ניט אין די אַנדערע לענדער. וואָרום דער אויבערשטער האָט געוואָלט אויספּרובירן אברם׳ן און זען צי אַז ער וועט איצט דאַרפן ציען קיין מצרים נאָך עסנוואַרג, צי וועט ער מהרהר זיין און זאָגן: „פריער הייסט ער מיר גיין קיין כנען, און איצט מאַכט ער איך זאָל אַוועק פון דאַנען".

אָבער אברם האָט ניט מהרהר געווען. ווען דער הונגער איז אויף אים אַרויפגעשפרונגען, האָט אים ניט פאַרדראָסן. ער האָט זיך ניט געקאָכט, און האָט ניט מהרהר געווען נאָך די מדות פון דעם הייליקן, געבענטשט זיין נאָמען. ער האָט געזאָגט צו זיין ווייב שרי: מצרים איז אַ גאַנץ שיינע געגנט, עס איז גוט דאָרט צו וואוינען. לאָמיר אַלזאָ ציען אַהינצו. וואָרום דאָרט איז פאַראַן גענוג ברויט און פלייש.

רקיון, דער ערשטער פרעה פון מצרים

אין יענע צייטן האט געלעבט אינעם לאנד שנער א גרויסער ארעמאן מיט דעם נאמען רקיון. ער איז געווען א גרויסער חכם און א געלערנטער אין אלע וויסנשאפטן און א זעהר שיינער מענטש, אבער פרנסה האט ער ניט געהאט. האט ער באשלאסן צו ציען קיין מצרים צו ווייזן אשווירוש'ן, דעם זון פון ענם, דעם קעניג פון מצרים, זיין חכמה, אפשר וועט ער געפינען חן אין זיינע אויגן, און ער וועט אים געבן א מעגלעכקייט צו פארדינען.

ווען רקיון איז געקומען קיין מצרים, און ער האט זיך נאכ־געפרעגט אויפן קעניג, האט מען אים געענטפערט, אז בלויז איין טאג אין יאר קומט ארוים דער מלך פון זיין פאלאץ. אין יענעם טאג משפט ער דאס פאלק, און ווער עס האט א בקשה, הערט דער מלך אים אויס יענעם טאג, און דאן גייט ער צוריק אריין אין זיין פאלאץ אויף א גאנץ יאר.

דערהערנדיק דאס, האט רקיון זיך שטארק געערגערט. ער האט א גאנצע נאכט ניט געקענט שלאפן אין דעם געצעלט וואס ער האט געפונען. וואס זאל ער איצט טאן? פון וואס זאל ער זיך דערנערן? ווי אזוי זאל ער פארדינען פרנסה?

איז ער אינדערפרי נאכאמאל ארוים אין גאס, האט ער געטראפן גרינצווייג־הענדלער. „פון וואס לעבט איר?" האט ער זיי געפרעגט, און זיי האבן אים געענטפערט אז זיי האנדלען מיט גרינצווייג. רקיון האט באשלאסן צו טאן דאס זעלבע. ער האט דאך אבער ניט געקענט די געזעצן פון דעם לאנד, איז ער ארום־געגאנגען צווישן זיי ווי א בלינדער. איז ווי נאר ער האט זיך באוויזן מיט דער סחורה, איז א חברה שלגאווטיקע מענטשן אים באפאלן און האט אוועקגערויבט פון אים די סחורה.

א פארביטערטער האט ער זיך אומגעקערט אין דעם געצעלט. א גאנצע נאכט האט ער געהאלטן אין איין קלערן, און ענדלעך איז ער געפאלן אויף א פלאן. ער איז ארום אין גאס אריין גאנץ פרי און האט געדונגען דרייסיק געזונטע חברה־לייט, זיי באוואפנט, און האט זיי אוועקגעפירט אויף דעם צווינטער.

„דא זאלט איר אלע שטיין און ניט לאזן באגראבן א טויטן ביז מען וועט באצאלן צוויי הונדערט זילבער שטיק", האט ער זיי באפוילן, און די חברה־לייט האבן געטאן ווי ער האט זיי געהייסן.

אין פארלויף פון אכט חדשים האבן רקיון און זיין באנדע

אָנגעזאַמלט פּיל זילבער, גאָלד, בריליאַנטן און דימענטן. האָט ער געקויפט פערד און בהמות און צוגעדונגען נאָך מענטשן.

ווען עס איז געקומען דער טאָג ווען דער מלך קומט אַרויס פון זיין פּאַלאַץ אויסצוהערן דאָס פאָלק, האָבן זיך אַלע איינוואוינער פון מצרים פאַרזאַמלט אים צו דערקלערן וואָס רקיון און זיין חברה האָבן זיי אָפּגעטאָן.

ווען דער מלך איז אַרויסגעקומען, האָבן זיי אַלע אויסגע־שריען: „לעבן זאָל דער מלך אייביק! אָבער וואָס איז דאָס וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן דיינע קנעכט! דו לאָזט גאַרניט באַגראָבן די טויטע ביז מען באַצאָלט זילבער און גאָלד! איז דען אַזאַ זאַך געהערט געוואָרן אינעם גאַנצן לאַנד אין די צייטן פון די פריערדיקע מלכים וועלכע האָבן געהערשט פאַר אונז אין דעם לאַנד זינט די צייטן פון אָדם׳ן ביז איצט, אַז מען זאָל ניט טאָרן באַערדיקן אַ טויטן, סיידן מען באַצאָלט! מיר ווייסן אַז דאָס געבאָט פון אַ מלך איז צו נעמען צינז פון די לעבעדיקע, יאָר איין יאָר אויס. דו אָבער טוסט ניט אַזוי, דו נעמסט טאָג איין טאָג אויס צינז אויך פון די טויטע! מיר קענען דאָס שוין מער ניט איבער־טראָגן. די גאַנצע שטאָט איז דורכדעם פאַרדאָרבן געוואָרן און דו ווייסט ניט דערפון!”

דערהערנדיק די דאָזיקע ווערטער, איז דער קעניג געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט, און זיין גרימצאָרן האָט זיך אין אים צע־פלאַקערט, ווייל ער האָט דאָך פון גאַרניט געוואוסט.

און דער מלך האָט אויסגערופן: „ווער איז עס דער יעניקער וועלכער האָט געוואַגט צו טאָן אַזאַ אומרעכט אין מיין לאַנד אָהן מיין באַפעל? דערציילט מיר!”

האָט מען אים דערציילט אַלץ וואָס רקיון און זיינע געהילפן האָבן געטאָן. דאָס האָט דעם קעניג שטאַרק פאַרדראָסן, און ער האָט געשיקט נאָך רקיון׳ען און זיין חברה.

איז רקיון געגאַנגען און ער האָט צוזאַמענגענומען טויזנט אינגלעך און מיידלעך און זיי אָנגעטאָן אין זיידענע, אויסגעהאַפּטענע קליידער, זיי אַרויפגעזעצט אויף פערד, און זיי אַוועקגעשיקט צום קעניג. און ער אַליין האָט גענומען אַ מתנה פון פיל זילבער, גאָלד, בריליאַנטן און דימענטן און פילע פערד און איז געקומען צום קעניג און האָט זיך פאַר אים פאַרבוקט.

ווען דער מלך און זיינע קנעכט און דאָס פאָלק האָבן דערזען וואָס רקיון האָט געטאָן, און זיין רייכקייט און די שיינע מתנה וואָס ער האָט געבראַכט דעם קעניג האָבן זיי זיך שטאַרק געוואונדערט. און דעם קעניג איז די מתנה שטאַרק געפעלן.

האט ער אים אנגעהויבן אויספרעגן וואס זיין באשעפטיקונג איז, און רקיון האט געענטפערט מיט חכמה.

רקיון'ס קלוגע רייד האבן געפונען חן אין די אויגן פון דעם מלך, זיינע הארן און פון דעם פאלק, און דער מלך האט אים שטארק ליב געקראגן.

רופט זיך אן דער מלך צו רקיון'ען: „פון היינט אן און ווייטער וועט דיין נאמען ניט מער זיין רקיון. פון איצט אן וועסטו הייסן פרעה, ווייל דו האסט געצאלט (פרע) צינז פון די טויטע", און מען האט אים אנגעהויבן רופן פרעה.

און וואס ווייטער אלץ מער האבן דער קעניג און זיינע הארן ליב געקראגן רקיון־פרעה'ן פאר זיין קלוגשאפט, האבן זיי זיך אן עצה געהאלטן און באשלאסן אים צו מאכן פאר קעניג. און א געזעץ איז טאקע ארויסגעגעבן געווארן איבער דעם גאנצן לאנד מצרים, אז רקיון־פרעה איז מלך פון מצרים אויפן ארט פון אשווירוש'ן.

רקיון־פרעה האט אנגעהויבן צו קיניגן. ער פלעגט משפט'ן דאס פאלק אלע טאג, און אשווירוש פלעגט משפט'ן דאס פאלק בלויז איין טאג אין יאר.

רקיון־פרעה האט אנגעהויבן הערשן מיט א שטארקער האנט, און האט גענומען צינז פון אלע איינוואוינער אין מצרים. דאס גאנצע לאנד האט אים ליב געהאט, און עס איז ארויסגעגעבן געווארן א געזעץ, אז פון דעמאלט אן און ווייטער, זאלן אלע הערשער אין מצרים הייסן פרעה.

אברהם'ס צוג קיין מצרים

אין אט יענער צייט האט אברם גענומען אלץ וואס ער האט פארמאגט און איז געצויגן קיין מצרים. ווען זיי זיינען געקומען צום טייך פון מצרים, זיינען זיי דארט געבליבן עטלעכע טעג זיך אפצורוען פון דעם וועג.

שפאצירנדיק אזוי מיט זיין ווייב שרי לייגג־אוים דעם ברעג טייך, האט אברם אריינגעקוקט אין וואסער און דערזען ווי שיין זיין ווייב איז. ווארום ביז דאן האט אברם ניט געוואוסט וואס פאר א שיינהייט זי איז. ווייל אזוי לאנג ווי זיי זיינען געזעסן אויף איין ארט, איז שרי געגאנגען פארדעקט מיט א שלייער. און אונטערוועגס איז זי געגאנגען אויפגעדעקט, און אויך מחמת דער גרויסער צניעות וואס האט געהערשט צווישן זיי, האט ער ניט געמערקט איר שיינקייט. און כאטש דער שטייגער פון דער וועלט

איז דאָך אַז אַ רייזע מאַכט אַ מענטשן אויסזען שלעכט, אָבער שרי איז געבליבן די זעלבע שיינהייט. זי האָט זיך ניט געענדערט.

האָט אברם זיך אָנגערופן צו איר:

„קינד מיינס! מצרים איז אַן אויסגעלאַסן לאַנד. איך זע איצט אַז דו ביזט אַ שיינהייט, איז איצט געקומען די צייט אַז איך זאָל זיך זאָרגן וועגן דיין שיינקייט. מיר האָבן געוואַנדערט אין ארם נהרים און אין ארם נחור, און מיר האָבן ניט געפונען אַזאַ שיינע פרוי ווי דו. כאָטש זייערע פרויען זיינען אויך שיין, אָבער אַזאַ שיינהייט ווי דו איז ניט פאַראַן. איצט גייען מיר אין אַ לאַנד פון שוואַרצע און מיאוס׳ע. זיי זיינען פאַרוואַנדעטע פון די כושים, און זיינען ניט געוואוינט צו זען אַ שיינע פרוי. וואָרום די עגיפּטישע פרויען זיינען מיאוס׳ע, און דו ביזט אַ שיינע. און אַ שיינע צווישן מיאוס׳ע זעט אויס נאָך שענער. איז אַז די מצריים וועלן דיך דערזען, וועט זיי אָנכאַפּן אַ חשק צו דיין שיינקייט. וועלן זיי זאָגן ׳דאָס איז זיין ווייב׳. און אַזוי ווי אַ פאַרהייראַטע פרוי איז ביי זיי פאַרבאָטן, וועלן זיי זאָגן ׳אָט דער דאָזיקער פראָסטער מענטש דאַרף האָבן אַזאַ שיינע פרוי׳. וועלן זיי מיך הרג׳נען, און דיך וועלן זיי לאָזן לעבן. בעט איך דיך, אַז אָט דאָס זאָלסטו טאָן פאַר מיר. ווען מען וועט דיך פרעגן ווער דו ביזט, זאָלסטו ענטפערן אַז דו ביזט מיין שוועסטער, כדי עס זאָל אונז אַרויסקומען דערפון אַ טובה, מיר זאָלן ביידע לעבן, און ניט געטויט ווערן. נאָכמער, זיי וועלן אונז נאָך געבן מתנות". וואָרום נאָר אין דעם זכות פון דער פרוי ווערט אַ מענטש רייך. ווייל אברם האָט געזען די שכינה מיט איר, איז ער געווען זיכער אַז עס וועט איר גאָרניט געשען.

אברם האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו זיינע מענטשן, וועלכע זיינען מיט אים מיטגעצויגן קיין מצרים צוליב דעם הונגער און אויך זיין פלימעניק לוט. ער האָט צו זיי געזאָגט: „אויב די מצריים וועלן אייך פרעגן אויף שרי׳ן ווער זי איז, זאָלט איר ענטפערן אַז זי איז אברם׳ס שוועסטער".

אברם האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָזט בלויז אויף דעם אַליין. ער האָט געזאָגט צו שרי׳ן: „די מצריים זיינען שטאַרק אויס־געלאַסן, וועל איך דיך אַריינלייגן אין אַ קופערט, און דיך פאַרשליסן, וואָרום איך האָב שטאַרק מורא".

און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. ער האָט אַריינגעלייגט שרי׳ן אין אַ קאַסטן און אים באַהאַלטן צווישן די אַנדערע זאַכן וועלכע ער האָט מיטגעפירט, ווייל ער האָט שטאַרק מורא געהאַט אַז די מצריים קענען איר נאָך טאָן שלעכטס. און אברם האָט

גענומען אלץ וואס ער האט געהאט און איז אוועקגעצויגן פון דעם טייך און זיך געלאזט קיין מצרים.

ווי נאר זיי זיינען צוגעקומען צו די טויערן פון דער שטאט, האבן זיך די וועכטער צו אים גענומען.

זיי האבן צו אים געזאגט: „פריער מוזט איר באצאלן צאל צום קעניג, און ערשט דאן וועט איר קענען אריינגיין אין לאנד אריין".

האבן אברם און זיינע מענטשן געטאן ווי מען האט זיי געהייסן. זיי האבן באצאלט צאל, און מען האט זיי דורכגעלאזט דעם טויער.

אברהם אין מצרים

ווען אברם און זיינע מענטשן זיינען אריינגעקומען קיין מצרים און האבן געטראגן דעם קופערט אין וועלכן שרי האט זיך געפונען, האבן די מצריים זיך זעהר שטארק געוואונדערט.

די קנעכט פון דעם מלך זיינען צוגעגאנגען צו אים און האבן אים געפרעגט: „דעם דאזיקן קאסטן האבן מיר דאך ניט געזען! וואס האסטו דארטן? עפן אויף דעם דאזיקן קאסטן. מיר ווילן זען וואס עס געפינט זיך דארט. ווייל דו דארפסט באצאלן דעם מלך צאל פון אלץ וואס עס געפינט זיך אין דעם דאזיקן קופערט".

אבער אברם האט ניט געוואלט עפענען דעם קופערט. ער האט געהאלטן אין איין אײנ'טענה'ן מיט זיי, און צום סוף האט ער זיי געזאגט: „דעם דאזיקן קאסטן וועל איך אויף קיין פאל עפענען, אבער איך בין גרייט צו באצאלן וויפל איר וועט מיר הייסן".

האבן זיי געזאגט צו אים: „אבער וואס האסטו אין דעם דאזיקן קאסטן?"

און אברם האט געענטפערט: „גערשטן".

„ניין, עס קען ניט זיין, עס איז דארט געווים דא ווייץ", האבן זיי געזאגט.

„גוט, נעמט אייך צאל פאר ווייץ", האט ער זיי געענטפערט.

האבן זיי זיך אנגערופן: „אפשר איז גאר דארט פאראן בעבלעך?"

„קענט איר נעמען צאל פאר בעבלעך", האט ער געענטפערט.

האבן זיי ווידער געזאגט: „דו מוזט אוודאי דארט האבן כלים".

„וועל איך אייך געבן צאל פאר כלים", האט ער זיי געענטפערט.

„טאמער איז דארט גאר פאראן געלד", האבן זיי גע'טענה'ט.

„וועל איך אייך באַצאָלן צאָל וואָס קומט פון גאָלד", האָט אברם געענטפערט.

— „פון וואַנען ווייסן מיר, אפשר איז דאָרט גאָר פאַראַן זייד!"

— „וועל איך אייך צאָלן צאָל וואָס קומט פאַר זייד" — האָט אברם געזאָגט.

— „דו האָסט גאָר דאָרט פערל" — האָבן זיי געזאָגט.

— „גוט, איז נעמט אייך צאָל וואָס קומט פאַר פערל" — האָט ער געענטפערט.

האָבן די הארן פון פרעה זיך אָנגערופן צו אברם'ן און געזאָגט: „אין דעם קאַסטן זיינען געווים פאַראַן דימענטן און קרישטאָלן, באַצאָל דיין צאָל".

און אברם האָט געענטפערט: „וואָס און וויפל איר וועט מיר הייסן באַצאָלן, וועל איך באַצאָלן, אַבי איר זאָלט ניט אויפעפענען דעם קאַסטן".

ווען די מצריים האָבן געזען אַז וואָס זיי זאָלן זאָגן, נעמט ער אויף זיך, האָבן זיי זיך געטראַכט, ווען ער זאָל ניט האָבן אין דעם קאַסטן אַ גאָר קאָסטבאַרע זאַך, וואָלט ער דאָך ניט געווען וויליק צו באַצאָלן אַלץ וואָס מען זאָגט אים. מסתמא איז אינעווייניק פאַראַן אַ גאָר וואַזשנע זאַך.

אין אָט דער שעה האָבן זיי אַ זאָג געטאָן צו אים: „עס וועט דיר גאָרניט העלפן! דו וועסט זיך ניט רירן פון דאַנען ביז דו וועסט אויפמאַכן דעם קופערט!"

„איך באַצאָל אייך וויפל איר ווילט, אַבי עפנט ניט דעם קאַסטן", בעט ער זיך ביי זיי.

אָבער זיי ענטפערן: „אויסגעשלאָסן, דו מוזט אויפעפענען דעם קופערט, און ווייז אונז וואָס דו האָסט דאָרט".

און פרעה'ס הארן האָבן אָפּגעשטופּט אברם'ן. זיי זיינען צוגעגאַנגען צום קאַסטן און האָבן אים אויפגעעפנט מיט געוואַלד.

און ווי נאָר זיי האָבן אויפגעעפנט דעם קאַסטן, האָט גאַנץ מצרים אָנגעהויבן צו לייכטן, און זיי האָבן דערזען אין דעם קאַסטן שרי'ן, וועלכע האָט געשיינט ווי די זון.

ווען פרעה'ס הארן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך שטאַרק געוואונדערט. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז עס איז ניט רעכט אַז אַזאַ פּשוט'ער מענטש ווי אברם זאָל באַזיצן אַזאַ שיינהייט פאַר אַ ווייב. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זי פּאַסט זיך אין אַ פּאַלאַץ אריין, אַז זי איז ראוי פאַר דעם קעניג.

זיינען פרעה'ס הארן געלאָפן און האָבן דערציילט דעם מלך אַלץ וואָס זיי האָבן געזען, און זיי האָבן שטאַרק געלויבט שרי'ן

פאר אים. און דער מלך האט געשיקט נאך איר און מיט געוואלד, קעגן איר ווילן, האט מען זי געבראכט צום קעניג, און מען האט זי אריינגעפירט אין זיין פאלאץ אריין.

שרה אין פרעה'ס פאלאץ

ווען פרעה האט דערזען שרי'ן איז זי אים שטארק געפעלן, און ער האט זיך גארניט געקענט אפוואונדערן פון איר שיינקייט. ער האט זיך שטארק געפרייט מיט איר, און די אלע וועלכע האבן אים דערציילט וועגן איר, האט ער געגעבן מתנות.

אין דעם מאמענט ווען פרעה האט צוגענומען שרי'ן פון איר מאן, וועלכער האט זי זעהר שטארק ליב געהאט, האט ער איר אפגעשריבן זילבער, גאלד, פעלדער, קנעכט, דינסטן, און ער האט איר אויך אפגעשריבן די פראווינץ גושן.

ווען אברם האט דאס דערזען, האט ער אנגעהויבן שטארק צו וויינען. ער האט געבעטן צום אויבערשטן און געזאגט: „רבונו של עולם! אט דאס איז מיין בטחון וואס איך האב אין דיר! און איצט טו עס צוליב דיין רחמים און דיין חסד, פארשעם מיך ניט פאר מיינע האפנונגען".

אויך שרי האט געבעטן צום אלמעכטיקן און געזאגט:

„א, האר פון דער וועלט, דו האסט געהייסן מיין האר אברם'ן פארלאזן זיין לאנד און זיין פאטערס הויז, און דו האסט אים צוגעזאגט, אז אויב ער וועט טאן ווי דו הייסט אים, וועסטו אים טאן גוטס. איז דאס וואס אברם האט געטאן, איז געווען דערפאר וואס דו האסט אים צוגעזאגט. ער האט געהאט אין דיר בטחון. אבער איך, האר פון דער וועלט, איך האב דאך פון גארניט געוואוסט. ער האט מיר בלויז געהייסן גיין, האב איך געגלויבט און בין מיטגעגאנגען. אברם איז געגאנגען מיט הבטחה, אבער איך האב פארלאזט דאס לאנד מיט אמונה, גלויבן. צום סוף איז אברם אויסוויניק און איך בין אינוויניק. זע, מיר האבן געטאן ווי דו האסט אונז געהייסן. מיר האבן פארלאזט אונזער לאנד און אונזער משפחה, און מיר זיינען אוועקגעגאנגען אין א פרעמד לאנד און צו א פרעמד פאלק וואס מיר האבן קיינמאל געקענט. מיר זיינען געקומען אין אט דעם לאנד צו ראטעווען זיך פון דעם הונגער. האט מיך איצט געטראפן אט דאס אומגליק. און איצט בין איך איינע אליין, אפגעזונדערט פון מיין טאטן, פון מיין מאמען און פון מיין מאן. איצט וועט קומען דער דאזיקער רשע און טאן מיט מיר וואס ער וועט וועלן. טו זשע צוליב דיין

גרויסן נאָמען, און צוליב אברם׳ס בטחון אין דיינע רייד. ראַטעווע מיך און העלף מיר פון דעם דאָזיקן צורה, און טו מיט מיר גוטס צוליב דיין חסד וועגן״.

אָט אַזוי איז שרי געלעגן אויף איר פּנים די גאַנצע נאַכט און געבעטן צום אויבערשטן.

און דער אַלמעכטיקער האָט געהערט איר קול און צו איר געזאָגט:

„ביי דיין לעבן, אַז דיר וועט קיין שלעכטס געשען, און אויך ניט דיין מאַן. פּרעה׳ן און זיין הויז־געזינד וועל איך שוין ווייזן. און אַלץ וואָס איך וועל טאָן, וועל איך טאָן בלויז צוליב דיר, און אַלע וועלן זאָגן אַז דאָס האָב איך געטאָן צוליב שרי׳ן, די פרוי פון אברם״.

און די גאַנצע נאַכט וואָס שרי איז געווען ביי פּרעה׳ן, האָט זיך די שכינה פון איר ניט אָפּגעטאָן.

און ווען די מלאכים זיינען געקומען זינגען לויב־געזאַנגען פאַר דעם הייליקן, געבענטשט זיי זיין נאָמען, האָט ער צו זיי געזאָגט:

„גייט אַלע און שלאָגט מצרים מיט שווערע מכות. זאָל דאָס זיין אַ וואונק אויף וואָס איך וועל זיי נאָך טאָן אַמאָל״.

אין יענער שעה האָט אַ מלאך אַראָפּגענידערט פון דעם הימל, מיט אַ רוט אין זיין האַנט. און ווען דער מלך איז אַריינגעקומען און האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן שרי׳ן, איז דער מלאך געשטאַנען נעבן זיי.

און דער מלאך האָט זיך באַוויזן צו שרי׳ן און צו איר געזאָגט: „האָב קיין מורא, וואָרום דער אַלמעכטיקער האָט געהערט דיין געבעט״.

און דער קעניג האָט געפרעגט שרי׳ן: „וואָס קער זיך אָן מיט דיר דער מאַן, וועלכער האָט דיך אַהער געבראַכט?״

„ער איז מיין ברודער״, האָט שרי געענטפערט.

און דער מלך האָט זיך אָנגערופן: „מיר דאַרפן אים גרויס מאַכן, און אים דערהויבן שטאַרק הויך, און טאָן פאַר אים אַלץ וואָס דו וועסט הייסן״.

און דער קעניג האָט געשיקט צו אברם׳ן זילבער, גאָלד, בריליאַנטן, קרישטאָל און פּילע שעפסן, רינדער, קנעכט און דינסטן. און דאַן האָט דער מלך געבאָטן און מען האָט געבראַכט אברם׳ן אין פּאַלאַץ אַריין, און פּרעה האָט אים שטאַרק גרויס געמאַכט אין יענער נאַכט.

און ווי נאָר דער מלך האָט זיך צוגעזעצט צו שרי׳ן צו

ריידן, און ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט זי אָנצורירן, האָט דער מלאך אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ. און אַז ער האָט פּרובירט נאָכאַמאָל, האָט דער מלאך אים אַ זעץ געטאָן אויף דער ערד. אַז דער מלך האָט פאַרזוכט אַרונטערצוציען איר שוך, האָט דער מלאך אים דערלאַנגט איבער דער האַנט. האָט ער געוואָלט אָנ־רירן אירע קליידער, האָט דער מלאך אים געקלאַפּט איבער דער האַנט.

אָט אַזוי איז עס צוגעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. און פאַר יעדן קלאַפּ וואָס ער האָט אים דערלאַנגט האָט ער זיך באַראַטן מיט שרי׳ן. אויב שרי האָט געהייסן שלאָגן, האָט ער געשלאָגן. און אויב שרי האָט געהייסן וואַרטן אַביסל, האָט ער געוואַרט.

צען מאָל האָט שרי געהייסן דעם מלאך אים שלאָגן. און אויך שפּעטער האָט דער אַלמעכטיקער געבראַכט אויף מצרים צען מכות.

און דערפאַר וואָס פּרעה האָט זי פאַרהאַלטן איין נאַכט, זיינען ער און זיין הויז־געזינד געשלאָגן געוואָרן מיט נגעים, מיט קרעץ, מיט אַזאַ קראַנקייט פאַר וועלכער געשלעכטלעכע באַציאונג איז געפערלעך, און מיט אַלע אַנדערע קראַנקייטן וואָס מענטשן האָבן געליטן און וואָס מענטשן וועלן ליידן. און ניט נאָר ער אַליין, נאָר אַלע זיינע האַרן, זיין הויז־געזינד, די קנעכט, די ווענט, די זיילן, די בעטן, די כלים, אַלץ, אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט איז געשלאָגן געוואָרן מיט די דאָזיקע מכות.

און געווען איז יענע נאַכט די נאַכט פון פּסח. האָט דער אַלמעכטיקער געבראַכט אויף אים די מכות, אים מודיע צו זיין, אַז אין דער צוקונפט וועט ער ברענגען אויף זיין לאַנד מכות.

האָט דער מלך זיך זעהר שטאַרק דערשראָקן און געציטערט. און דאָס געשריי אין פּרעה׳ס פּאַלאַץ איז געווען שטאַרק גרויס. און אַלע האָבן געזאָגט אַז דאָס אַלץ איז צוליב שרי׳ן, די פרוי פון אברם.

ווען פּרעה האָט דערזען דאָס שלעכטס וואָס איז אויף אים געקומען, האָט ער זיך געטראַכט: דאָס איז דאָך מיר געקומען נאָר דורך דער דאָזיקער פרוי. האָט ער זיך פון איר דערוווייטערט, און גערעדט צו איר גוטע רייד.

און דער קעניג האָט צו איר געזאָגט: „דערציייל מיר, איך בעט דיך, וועגן דעם מאַן מיט וועלכן דו ביזט געקומען אַהער".

„דער דאָזיקער מאַן איז מיין מאַן", האָט שרי געענטפערט, „און איך האָב דיר געזאָגט אַז ער איז מיין ברודער, ווייל איך האָב מורא געהאַט, טאָמער וועט איר אים טויטן".

און דער קעניג האָט זיך אויפגעהערט טשעפּען צו שרי׳ן,

און גלייכצייטיק האָבן זיך אָפּגעטאָן די מכות. דאַן האָט פּרעה געוואוסט אַז דאָס אַלץ איז געשען בלויז צוליב שרי'ן, און ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט.

אברהם און שרה פאַרלאָזן מצרים

און פּרעה איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, אַ צעשראָקענער, און אַ צעטראָגענער, ווייל ער האָט דאָך זיך ניט צוגענענטערט צו איר, און ווען מען האָט געבראַכט צו אים אברם'ען, האָט דער קעניג געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס האָסטו מיר אַזוינס אָפּגעטאָן? פאַרוואָס האָסטו געזאָגט 'זי איז מיין שוועסטער'! איך האָב זי דאָך דערפאַר געוואָלט נעמען פאַר אַ ווייב. אָבער נאָך איידער איך האָב צוגענענטערט צו איר, בין איך שוין געשלאָגן געוואָרן מיט מכות".

„און איצט, אָט האָסטו דיר דיין ווייב, און אַלע אָפּשרייבעכצן פון די מתנות וואָס איך האָב איר געגעבן. נעם זיי און גיי דיר אַוועק פון אונזער לאַנד, וואָרום מיר קענען נאָך אַלע אויסשטאַרבן דורך איר. גיי! און פאַרזוים זיך ניט אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָרום די מצריים זיינען שטאַרק אויסגעלאָסן".

און פּרעה האָט גענומען נאָך שאָף און רינדער, און קנעכט און דינסטן און זילבער און גאָלד, און ער האָט געגעבן אברם'ען. ער האָט אים אומגעקערט זיין ווייב שרי, און ער האָט איר אָפּגעשריבן פאַר אַ דינסט זיין טאָכטער הגר וואָס זיינע אַ קעבס-ווייב האָט אים געבוירן. און ער האָט זי געגעבן שרי'ן אַלס באַלוינונג פאַר איר צניעות.

און צו זיין טאָכטער הגר האָט דער קעניג געזאָגט: „מיין טאָכטער, עס איז פיל בעסער פאַר דיר צו זיין אַ דינסט אין דעם הויז פון דער דאָזיקער פרוי איידער צו זיין אין מיין הויז, נאָכדעם ווי מיר האָבן געזען דאָס שלעכטס וואָס איז אויף אונז געקומען צוליב דער דאָזיקער פרוי".

האָט אברם גענומען וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און ער האָט פאַרלאָזט מצרים. פּרעה האָט באַפוילן זיינע מענטשן זיי זאָלן באַגלייטן אברם'ען און זייניקע, כדי קיינער זאָל זיי טאָן קיין שום שלעכטס. און ער אַליין האָט זיי באַגלייט פיר טריט. האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו פּרעה'ן: זעסט, אָט אַזוי וועסטו אַמאָל באַגלייטן אברם'ס קינדער פון דיין לאַנד.

און אָט דאָס אַלץ איז פאַרלאָפן מיט אברם'ען נאָר צוליב דעם, אַז זיין נאָמען און שרי'ס נאָמען זאָלן ווערן גרויס אויף דער

וועלט. ווארום אפילו אין מצרים, דאס לאנד פון די גרעסטע כשוף־מאכערס, פון וועמענס הענט קיינער האט געקאנט ארויס א גאנצער, איז אברם דארט נתעלה, דערהויבן, געווארן, און גאנץ מצרים האט אים באגלייט.

און אזוי גרויס איז דער שכר פאר באגלייטן א מענטשן, אז דערפאר וואס פרעה האט באגלייט אברם'ן פיר טריט, זיינען אברם'ס אפשטאמלינגע געווען ביי אים קנעכט פיר הונדערט יאר (לויט אן אנדער מיינונג צוויי הונדערט און צען יאר). און דערפאר וואס שרי האט אין אזא זנות'דיק לאנד ווי מצרים זיך אויסגעהיטן פון אויסגעלאסנקייט, זיינען אין איר זכות אלע פרויען געווארן פיין. און דערפאר וואס אברם איז אין מצרים ניט געשטרויכלט געווארן דורך זנות, זיינען אין זיין זכות אלע מענער געווארן פיין.

און אברם האט זיך אומגעקערט אין דעם לאנד כנען, צו דעם ארט וואו ער האט געבויט דעם מזבח, וואו ער האט צוערשט אויפגעשטעלט זיין געצעלט. און אויף זיין וועג צוריק, האט אברם גענעכטיקט אין די זעלבע סטאנציעס, אין וועלכע ער איז איינגע־שטאנען גייענדיק קיין מצרים. ווייל ער האט געוואלט אפצאלן זיינע חובות וואס ער איז שולדיק געווען אין די סטאנציעס.

אברהם און לוט

אויך לוט האט אין זכות פון אברם'ן געהאט פילע שעפסן, רינדער און געצעלטן. ווארום דער אויבערשטער האט אים גוטס געטאן צוליב אברם'ן. ער האט אים אזוי רייך געמאכט, אז די ערד האט זיי ביידע צוזאמען ניט געקענט טראגן. עס איז ניט געווען גענוג פאשע פאר זייערע פי.

און ווען אברם'ס פי פלעגן ארויסגיין אין פעלד אריין זיך פאשען, האבן זיי ניט דערטשעפעט פרעמדע פעלדער. ווארום אברם'ס פאסטעכער פלעגן פארצוימען זייערע מיילער, ביז זיי זיינען געקומען צום פאשע־פלאץ, כדי זיי זאלן ניט בא'גזל'ען פרעמדע מענטשן. אבער לוט'ס פאסטעכער פלעגן ניט פארצוימען די מיילער פון לוט'ס בהמות. ווייל זיי זיינען געווען רשעים. פלעגן טאקע לוט'ס בהמות פארניכטן דאס גראז און די געוואוקסן פון פרעמדע בעלי בתים.

האבן אברם'ס פאסטעכער אנגעהויבן זיך צו קריגן מיט לוט'ס פאסטעכער, און זיי האבן צו זיי געזאגט:

„פארוואס פירט איר ארויס לוט'ס פי אומגעצוימט און פארשאפט אזוי ארום לוט'ן א שלעכטן נאמען?"

און לוט'ס פּאַסטעכער האָבן געענטפערט:

„פאַרקערט, אייגנטלעך האָבן מיר דאָך באַדאַרפט אייך ניט לאָזן פאַרצוימען די מיילער פון די בהמות! וואָרום איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אברם'ס פּי וועלן סוף כל סוף איבערגיין צו לוט'ן, ווייל אברם האָט דאָך קיין קינדער, און לוט וועט אים ירש'ענען. און דערפאַר וואָס איר ווייסט, אַז אברם האָט קיין זון וועלכער זאָל אים ירש'ענען, פּאַשעט איר ניט די פּי ווי עס באַדאַרף צו זיין. איר מאַכט זיך פאַר צדיקים אויף יענעמס חשבון! וואָס הייסט דאָס וואָס איר זאָגט, אַז לוט'ס בהמות פּאַשען זיך פון גזלה! פּאַשען זיי זיך דען ניט אויף אייגענע פעלדער?! האָט דען ניט דער הייליקער, ברוך הוא, געזאָגט צו אברם'ן ׳צו דיינע קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד׳. אָט, אָט, וועט ער דאָך שטאַרבן אָהן קינדער, און לוט, זיין ברודערס זון, וועט אים דאָך ירש'נען!"

האָט דער הייליקער, געבענטשט זיין נאָמען, זיך אָנגערופן:

„אמת, איך האָב טאַקע געזאָגט אברם'ן, אַז זיינע קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד. צו זיינע קינדער, אָבער ניט צו דעם דאָזיקן רשע, וואָס איר מיינט. און אַפילו דאָס וואָס איך האָב געזאָגט צו אברם'ן, אַז צו זיינע קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד, איז ווען? נאָכדעם ווי איך וועל אַרויסטרייבן פון דאָרט דעם כנעני און דעם פריזי. אברם'ן האָב איך נאָך קיין קינדער געגעבן. זוכה געווען צום לאַנד האָט ער נאָך ניט. און דער כנעני און דער פריזי געפינען זיך נאָך אין לאַנד. איז אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען אין לאַנד, זיינען זיי די בעלי בתים, און איר רעדט גאָר אַזוי!"

און ווען די איינוואוינער פון דעם לאַנד האָבן געזען טאָג איין טאָג אויס ווי לוט'ס פּאַסטעכער צוימען ניט זייערע פּי, און זיי פאַרדאַרבן זייערע פעלדער און לאַנקעס, זיינען זיי געקומען צו אברם'ן, און האָבן זיך אָנגעהויבן קריגן מיט אים צוליב לוט'ס פּי.

און פּונקט אַזוי ווי אברם'ס פּאַסטעכער האָבן זיך געקריגט מיט לוט'ס פּאַסטעכער, אַזוי האָט אברם זיך געקריגט מיט לוט'ן. אברם האָט גע'טענה'ט צו לוט'ן וועלכער האָט אויסגעזען פּונקט ווי ער: „פאַרוואָס טוסטו מיר אָפּ אַזאַ זאַך? פאַרוואָס מאַכסטו מיר אַ שלעכטן נאָמען צווישן די איינוואוינער פון דעם לאַנד, דורך דעם וואָס דו הייסט דיינע פּאַסטעכער פּאַשען אין פרעמדע פעלדער! ווייסטו דען ניט אַז איך בין אַ פרעמדער אין דעם דאָזיקן לאַנד צווישן די כנענים, איז פאַרוואָס זשע טוסטו אַזוינס?!"

אָט אַזוי האָט אברם איינגע'טענה'ט מיט לוט'ן טאָג איין

טאג אוים, אבער לוט האט זיך ניט צוגעהערט צו אברם'ס ווערטער, און ער האט זיך ווייטער געטאן דאס זעלבע. אברם האט אים געהאלטן אין איין פארווערן, אבער לוט האט געהאלטן אין איין ניט פאלגן אים.

זיינען די איינוואוינער פונעם לאנד ווידער געקומען צו אברם'ן און האבן אים דערציילט. האט אברם זיך אנגערופן צו לוט'ן:

„ווי לאנג נאך וועסטו מיר זיין פאר א שטרויכלונג מיט די איינוואוינער פונעם לאנד! מיר זיינען דאך שליסלעך ברידער. איז לאמיר זיך זשע ניט קריגן — און דערפון קען מען, אגב, זען אברם'ס באשיידנקייט, ניט קוקנדיק אויף די קריגערייען, האט ער אים דאך גערופן ברודער — שייד זיך בעסער אפ פון מיר. גיי, איך בעט דיך, און קלייב דיר אוים וואס פאר א פלאץ דו ווילסט און באזעץ זיך דארט מיט דיין פי און מיט אלץ וואס דו פאר־מאגסט. דו ביזט ניט ווערט צו זיין צוזאמען מיט מיר. פונקט ווי דאס מויל־אייזל קען ניט שוואנגערן, אזוי וועלן דיינע קינדער זיך ניט אויסמישן מיט מיינע".

„איך בעט דיך, אלזא, דערווייטער זיך דו און די דייניקע פון מיר. און דו דארפסט ניט מורא האבן אוועקצוציען פון מיר. ווארום וויבאלד נאר עמעצער וועט דיר וועלן שלעכטס טאן, זאלסטו מיך לאזן וויסן, וועל איך זיך מיט אים אפרעכענען. אבער דערווייטער זיך נאר פון מיר. און וואו דו וועסט זיך באזעצן, וועל איך שטענדיק גרייט זיין דיר צו העלפן און דיך צו באשיצן".

נאכדעם ווי אברם האט אפגערעדט די דאזיקע רייד צו לוט'ן, האט לוט אויפגעהויבן זיינע אויגן און באקוקט די געגנט פון דעם ירדן. ער האט געזען ווי דער גאנצער פלאץ איז גוט פאר מענטשן און פאר פי, און ער האט זיך דערווייטערט פון אברם'ן וואס איז געווען דער ערשטער גלויביקער. ער האט געזאגט: „איך וויל ניט אברם'ן, און איך וויל ניט זיין פאטער אין הימל". און ער האט ניט געוואלט זיך באהעפטן אין דער אמת'ער אמונה ווי אברם.

און ווען לוט, וועלכער איז געווען אויסגעלאסן, האט געזען אז די איינוואוינער פון סדום זיינען זעהר אויסגעלאסן, האט ער אויסגעקליבן סדום פאר זיין וואוין־ארט, כדי ער זאל קענען טאן ווי זיי טוען. ער האט אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן אזוי, אז זיי האבן דערגרייכט ביז סדום, און ער אליין האט זיך באזעצט אין סדום, וואס איז געווען איינע פון די שענסטע שטעט. און כאטש די איינוואוינער פון סדום זיינען געווען זעהר שלעכטע און זינדיקע מענטשן, האט אים אבער דאס דאך ניט אפגעהאלטן פון צו וואוינען צווישן זיי.

דער אויבערשטער זאָגט צו אברהם׳ן ארץ ישראל

ווי נאָר לוט האָט זיך אָפּגעשיידט פון אברם׳ן, האָט דער רוח הקודש באַלד נאָכאַמאָל אָנגעהויבן רוען אויף אברם׳ן. דער אויבערשטער האָט זיך אַנטפּלעקט צו אים, און ער האָט צו אים געזאָגט:

„הויב אויף דיינע אויגן און קוק אין צפון זייט און אין דרום זייט, אין מזרח זייט און אין מערב זייט. וואָרום דאָס גאַנצע לאַנד וואָס דו זעסט וועל איך געבן דיר און דיינע קינדער אויף אייביק. און דיינע קינדער וועל איך מאַכן אַזויפיל ווי דער שטויב פון דער ערד. אויף דער דאָזיקער וועלט וועלן זיי געגליכן ווערן ווי שטויב".

„פונקט ווי אַ מענטש קען ניט איבערציילן דעם שטויב פון דער ערד, אַזוי אויך וועט מען דיינע קינדער ניט קענען איבער-ציילן. פונקט ווי אַ מענטש קען ניט פאַרניכטן דעם שטויב פון דער ערד, אַזוי אויך וועט מען דיינע קינדער ניט קענען פאַרניכטן. פונקט ווי דער שטויב פון דער ערד ווערט געבענטשט נאָר דורך וואַסער, אַזוי אויך וועלן דיינע קינדער געבענטשט ווערן נאָר אינעם זכות פון דער תורה וואָס איז געגליכן צו וואַסער. פונקט ווי דער שטויב פון דער ערד איז פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן עק וועלט, אַזוי אויך וועלן דיינע קינדער זיין צעשפּרייט פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן עק וועלט. אַזוי ווי שטויב פון דער ערד פאַרניכטעט אַלע מעטאַלענע כלים און ער אַליין בלייבט אויף אייביק, אַזוי אויך וועלן אַלע געצנדינער אומקומען אָבער ישראל וועט בלייבן אויף אייביק. אַזוי ווי דער שטויב פון דער ערד ווערט געטראָטן פון יעדן, אַזוי וועלן די געצנדינער טרעטן אויף דיינע קינדער. אַזוי ווי קיין מענטש קען לעבן אָהן שטויב, וואָרום וויבאַלד עס איז ניטאָ שטויב, וואַקסן קיין בוימער און קיין תבואה, אַזוי אויך וועט די וועלט ניט קענען האָבן אַ קיום אָהן דיינע קינדער. פונקט אַזוי ווי דער שטויב פון דער ערד, כאָטש אַלע טרעטן אויף אים, איז צום סוף הויבט ער זיך אויף און פאַרשטויבט די וואָס טרעטן אויף אים, אַזוי אויך די אידן, כאָטש זיי זיינען אויף דער אונטערשטער מדרגה, הויבן זיי זיך אויף און שטייען העכער פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. פונקט אַזוי ווי דער וועג פאַרמאַטערט דאָך אַלע רייזנדיקע, און ער אַליין בלייבט אויף אייביק, אַזוי אויך וועלן דיינע קינדער פאַרמאַטערן אַלע געצנדינער, און זיי וועלן בלייבן אויף אייביק. פונקט אַזוי ווי דער שטויב פון דער ערד צעברעכט

די צייַן, אַזוי אויך ווען משיח וועט קומען, וועלן די אידן אומ־
ברענגען די געצנדינער פון דער וועלט. פונקט אַזוי ווי דער שטויב
פון דער ערד, ווען אַ מענטש נעמט אַן אַ פולע זשמעניע פון איס
און טוט עס אריין אין טייג אריין אָדער אין אַ געקעכץ אריין,
קען עס קיין שום באַשעפעניש פאַרזוכן, וואָרום עס צעברעכט
די צייַן, אַזוי אויך די אידן, יעדען איינעם, וועלכער באַראַבעוועט
און באַ'גזל'ט זיי אויף דער וועלט, וועלן זיי אויסהאַקן די
צייַן אויף יענער וועלט. פונקט אַזוי ווי עס איז דער שטייגער
פון זאַמד, אַז מען טוט עס אַריין אין פייער אַריין און מען נעמט
עס אַרויס פון דאָרטן גאַנצע פלאַכטעסווייז און מען מאַכט דערפון
גלאַז, אַזוי אויך די אידן, זיי גייען אַריין אין פייער אַריין, און
קומען אַרויס לעבעדיק. פונקט אַזוי ווי עס איז דער שטייגער פון
זאַמד, אַז מען מאַכט אין אים אַ גריבעלע אין אונט, און אינדערפרי
געפינט מען דאָס גריבעלע צוריק אָנגעפילט, אַזוי אויך די אידן,
די טויזנטער וועלכע זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אין דוד המלך'ס
צייטן, זיינען נתמלא געוואָרן אין די צייטן פון שלמה המלך".

„שטיי זשע אויף און גיי אין דעם לאַנד אין דער לייַנג
און אין דער ברייט, און נעם דערמיט חזקה אין דעם לאַנד,
וואָרום דיר וועל איך עס געבן, אָבער נאָר דאָס לאַנד און ניט
מער. גיי און מאַך דעם וועג פאַר דיינע קינדער".

און דערנענטערט האָט דער הייליקער, ברוך הוא, אברם'ן
צו ארץ ישראל דערפאַר, ווייל ווען ער האָט באַשאַפן די וועלט,
איז זי אָפּגעשטאַנען צוואַנציק דורות, און עס איז אין איר געווען
קיין שום נוצן. ווייל אין פאַרלויף פון די צוואַנציק דורות איז
ניט אויפגעשטאַנען איין צדיק. ווען דער אויבערשטער האָט געזען
אברם'ן וועלכער האָט זיך געפונען אין דעם לאַנד בבל, האָט ער
זיך געטראַכט אפשר האָט דער דאָזיקער כוח אויסצוהאַלטן. און
אַזוי ווי מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין קאַלך אויוון אַריין און
ער האָט הייליק געמאַכט דעם הייליקנס נאָמען און ער האָט אויס־
געהאַלטן דעם נסיון, האָט דער הייליקער געבענטשט זיין נאָמען,
און אים דערנענטערט צו ארץ ישראל.

און אויסגענומען האָט דער אויבערשטער מיט אברם'ן אַז
ער גיט אים דאָס לאַנד כנען אַ מתנה. און ווען ער האָט אים
געגעבן דאָס לאַנד, האָט ער עס אים געגעבן בלויז אַזוי ווי עס
איז. ערשט אברם האָט דאָס לאַנד אויסגעבעסערט און גוט געמאַכט.
ווייל ווען ער איז געקומען צו דער בערגיגער געגנט פון
צור, און ער האָט געזען ווי זיי טוען זייער אַרבעט אין צייט.
ווען מען דאַרף אויסרייסן דעם אומקרויט, רייסן זיי עס אויס.
זיי פאַלען (יעטן) אין דער צייט ווען מען דאַרף פאַלען. האָט

ער געזאָגט: „הלואי זאָל מיין חלק זיין אין אַט דעם דאָזיקן לאַנד".

און אברם האָט אויפגעשטעלט זיין געצעלט, און ער האָט זיך באַזעצט אין דעם פּלאַץ פון ממרא. ער האָט אויך געבויט אַ מזבח. און געבויט האָט אברם דריי מזבחות. איינעם ווען עס איז אים אָנגעזאָגט געוואָרן די גוטע בשורה אַז זיינע קינדער וועלן קריגן ארץ ישראל. איינעם ווען ער האָט קונה געווען דאָס לאַנד. און איינעם ווען עס איז אים געזאָגט געוואָרן אַז זיינע קינדער וועלן ניט פאַלן אין עי.

האָט אברם זיך באַזעצט אין יענעם אָרט, און ער האָט דאָרט געוואוינט אַ לאַנגע צייט.

און אַזוי ווי דער הייליקער, ברוך הוא, היט דאָך אָפּ דאָס פאַרמעגן פון די רשעים, נאָר צוליב דעם אַז די צדיקים זאָלן עס צונעמען, האָט ער זיך געטראַכט: איך וועל פאַראורזאַכן אַ קריג צווישן די מלכים, איך וועל זיי אָנרייצן איינעם קעגן דעם אַנדערן, וועט אברם קומען און אַוועקנעמען וואָס זיי האָבן. און אויך האָט דער הייליקער געוואָלט דורך דעם גרויס מאַכן אברם'ס נאָמען איבער דער וועלט.

לוט אין געפאַנגענשאַפט

אין אַט יענער צייט האָט כדרלעומר דער קעניג פון עילם געשיקט צו אַלע מלכים וועלכע האָבן זיך געפונען אַרום אים און צו נמרוד'ן דעם מלך פון שנער וועלכער איז געווען אונטערטעניק אונטער אים, און צו תדעל דעם קעניג פון גוים, און צו אריוך דעם מלך פון אלסר, מיט וועלכע ער האָט געשלאָסן אַ בונד, אַזוי צו זאָגן:

„נעמט זיך אַלע צוזאַמען און קומט צו מיר. איר וועט מיר העלפן שלאָגן די ריזן וועלכע אַז מען זעט זיי בלויז שטאַרבט אַפּ דאָס האַרץ. איר וועט מיר העלפן אויסראָטן אַט יענע תקיפים פאַר וועלכע יעדער איינער האָט מורא. זיי געפינען זיך אין שוה קריתים — אַ שטאָט וואָס באַשטייט פון צוויי שטעט, און אין זייער הויפּט שטאָט חרי, אויף זייער באַרג גבלא, דאָרט וואו די זון שיינט ניט, ביז איל דעם פּלאַץ פון פּאַרן. מיר וועלן שלאָגן אַלע שטעט פון סדום און אירע איינוואוינער, וואָרום שוין דרייצן יאָר אַז זיי זינדיקן קעגן מיר".

און אין דעם פערצנטן יאָר ווען זיי האָבן מורד געווען אין כדרלעומר'ן, זיינען ער און זיינע אַליאירטע מיט אַלע זייערע

ארמייען צוזאמען אן ערך פון אכט הונדערט טויזנט מאן, געצויגן, און זיי האבן אומגעבראכט יעדן איינעם וועמען זיי האבן נאר געטראפן אויף דעם וועג.

זיי האבן אויך געשלאגן אלע פינף מלכים פון סדום און עמורה. דעם קעניג ברע פון סדום וועלכער איז געווען שלעכט (רע) צום אויבערשטן און צו לייט; דעם קעניג ברשע פון עמורה וועלכער איז געווען א זינדיקער (רשע); דעם קעניג שנאב פון אדמה וועלכער האט פיינט געהאט (שונא) דעם פאטער (אב) אין הימל; דעם קעניג שמאבר פון צביים, וועלכער האט זיך געמאכט פליגלען (שם אבר) צו פליען, צו שפרינגען און מורד צו זיין אין דעם הייליקן, ברוך הוא; און דעם מלך פון דער שטאט בלע — דאס איז צער — וועמענס איינוואוינער זיינען פארשלונגען געווארן.

און זיי האבן זיך אלע צוזאמען פארזאמלט אין דעם טאל שדים. און געהייסן האט דער טאל אזוי, ווייל עס האבן זיך דארט געפונען פילע פעלדער (שדות), און ער פלעגט זיי באפרוכטבארן פונקט ווי ברוסטן (שדים) זויגן אן א קינד. אט דער דאזיקער טאל איז אורשפרינגלעך געווען פול מיט אלע פארשידענע גוטע זאכן, נאר נאכדעם ווי די מענטשן האבן געזינדיקט איז דער טאל געווארן פול מיט געזאלצן וואסער, און אזוי ארום איז דארט אנטשטאנען דער ים המלח, דער געזאלצענער [טויטער] ים.

און די נייען מלכים האבן דארט פארפירט א מלחמה. די מלכים פון עילם האבן שטארק צעקלאפט אלע מלכים פון סדום און עמורה, און דאס איז דאן געווען די ערשטע מלחמה אויף דער וועלט.

האבן די מלכים פון עילם נאכגעיאגט די מלכים פון סדום. און אזוי ווי דער טאל שדים איז געווען פול מיט ליימיקע גריבער, זיינען אלע מלכים פון סדום און עמורה מיט זייערע חיילות, ארייננגעפאלן אין אט די ליימיקע גריבער. אבער א נס איז געשען און דער קעניג פון סדום האט זיך פון דארט ארויסגעראטעוועט.

ווארום בעת אברם איז ארייננגעווארפן געווארן אין קאלך אויוון און איז ניצול געווארן, האבן זיך געפונען א טייל פון די געצנדינער וועלכע האבן געגלויבט אין דעם נס. אבער עס זיינען אויך געווען אזעלכע וועלכע האבן ניט געוואלט גלויבן. אבער נאכדעם ווי דער קעניג פון סדום איז ארייננגעפאלן אין די ליימיקע גריבער און ער איז ניצול געווארן, האבן זיי שוין אלע געגלויבט אין דעם נס אז אברם איז ניצול געווארן פון דעם קאלך אויוון.

און די פיר מלכים פון עילם האבן נאכגעיאגט דעם שונא'ס סאלדאטן וועלכע זיינען אנטלאפן אויפן בארג זיך צו ראטעווען,

און האָבן זיי געטריבן ביז צום טויער פון סדום. זיי האָבן אַוועקגענומען אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין סדום. זיי האָבן אויסגעפּלינדערט אַלע שטעט פון סדום און עמורה. אויך לוט׳ן, אברם׳ס ברודערס זון, האָבן זיי גענומען געפאַנגען. זיי האָבן גענומען אים און אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. און דאָס האָט ער געקראָגן דערפאַר וואָס ער האָט זיך באַזעצט אין סדום. זיי האָבן גענומען דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון די שטעט פון סדום און עמורה און זיי זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען.

אייגענטלעך האָבן זיי גענומען לוט׳ן געפאַנגען, ווייל זיי האָבן געמיינט אַז דאָס איז אברם. וואָרום לוט האָט אויסגעזען פּונקט ווי אברם. זיי האָבן געוואָלט בלינד מאַכן דאָס אויג וואָס האָט איינגעפירט גערעכטיקייט אויף דער וועלט. און אפשר האָבן זיי געפילט דורך זייער שטערנזעעריי אַז אין לוט׳ן שטעקט אַ גרויסער און פאַרכטיקער ניצוץ פון הייליקייט וואָס איז די נשמה פון משיח. אָבער אַבי נאָר זיי האָבן געפאַנגען לוט׳ן האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און זיינען אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט.

אברהם באַזיגט די מלכים — באַפרייט לוט׳ן

געווען איז דעמאָלט פּסח. אברם איז דאַן געווען פאַרנומען מיט באַקן מצות. איז געקומען צו אים עוג, דער אַנטרינענער, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פון דעם דור המבול דורך דעם וואָס ער איז געזעסן אונטער דעם דאַך פון דער תיבה וואָס האָט אים באַשיצט קעגן רעגן, און ער האָט זיך געשפייזט פון נח׳ס שפּייז — און ער האָט דערציילט אברם׳ן אַלץ וואָס די דאָזיקע מלכים האָבן געטאָן צו די שטעט פון סדום, און אַז זיי האָבן גענומען געפאַנגען זיין ברודערס זון לוט.

און עוג האָט דאָס ניט געטאָן אויס ערלעכקייט. ער האָט עס געטאָן צוליב שרי׳ס שיינקייט. ער האָט זיך געטראַכט: אַזוי ווי אברם איז אַ קנאי, איז אַז ער וועט אים דערציילן אַז לוט איז געפאַנגען, וועט ער דאַך גיין מלחמה האַלטן און געטויט ווערן, וועט ער נעמען שרי׳ן פאַר אַ ווייב.

וואָרום לוט האָט געוואָלט ווערן אַ פירער אין סדום. ער האָט געוואָלט נאָכאַמאָל אָנהויבן דינען די עבודה זרה. און דערפאַר וואָס ער האָט פאַראורזאַכט אַ קריג צווישן זיך און אברם׳ן, זיינען זיי ביידע צעשיידט געוואָרן, און זיי זיינען געוואָרן ווי ריגלען מיט וועלכע מען פאַרשליסט אַ פּאַלאַץ, אַזוי אַז די וועלכע שטייען אויסוויינינק, קענען ניט אַריין אינווייניק.

און זע אליין אויף וויפל דער רשע לוט האט אוועקגערויבט פון דעם צדיק אברם די מעגלעכקייט, אז דער הייליקער, ברוך הוא, זאל צו אים ריידן. ווארום אזוי לאנג ווי לוט איז געווען באהעפט צו אברם'ן, האט דער אויבערשטער זיך ניט אנטפלעקט צו אברם'ן, און ער האט ניט גערעדט מיט אים. און פון דעם טאג אן ווען לוט האט א קלער געטאן אנצוהויבן נאכאמאל צו זינדיקן, האט דער רוח הקודש זיך אפגעטאן פון אברם'ן.

ווען אברם האט מיטגענומען לוט'ן מיט זיך, איז דער הייליקער געווען אין כעס אויף אים. דער אויבערשטער האט זיך געטראכט: „איך האב אים געזאגט 'צו דיינע קינדער האב איך געגעבן דאס דאזיקע לאנד'. און ער פירט גאר מיט זיך זיין ברודערס זון לוט, כדי ער זאל אים ירש'ענען! אויב אזוי זאל ער נעמען גלאט צוויי קינדער פון גאס, און זיי מאכן פאר זיינע יורשים, פונקט ווי ער וויל מאכן זיין ברודערס זון פאר זיין יורש".

אבער ווען אברם האט געזען אז לוט קערט זיך טאקע צוריק אום צו זיינע זינד, האט ער אנגעהויבן מורא האבן. ער האט זיך געטראכט: אפשר האט ער דורך דער דאזיקער באהעפטונג מיט לוט'ן פארלוירן חס ושלום דעם חלק הייליקייט מיט וועלכער דער הייליקער, געבענטשט זיין נאמען, האט אים באקרוינט.

און פונדעסטוועגן, ווען לוט, זיין ברודערס זון, האט זיך פון אים דערווייטערט, האט דעם אויבערשטן פארדראסן אויף אברם'ן. דער הייליקער האט געזאגט: מיט אלע קען ער זיך באהעפטן, און מיט זיין ברודער לוט קען ער זיך ניט באהעפטן!

און ווי נאר לוט איז אוועק פון אברם'ן, האט אברם געהאט צער דערפון. ער האט ביי זיך געטראכט: דער הייליקער, געבענטשט זיין נאמען, האט דאך געזאגט 'דיינע קינדער וועל איך געבן דאס דאזיקע לאנד'. אפשר האט ער געמיינט אז ער וועט דאס לאנד געבן צו לוט'ס משפחה, און איך האב אים גאר דערווייטערט פון מיר!

ווי נאר אברם האט דערהערט אז זיין פלימעניק איז געפאנגען געווארן, האט ער צו זיך געזאגט: איך וועל גיין און זיך מוסר נפש זיין פאר דעם נאמען פון דעם אלמעכטיקן.

האבן צו אים געזאגט זיינע יונגען: „פינף מלכים האבן ניט געקענט ביישטיין קעגן זיי, וועלן מיר קענען ביישטיין קעגן זיי?"

אבער אברם האט זיך ניט צוגעהערט צו זייערע רייד. ער האט זיי אלע באוואפנט מיט כלי זיין. ער האט זיי אויסגעפוצט אין זילבער און אין גאלד. ער האט זיי באדעקט מיט פערל, בריליאנטן און מיט אלע טייערסטע זאכן אין דער וועלט, און ער האט צו זיי געזאגט:

„זייט ווייסן אַז מיר גייען אַרויס מלחמה האַלטן. איר זאָלט ניט גלוסטן זילבער און גאָלד. אַט דאָס אַלץ וואָס איר זעט איז אייערס. אויב איר דאַרפט זילבער און גאָלד נאָט אייך, און גייט מלחמה האַלטן מיט זיי און הייליקט דעם נאָמען פון דעם הייליקן. אויב עס געפינט זיך צווישן אייך עמיצער וועלכער האָט מורא פאַר זינד; ווען מען האָט אים באַוויזן איז ווייך צוליב די שלעכטע מעשים וואָס ער האָט געטאָן, זאָל ער זיך אומקערן אַהיים, און זאָל ניט מאַכן צעגיין דאָס האַרץ פון זיינע ברידער ווי זיין האַרץ. אויב עמיצער פון אייך ווייסט, אַז ער האָט געטאָן אַן עבירה, זאָל ער ניט גיין מלחמה האַלטן". און אויסגעפּוצט אין זילבער און אין גאָלד האָט ער זיי, כדי די וועלט זאָל זען ווי רייך ער איז, און מענטשן זאָלן ניט זאָגן, אַז אברם איז געגאַנגען אויס׳הרג׳נען די מלכים כדי אַוועק צונעמען זייערע פאַרמעגנס.

ווי נאָר זיינע יונגען האָבן דערהערט זיינע רייד, האָבן זיי ניט געוואָלט גיין מיט אים. איינציקווייז האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן, ביז עס איז מיט אים איבערגעבליבן בלויז אליעזר, דער זון פון נמרוד, וועלכער איז געווען כשר. און אין שטאַרקייט האָט ער זיך געקאָנט פאַרמעסטן מיט די דריי הונדערט אַכצן יונגען, ווי די צאָל פון די אותיות אליעזר באַטרעפט דריי הונדערט און אַכצן. און אַט דער אליעזר פלעגט לערנען אַנדערע מענטשן אברם׳ס תורות, זיינע מצוות, און ווי צו טאָן גערעכטיקייט.

אין יענער מינוט האָט דער הייליקער, געבענטשט איז ער, געזאָגט: „אַלע האָבן דיך פאַרלאָזט! אַ חוץ אליעזר׳ן איז קיינער געבליבן מיט דיר! ביי דיין לעבן, איך וועל אים געבן כוח פאַר דריי הונדערט און אַכצן יונגען! ער וועט גיין מיט דיר, און עס וועט זיין גלייך ווי אויך זיי זיינען געגאַנגען מיט דיר".

וואָרום ווען אברם האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין פירן מלחמה מיט די מלכים, האָט ער זיך ניט פאַרלאָזט אויף אַ נס. לוט׳ס צער האָט אים אַרויסגעטריבן פון הויז. ער האָט אַפילו מיטגענומען געלט אים אויסצולייזן. און אויב עס וועט אים ניט געלינגען אים אויסצולייזן, אָדער אים צו ראַטעווען, וועט ער ליבער שטאַרבן מיט אים אין געפאַנגענשאַפט.

אָבער אַזוי גיך ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען, און ער האָט דערזען אַז די שכינה לייכט פאַר אים, און אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט פילע חיילות, האָט ער באַשלאָסן זיי נאָכצויאָגן.

ער איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און האָט גענומען זיינע דריי תלמידים ענר, אשכול און ממרא און זיין קנעכט אליעזר, און ער האָט צו זיי געזאָגט: „מיר גייען ראַטעווען לוט׳ן".

און אברם האט נאכגעיאגט די מלכים ביז דן, דאס הייסט פמיאס, א שטאט אין צפון זייט פון ארץ ישראל.

ווי נאר אבער דער צדיק איז אנגעקומען קיין דן, איז זיין כוח שלאבעריק געווארן. ווארום ער האט פאראויסגעזען, אז זיינע קינדס קינדער וועלן דארט דינען די שטערן און פלאנעטן, אז זיי וועלן דארט מאכן דעם עגל. האט ער זיך אפגעשטעלט און מער ניט נאכגעיאגט.

ווען דער מלך פון סדום האט דערזען ווי אברם יאגט זיי נאך, האט ער געלאכט פון אים און געזאגט: „אט דער דאזיקער פארמעסט זיך נאכצויאגן אזויפיל מלכים און זייערע לעגיאנען?"

אבער צדקה האט געשריען און געזאגט: „אויב עס וועט ניט זיין אן אברם, ווער זשע וועט מיך טאן?" און דער מזל צדק, וואס איז אברם'ס מזל האט אנגעהויבן פאר אים לייכטן.

און ניט קוקענדיק דערויף וואס זיי זיינען געווען פינף און פערציק טויזנט פרינצן, מיט קייזערינעס און זונות, אכציק טויזנט שטארקע מאן אנגעטאן אין קליפה פאנצערם, און זעכציק טויזנט פוס-סאלדאטן מיט שווערדן א חוץ קאוואלעריע, האט ער איבערגעלאזט דארט זיינע תלמידים און זייערע פרויען מיט זיי, און ער האט גענומען אליעזר'ן און זיי האבן זיי נאכגעיאגט. און דערפאר וואס אברם האט געפירט תלמידי חכמים אין מלחמה אריין, איז ער באשטראפט געווארן מיט דעם וואס זיינע קינדער זיינען שפעטער געווען קנעכט אין מצרים צוויי הונדערט און צען יאר.

ווי נאר אברם האט אנגעהויבן זיי נאכצויאגן, זיינען זיינע טריט געווארן זעהר גרויס. א טריט איז געווען דריי מייל. ער האט געהאט קפיצת הדרך, דער וועג איז אים אנטקעגן געשפרונגען. אבער זיינע פיס זיינען ניט פארשטויבט געווארן, נאר פונקט ווי איינער וועלכער גייט פון זיין הויז אין בית המדרש אריין. זיינע פיס זיינען ניט פארשטויבט געווארן אפילו ווי די פיס פון א קינד וואס גייט איבער די גאס.

און די מלחמה צווישן אברם'ן און די מלכים האט זיך אנגעהויבן. אברם האט אויף זיי געווארפן ערד, און פון דער ערד איז געווארן שווערדן. ער האט אויף זיי געווארפן שטרוי, און פון דעם שטרוי איז געווארן פיילן.

זיי, ווידער, האבן געווארפן אויף אברם'ן שווערדן, איז פון זיי געווארן ערד, זיי האבן אויף אים געווארפן פיילן, איז פון זיי געווארן שטרוי.

האט אברם נאכגעיאגט און דער אויבערשטער האט גע-טויט. און אברם און זיין קנעכט האבן נאכגעיאגט די איבעריקע.

דערווייל איז געקומען אברם׳ן צו הילף דער מלאך לילה, און עס איז פון זיי ניט איבערגעבליבן אַ מענטש, אויסער די פיר מלכים וועלכע זיינען אַנטלאָפן און האָבן זיך אומגעקערט יעדערער אין זיין וועג. און דורכדעם וואָס די מלכים האָבן געפירט מלחמה איינער מיט דעם אַנדערן, איז אברם געהאָלפן געוואָרן.

האָט אברם זיך אָנגערופן צום אויבערשטן און צו אים געזאָגט:

„האַר פון דער וועלט! ווען דו וואָלסט ניט געווען משתף געווען דיין כבוד מיט מיר און מיר געהאָלפן, איז וואָס פאַר אַ ווערט האָט איין מענטש קעגן אַזויפיל מלכים און זייערע חיילות! נאָר וואָס דען, דו האָסט געגעבן דעם מידן כוח. די קומען מיט רייטוועגן, די קומען מיט פערד, אָבער איך — דורך דיין נאָמען ווערט מיין האַרן דערהויבן".

אין יענער שעה האָט דער הייליקער, ברוך הוא, זיך אָנגערופן צו אברם׳ן און צו אים געזאָגט: „גענוג פאַר דיר! איצט לאָמיר, דו און איך, צעטיילן די נאַכט". און דאָס איז די נאַכט וועגן וועלכער דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברם׳ן: אין דער דאָזיקער נאַכט וועל איך אויסלייזן דיינע קינדער. דאָס איז די נאַכט וועלכע איז אָנגעגרייט געוואָרן צעטיילט צו ווערן אין מצרים. אַ האַלבע נאַכט איז געווען זיך אָפּצורעכענען מיט אָט די מלכים, און אַ האַלבע נאַכט איז באַהאַלטן געוואָרן אויף שפּעטער אויסצו׳הרג׳נען די בכורים פון מצרים.

„דו", האָט דער אויבערשטער ווייטער געזאָגט צו אברם׳ן, „האָסט פון פאַרנאַכט ביז אַ האַלבע נאַכט געטאָן פאַר מיר, און גע׳הרג׳ט מיינע פיינט; ביי דיין לעבן, אַז איך וועל טאָן פאַר דיינע קינדער פון האַלבער נאַכט ביז אינדערפרי און הרג׳נען זייערע פיינט אין מצרים".

און אברם האָט גענומען דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון די מלכים, דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון סדום און דער געגנט, זיין פלימעניק לוט און אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אפילו וואָס איז ווערט אַ פרוטה האָט ניט געפעלט לוט׳ן, און ער האָט זיך אומגעקערט לשלום.

און נאָכדעם ווי אברם האָט זיך אומגעקערט פון דער מלחמה אין וועלכער ער האָט אומגעבראַכט די דאָזיקע מלכים און זייערע חיילות, האָבן אַלע זיך פאַרזאַמלט אין דעם טאָל שוה, און זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ ראַט. און דאַן האָבן זיי אויסגעהאַקט צעדערבוימער און אויפגעבויט אַ גרויסע בימה, און זיי האָבן אַרויפגעזעצט אברם׳ן אויף דער דאָזיקער בימה. זיי האָבן אים שטאַרק געלויבט און צו אים געזאָגט:

„הער אונז צו! פאלג אונז און זיי דו אונזער מלך. דו ביזט אונזער האר, דו ביזט אונזער גאט!"

אבער אברם האט זיי געענטפערט: „די וועלט האט איר מלך, און זי האט אויך איר באשעפער!"

און אברם האט דערוויל געהאט אביסל עגמת נפש. ווארום ער האט גע'הרג'ט שם בן נח'ס א זון. האט ער ביי זיך געטראכט: אזוי ווי איך האב געטויט א צדיק'ס א זון, איז איצט קען ער דאך קומען און מיך שעלטן, וועל איך דאך שטארבן!

האט דער הייליקער זיך אנגערופן צו אים:

האב קיין מורא! ניט נאר וועט ער דיך ניט שעלטן, נאר ער וועט נאך אפילו גיין דיר אנטקעגן מיט מתנות, און ער וועט דיך אויך בענטשן".

אברהם און שם, נח'ס זון

און מלכי צדק, געמלעך שם דער זון פון נח, איז ארויסגעגאנגען אנטקעגן אברם'ן. און אט דער דאזיקער שם איז געווען קעניג פון ירושלים. ער איז אויך געווען א צדיק. ער איז געווען איינער פון די וועלכע זיינען געבוירן געווארן גע'מל'ט. אויף אים האט דער הייליקער געאיינציקט זיין נאמען. ער איז געווען א כהן גדול. דאס בית המקדש איז געבויט געווארן אין זיין תחום.

איז אט דער שם, ווען ער האט געהערט פון אלץ וואס אברם האט געטאן, און דערזען דאס פיל האב און גוטס וואס ער האט אומגעקערט, האט ער זיך שטארק געוואונדערט ביי זיך אין הארץ. און ניט קוקענדיק דערויף וואס אברם האט גע'הרג'ט זיין זון כדרלעומר דעם קעניג פון עילם, איז ער געגאנגען אים אנטקעגן אים צו בענטשן.

און שם האט געזאגט:

„געבענטשט זיי אברם פון דעם אויבערשטן וועלכער האט באשאפן הימל און ערד צוליב די צדיקים".

און דאן האט ער אנגעהויבן לויבן דעם אלמעכטיקן און געזאגט:

„און געלויבט איז דער אויבערשטער וועלכער האט איבער־געגעבן דיינע שונאים דיר אין דער האנט אריין".

האט אברם זיך אנידערגעשטעלט און האט אנגעהויבן בעטן צום בורא עולם, צום באשעפער פון דער וועלט, און געזאגט:

„האר פון אלע וועלטן! ניט מיט דעם כוח פון מיינע הענט

האָב איך דאָס אַלץ געטאָן, נאָר מיט דעם כוח פון דיין רעכטער האַנט מיט וועלכער דו באַשיצט מיך אויף דער וועלט, און אויף יענער וועלט".

און אַלע אין הימל האָבן געענטפערט און געזאָגט:

„געלויבט ביזטו, אַלמעכטיקער, וועלכער באַשיצט אברם'ן".

און אברם איז געגאַנגען, און ער האָט גענומען מעשר פון אַלץ וואָס ער האָט פאַרנומען פון סדום און פון עמורה, און ער האָט אויך גענומען מעשר פון זיין ברודערס זון לוט, און ער האָט עס געגעבן צו שם'ן דעם זון פון נח, ווייל ער איז געווען אַ כהן.

און אין אמת'ן האָבן שם און אברם דערגענצט איינער דעם צווייטן. וואָרום זיי האָבן דאָך מורא געהאַט איינער פאַר דעם צווייטן. אברם האָט מורא געהאַט פאַר שם'ן, ווייל ער האָט ביי זיך אין האַרצן זיך געטראַכט, אפשר איז שם בן נח אויף אים אין כעס דערפאַר ווייל ער האָט גע'הרג'ט זיינע קינדער. שם בן נח, ווידער, האָט מורא געהאַט פאַר אברם'ן, ווייל ער האָט אין האַרצן געטראַכט, אפשר איז אברם אויף אים אין כעס דערפאַר ווייל ער האָט געבראַכט אויף דער וועלט רשעים. האָבן זיי זיך דערגענטערט איינער צום צווייטן. שם האָט געהאָלפן אברם'ן מיט ברכות, און אברם האָט געהאָלפן שם'ן מיט מתנות.

אַזוי איז אברם געווען דער ערשטער אין דער וועלט וועלכער האָט געגעבן מעשר.

און אַזוי ווי ווען שם און אברם האָבן זיך געטראָפן, האָט שם צוערשט געבענטשט אברם'ן און ערשט דערנאָך דעם אויבערשטן. האָט אברם זיך אָנגערופן צו אים און געזאָגט:

„בענטשט מען דען פריער אַ קנעכט און ערשט דערנאָך דעם בעל-הבית!"

איז טאַקע באַלד אָנועקגענומען געוואָרן די כהונה פון שם'ן, און זי איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אברם'ן.

וואָרום אורשפּרינגלעך האָט דער הייליקער, ברוך הוא, טאַקע געוואָלט, אַז די כהנים זאָלן אַרויסקומען פון שם בן נח. נאָר נאָכדעם וואָס ער האָט פריער געבענטשט אברם'ן און דערנאָך דעם אַלמעכטיקן, האָט ער אָוועקגענומען די כהונה פון שם'ן און זי איבערגעגעבן אברם'ן. און כאָטש אברם האָט דאָך אָפּגעשטאַמט פון די קינדער פון שם, האָט ער פונדעסטוועגן זוכה געווען צו דער כהונה ניט אין שם'ס זכות, נאָר אין זיין אייגענעם זכות.

אברהם און ברע, קעניג פון סדום

און ברע דער מלך פון סדום, וועלכער איז ניצול געווארן פון די ליימיקע גריבער, איז ארויסגעגאנגען אנטקעגן אברם'ן צו דעם טאל שוה, און ער האט צו אים געזאגט:

„זעסטו, פונקט ווי דו ביזט אריין אין דעם קאלך אויוון, און דו ביזט ניצול געווארן, אזוי אויך בין איך אריין אין ליים אריין און בין ניצול געווארן.

און דער מלך פון סדום האט זיך געווענדעט צו אברם'ן און צו אים געזאגט:

„גיב מיר צוריק די מענטשן וועלכע דו האסט געראטעוועט פון דער שווערד פון די מלכים. און מיין האב און גוטס מעגסטו דיר נעמען. ווארום ווען זיי זאלן געווען מיך הרג'נען, וואלטן זיי דאך געוועזן אוועקגענומען אי מיין לעבן אי מיין פארמעגן".

אבער אברם האט געענטפערט דעם מלך פון סדום:

„שוטה וואס דו ביזט! איך דארף דען זילבער און גאלד! צי פעלט מיר דען בריליאנטן און אלע אנדערע טייערע זאכן. מיר פעלט עס ניט. איך האב פון דעם גאנצן האב און גוטס קיין הנאה געהאט. איך האב אויפגעהויבן מיין האנט און געגעבן א שבועה צו דעם אויבערשטן וועלכער האט באשאפן די וועלט צוליב די צדיקים, אז איך וועל ניט נעמען פאר זיך אפילו א פאדעם אדער א שוך-בענדל. טאמער האסטו בדעה מיר צו געבן עפעס דערפאר פון דיינע באהאלטענע אוצרות, זאלסטו וויסן זיין, אז איך וועל עס ניט נעמען. איך וויל ניט, אז דו זאלסט זיך שפעטער בארימען און זאגן 'איך האב רייך געמאכט אברם'ן פון מיין האב און גוטס'. און צו וואס טאקע דארף איך האבן דיינע זאכן! דער הייליקער, ברוך הוא, האט דאך מיר צוגעזאגט אז ער וועט מיך רייך מאכן. וועל איך דען נעמען פון דיינעם, כדי דו זאלסט קענען זאגן אז דו האסט מיך רייך געמאכט! ניין! ווארום דער אלמעכטיקער אין וועמען איך האב בטחון, האט צו מיר גערעדט אזוי צו זאגן: 'עס וועט דיר גארניט פעלן, ווארום איך וועל דיך בענטשן אין אלץ וואס דו וועסט טאן'. איך דארף ניט דיינס. דו קריגסט אלץ צוריק, א חוץ דאס וואס די וועלכע זיינען מיטגעגאנגען מיט מיר אין מלחמה אריין, וועלן נעמען פון דעם רויב פאר זיך".

אין יענער שעה האט אברם געהייליקט דעם אויבערשטנס נאמען, און ער האט אומגעקערט דעם גאנצן רויב וואס ער האט פארנומען פון סדום און עמורה.

נאָכדעם ווי אברם האָט אומגעקערט דעם גאַנצן רויב, האָט דער הייליקער, ברוך הוא, צו אים געזאָגט:

„דו האָסט געזאָגט אַז דו וועסט ניט נעמען אַפילו אַ פאָדעם, איז דערפאַר וועל איך רייניקן דיינע קינדער מיט דעם מזבח וואָס וועט זיין אַרומגערינגלט מיט אַ רויטן פאָדעם. און נאָכמער, דערפאַר וואָס דו האָסט געזאָגט אַז דו וועסט ניט נעמען אַפילו אַ פאָדעם, וועל איך געבן דיינע קינדער די מצוה פון ציצית און די מצוה פון דעם פאָדעם פון תכלת. דערפאַר וואָס דו האָסט געזאָגט אַז דו וועסט ניט נעמען אַפילו אַ שוך-בענדל, וועל איך געבן דיינע קינדער די מצוה פון יבום און חליצה. דערפאַר וואָס דו האָסט דערמאָנט דאָס וואָרט „נעל" — שוך, וועל איך געבן דיינע קינדער די מצוה פון עסן דעם קרבן פסח, וועלכן מען דאַרף עסן בעת די שיך זיינען אויף די פיס (נעליכם ברגליכם, שמות יב, יא). דערפאַר וואָס דו האָסט געזאָגט אַז דו וועסט ניט נעמען אַפילו אַ פאָדעם, וועל איך אָט מיט דעם זעלביקן לשון לויבן דיינע קינדער (נעמלעך, „כחוט השני שפתותיך", דיינע לעפצן זיינען ווי אַ רויטער פאָדעם, שיר השירים ד, ג). דערפאַר וואָס דו האָסט געזאָגט אַז דו וועסט ניט נעמען אַפילו אַ שוך-בענדל, וועל איך מיט אָט דעם זעלביקן לשון לויבן דיינע קינדער, נעמלעך, „מה יפו פעמיך בנעלים", ווי שיין זיינען דיינע טריט אין די שיך (שיר השירים ז, ב). דו האָסט ניט געוואָלט נעמען שכר פון אַ בשר ודם, און האָסט עס געהאַלטן פאַר אומווירדיק. דערפאַר וועט דיין שכר זיין זעהר פיל פון איצט אָן און ווייטער. זע, וואָס פאַר אַ שכר עס איז אָנגעגרייט פאַר דיינעטוועגן פון מיר!"

נאָכדעם האָט לוט זיך אומגעקערט אויף זיין אָרט קיין סדום, און אברם מיט זיינע מענטשן האָבן זיך אומגעקערט אויף זייערע ערטער קיין אלוני ממרא וואָס איז ביי חברון.

אברהם'ס מורא

און עס איז געווען נאָכדעם ווי אברם'ן איז געשען דער דאָזיקער נס וואָס ער האָט גע'הרג'ט די מלכים, פאַרניכטעט זייערע אַרמייען און מציל געווען זיין פּלימעניק לוט, האָט ער אָנגעהויבן מהרהר זיין, נאָך טראַכטן, ביי זיך אין האַרצן און געזאָגט צום הייליקן, ברוך הוא:

„האַר פון די וועלטן! דו האָסט געשלאָסן אַ בונד מיט נח'ן אַז דו וועסט ניט פאַרלענדן זיינע קינדער. און איצט, אַז איך

בין געקומען און האָב געטאָן מצוות און מעשים טובים, ביזטו געגאַנגען און האָסט אָפּגערוקט זיין בונד צוליב דעם בונד וואָס דו האָסט געמאַכט מיט מיר. קען דאָך אויך טרעפן, אַז עס וועט אויפשטיין אַן אַנדערער וועלכער וועט טאָן מער מצוות און מער מעשים טובים פון מיר, וועסטו אָפּרוקן דעם בונד וואָס דו האָסט געשלאָסן מיט מיר צוליב דעם בונד וואָס דו וועסט שליסן מיט יענעם!"

האָט דער הייליקער, ברוך הוא, אים געענטפערט:

„פון נח'ן האָב איך אויפגעשטעלט קיין באַשיצער פון צדיקים, אָבער פון דיר וועל איך יאָ אויפשטעלן באַשיצערס פון צדיקים. נאָכמער, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען דיינע קינדער וועלן זינדיקן. זיי וועלן טאָן עבירות און שלעכטע מעשים. איז ווי נאָר איך וועל געפינען צווישן זיי איין צדיק, וועל איך אים איבערוועגן איבער זיי. וואָרום ער וועט קענען זאָגן צו דעם מדת הדין: 'גענוג, איך נעם עס אויף מיר, און איך בין מכפר אויף זיי'".

אָבער אברם האָט זיך נאָך אַלץ געוואונדערט און געטראַכט:

„אפשר איז חס ושלום מיין שכר געמינערט געוואָרן פון מיר דורך דעם וואָס איך האָב דאָך די גאַנצע צייט דער־נענטערט מענטשן צום הייליקן, און איך האָב זיך מיט זיי באַהעפט, כדי איך זאָל זיי ברענגען נענטער צום אויבערשטן. און איצט זיינען גאָר מענטשן גע'הרג'ט געוואָרן דורך מיין האַנט".

האָט דער אויבערשטער זיך באַלד אָנגערופן צו אים און געזאָגט:

„האָב ניט מורא, אברם! איך בין דיין באַשיצער. דיין שכר איז זעהר גרויס. דו וועסט קריגן שכר פאַר זיי. וואָרום זיי זיינען דאָך אַלע געווען ניט גערעכטע".

און דערפאַר וואָס אברם האָט שטאַרק געציטערט און זיך געטראַכט: אפשר האָט צווישן די מענטשן וועלכע ער האָט גע'הרג'ט זיך געפונען אַ צדיק, אַ ירא שמים, האָט דער אויבערשטער צו אים געזאָגט:

„אַט די מענטשן וועלכע דו האָסט גע'הרג'ט זיינען געווען ווי דערנער. עס האָט זיך ניט געפונען צווישן זיי אפילו איינער צוליב וועמען דו זאָלסט האָבן באַגאַנגען אַ זינד. זיי האָבן אַלע באַדאַרפט אומקומען. דו דאַרפסט ניט מורא האָבן, אברם, איך וועל דיך באַשיצן פון דער שטראָף, אַז דו זאָלסט ניט באַשטראָפט ווערן פאַר די אַלע נפשות וועלכע דו האָסט גע'הרג'ט".

אָבער אברם האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט, וואָרום ער האָט זיך געטראַכט אפשר דורכדעם וואָס ער האָט אויסגע'הרג'ט די מענטשן, האָט ער מבטל געמאַכט די מצוות וועלכע דער

אַלמעכטיקער האָט געבאָטן די בני נח. האָט דער אויבערשטער צו אים געזאָגט:

„האָב קיין מורא, אברם, אדרבה איך דאַרף דיר געבן גאָר אַ גרויסן שכר דערפאַר וואָס דו האָסט אויסגעריסן די דערנער. דיר קומט אַ גאָר גרויסער שכר דערפאַר וואָס דו האָסט אויסגערייניקט די וועלט פון זיי".

אָבער אברם האָט גאָר מורא געהאַט פאַר אַן אַנדער זאַך. ער האָט ביי זיך אַזוי געטראַכט: איך בין אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין קאַלך־אויוון אַריין, און איך בין ניצול געוואָרן. עס איז געקומען דער הונגער, און איך בין ניצול געוואָרן. איך האָב געפירט מלחמה מיט די מלכים, און איך בין ניצול געוואָרן. קען דאָך זיין, אַז דאָס איז שוין דער שכר וואָס איך האָב געקראָגן נאָך אויף דער וועלט, און אויף יענער וועלט האָב איך שוין גאָרניט!

האָט דער אַלקעגנוואַרטיקער צו אים געזאָגט:

„זאָרג זיך ניט, אברם, דיין שכר איז זעהר פיל. דאָס אַלץ וואָס איך האָב מיט דיר געטאָן אויף דער וועלט, האָב איך גלאַט אַזוי דיר געטאָן. אָבער דיין אמת'ער שכר איז ערשט אָנגעגרייט פאַר דיינעטוועגן אויף יענער וועלט.

אָבער אברם האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט. ער האָט זיך געטראַכט: ווער ווייסט, אפשר וועלן די קינדער פון די מלכים וועלכע ער האָט גע'הרג'ט, צוזאַמען נעמען מענטשן, און זיי וועלן קומען מיט אים מלחמה האַלטן.

האָט דער הייליקער, ברוך הוא, צו אים געזאָגט:

„האָב קיין מורא! איך וועל דיך באַשיצן. פונקט ווי דער שילד, וויפל שווערדן מען זאָל ניט שליידערן קעגן אים, קען ער אויסהאַלטן קעגן אַלע, אַזוי אויך ווען אפילו אַלע געצנדינער וועלן זיך פאַרזאַמלען מיט דיר מלחמה צו האַלטן, וועל איך מיט זיי פירן מלחמה. האָב קיין מורא, וואָרום מיין האַנט וועט דיך באַשיצן איבעראַל וואוהין דו וועסט גיין, פונקט ווי אַ שילד קעגן אומגליק. און זיי ווייסן, אַז אַלץ וואָס איך האָב דיר געטאָן אויף דער וועלט איז גלאַט אַזוי. דו ביזט זיך עוסק אין מיין תורה, איז ביי דיין לעבן, אַז איך וועל דיך באַשיצן. און ניט נאָר דיך וועל איך באַשיצן, נאָר אויך דיינע קינדער, אויב זיי וועלן עוסק זיין אין מיין תורה. אויב דיינע קינדער וועלן עוסק זיין אין מיין תורה ווי דו, וועל איך אויך פאַר זיי זיין אַ שילד, אַ באַשיצער".

דער אויבערשטער זאָגט צו אברהם'ן אַ זון

און יענע נאַכט אין וועלכער דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו אברהם'ן איז געווען די נאַכט פון פסח. און אַזוי גרויס איז געווען דער כוח פון אברהם'ן, אַז דער אויבערשטער האָט גערעדט מיט אים אי „בדבור", מיט וואָרט, און אי „בחזון", מיט זעאונג, וועלכע זיינען די וויכטיקסטע פון אַלע צען טערמינען מיט וועלכע נבואה ווערט אָנגערופן. און אברהם איז געווען דער ערשטער מיט וועמען דער אַלמעכטיקער האָט גערעדט אי בדיבור און אי בחזון.

און אברהם האָט געוויינט און געבעטן פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט, און ער האָט געזאָגט:

„געוואוג ברכות האָסטו מיר געגעבן, און נאָך געוואוג ברכות זיינען ביי דיר פאַראַן מיר נאָך צו געבן. אָבער וואָס קומט מיר אַרויס פון אַט די אַלע ברכות, אַז איך דריי זיך אַרום אויף דער וועלט אָהן קינדער. ווען איך זאָל האָבן אַ זון, וואָלט דאָך מיין זון זיי איבערגענומען. אָבער איצט, אַז קינדער האָב איך ניט, קומט דאָך אויס, אַז אליעזר, דער אויפזעער פון מיין הויז, און וואָס דורך אים זיינען מיר געטאָן געוואָרן נסים אין דמשק, וועט מיך ירש'ענען, איז וואָס זשע קומט מיר אַרויס פון דעם אַלץ וואָס דו גיסט מיר?"

וואָרום אברהם האָט געזען אין די שטערן, אַז ניט ער און ניט שרי וועלן האָבן קינדער. אויך אַלע אַנדערע שטערנזעער האָבן אַזוי געזען. איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט שוין ניט האָבן קינדער.

האָט, אָבער, דער אַלמעכטיקער צו אים געזאָגט:

„ביזטו שוין טאַקע אַזוי זיכער, אַז עס וועט דיר ניט געבוירן ווערן אַ קינד?"

און אברהם האָט געענטפערט:

„האַר פון דער וועלט! איך זע אין מיין מזל, אַז מיר וועט קיין קינד געבוירן ווערן. אַט דער מזל שטופּט מיך און זאָגט מיר 'אברם, דיר וועט קיין קינד געבוירן ווערן'". און געווען איז אברהם אַזאַ גרויסער שטערנזעער, אַז אַלע מלכים פון מזרח און מערב פלעגן זיך ווענדן צו אים. „און טאָמער, ווידער", האָט אברהם גע'טענה'ט, „איז מיר יאָ באַשערט צו האָבן קינדער, אָבער זיי וועלן דיך דערצערענען, איז מיר ליבער אַז איך זאָל זיי אינגאַנצן ניט האָבן".

האָט דער הייליקער אים דערויף געענטפערט, און צו אים געזאָגט:

לאָז אָפּ דיין שטערנזועריי! אין מזל לישראל! שטערנ־זועריי איז ניט פאַר אידן! דו ביזט אַ נביא און קיין שטערנ־זעער! פון אָט דעם זעלבן מזל אין וועלכן דו זעסט אַז דו וועסט האָבן קיין קינד, פון אָט דעם זעלביקן מזל וועל איך דיר ווייזן, אַז דו וועסט יאָ האָבן אַ קינד! און ביי דיין לעבן אַז דו האָסט ריכטיק געזען. אברם וועט ניט האָבן אַ קינד, אָבער אברהם וועט יאָ האָבן אַ קינד! שרי וועט ניט האָבן אַ קינד, אָבער שרה וועט יאָ האָבן אַ קינד! איך וועל אייך געבן אַנדערע נעמען, וועט דאָס מזל זיך ענדערן. דיין מזל „צדק" געפינט זיך אין מערב זייט, דאָרט איז קיל, קען גאָרניט געבוירן ווערן. וועל איך דיין מזל איבערפירן, און עס איינאָרדענען אין מזרח זייט וואו עס איז וואַרעמער".

און דער אַלמעכטיקער האָט אים אַרויסגעפירט פון דעם חלל פון דער וועלט. ער האָט אים אַרויפגענומען אויבן איבער דעם הימל, איבער די שטערן, און ער האָט צו אים געזאָגט:

„אָט ביזטו דאָך העכער פון דעם מזל! ווער זשע איז גרעסער פון וועמען? ניט דו וועלכער ביזט העכער פון אים! דער וואָס געפינט זיך אונטער דעם מזל האָט מורא פאַר אים. אָבער דו ביזט דאָך העכער פון אים, איז הויב אויף דיין קאָפּ איבער אים! צעטרעט די דערנער אַזוי לאַנג ווי דו האָסט די שיך אויף די פיס! קענסטו איבערציילן אָט די אַלע מחנות אין הימל?!"

„איז דען פאַראַן אַ צאָל צו דיינע שיירות?" האָט אברם געענטפערט.

„אָט אַזוי", האָט דער הייליקער געענטפערט אברם'ן, „וועט אויך זיין מיט דיינע קינדער. זיי וועלן זיין אַזויפיל, אַז מען וועט זיי אַזש ניט קענען איבערציילן! דו האָסט מורא פאַר מזל? ביי דיין לעבן, אַז פונקט ווי עס איז אוממעגלעך איבערצוציילן די שטערן, אַזוי וועט אוממעגלעך זיין איבערצוציילן דיינע קינדער. פונקט ווי דו זעסט אָט די אַלע און קענסט זיי ניט איבערציילן, אַזוי וועט קיין שום מענטש קענען איבערציילן דיינע קינדער, אַזויפיל וועט זיין זייער צאָל. וואָרום איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן ביז איך וועל דיך פאַרמערן, דיך בענטשן און מאַכן דיינע קינדער אַזוי צאָלרייך ווי די שטערן אין הימל, וועלכע קענען ניט געמאָסטן ווערן און ניט געציילט ווערן. און דיינע קינדער וועל איך געבן אָט די אַלע לענדער וועלכע דו זעסט מיט דיינע אייגענע אויגן. איך וועל עס זיי אַוועקגעבן אויף אייביק. איך און דריי מלאכים אַנטפּלעקן זיך צו דיר און זאָגן דיר, אַז דער פאַרשאָלטענער לוט וועט ניט ירש'ענען אברם'ן! נאָר דער וועלכער וועט אַרויסקומען פון דיר, ער וועט דיך ירש'ענען! אָבער דו מוזט זיך שטאַרקן

און האבן קיין אנגסט. דו דארפסט גיין פאר מיר און זיין א גערעכטער. אבער אזוי ווי דו האסט מהרהר געווען נאך מיינע מעשים, דארפסטו ברענגען א קרבן עולה".

אט דארט האט דער הייליקער, ברוך הוא, אים אנגעזאגט די בשורה, אז קיין אנדערער ווי זיין בן יחיד וועט אים ירש'ענען. און די קינדער וועלכע וועלן ארויסקומען פון אים וועלן זיין געגליכן צו די שטערן. אזוי ווי די שטערן בליאסקען אין דעם גאנצן הימל, אזוי וועלן זיי בליאסקען לעתיד לבוא. פונקט ווי די שטערן זיינען שורות איבער שורות, אזוי אויך די אידן זיינען שורות איבער שורות. פונקט ווי די שטערן קען מען ניט דערפארשן און ניט איבערציילן, אזוי אויך וועט מען די אידן ניט קענען דערפארשן און ניט איבערציילן. פונקט ווי די שטערן הערשן פון איין עק וועלט ביז צום אנדערן עק וועלט, אזוי אויך וועט ישראל הערשן פון איין עק וועלט ביזן אנדערן עק וועלט. פונקט אזוי ווי איבער די שטערן קען קיין שום אומה פון דער וועלט הערשן, אזוי אויך וועט קיין שום אומה אין דער וועלט קענען פארלענדן די אידן. פונקט ווי די שטערן געפינען זיך אין דער הויך פון דער וועלט, אזוי אויך די אידן. ווען זיי זיינען עולה, שטייגן זיי הויך ווי ביז צום הימל. טאמער אבער נידערן זיי אראפ, חלילה, איז עס ביז צו דער ערד.

און ער האט אים אויך צוגעזאגט, אז אין יעדער דור וועלן זיך געפינען ניט ווייניקער פון דרייסיק צדיקים. ווייל ווען די וועלט זאל ניט פארמאגן דרייסיק צדיקים ווי אברהם, וואלט זי געהאט קיין קיום.

ווי נאר אברם האט דאס אלץ דערהערט, האט ער באלד אפגעלאזט דאס מזל. ער האט זיך שוין מער ניט פארנומען דערמיט, און ער האט געגלויבט אין דעם אויבערשטנס ווארט. נאכמער, ער האט אפילו ניט געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל אים געבן עפעס א צייכן אויף דעם וואס ער האט אים צוגעזאגט.

דאס איז דעם הייליקן שטארק געפעלן, און ער האט עס אים גערעכנט פאר א זכות און פאר א גערעכטיקייט, וואס ער האט אים ניט דערקוטשעט מיט ווערטער. און אזוי שטארק איז דער כוח פון גלויבן, אז אברם האט גע'ירש'ענט די וועלט און יענע וועלט אלס שכר נאר פאר זיין אמונה.

דער בונד צווישן די שטיקער (בין הבתרים)

און אברם האָט געבעטן צום אויבערשטן, און ער האָט געזאָגט צו אים:

„זיי מיר מודיע אין וואָס פאַר אַ זכות וועלן מיינע קינדער האָבן אַ קיום אויף דער וועלט?"

„אין דעם זכות פון קרבנות", האָט דער הייליקער, ברוך הוא, אים געענטפערט. „איך בין דאָך דער וועלכער האָט דיך אַרויסגענומען פון דעם קאַלך-אויוון אין כשדים, כדי איך זאָל דיר געבן דאָס דאָזיקע לאַנד".

האָט אברם געזאָגט: „מיין האַר", — און פון דעם טאָג אָן ווען דער אַלמעכטיקער האָט באַשאַפן די וועלט האָט אים קיינער גערופן „אָדון", האַר, ביז אברהם איז געקומען, און האָט אים גערופן האַר — „אָבער ווי אַזוי זאָל איך וויסן אַז איך וועל ירש'ענען? מיר, האַר פון דער וועלט, האָסטו דאָך געגעבן קיין קינדער, און צו גלייכער צייט זאָגסטו מיר: דיינע קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד".

איז דערפאַר האָט זיך עפּעס אברם'ן ניט געגלויבט, און ער האָט געוואָלט אַ צייכן וועגן ירש'ענען דאָס לאַנד.

דאָס האָט שוין דעם הייליקן, ברוך הוא, אַביסל פאַרדראָסן אויף אברם'ן, און ער האָט צו אים געזאָגט:

„אברם! די גאַנצע וועלט שטייט אויף מיין וואָרט, און דו גלויבסט ניט מיין וואָרט, נאָר דו זאָגסט, 'ווי אַזוי וויים איך, אַז איך וועל ירש'ענען!' ביי דיין לעבן, אַז צוויי מאָל וועסטו וויסן".

און עס איז נגזר געוואָרן, אַז זיינע קינדער זאָלן זיין משועבד אין פיר קעניגרייכן.

האָט אברם זיך אָנגערופן פאַר דעם הייליקן און צו אים געזאָגט: „האַר פון דער וועלט, אפשר וועלן חס ושלום די אידן זינדיקן פאַר דיר, און דו וועסט זיי טאָן ווי דו האָסט געטאָן דעם דור המבול, און דעם דור הפלגה?"

האָט ער אים געענטפערט: „ניין".

האָט אברם ווייטער געפרעגט: „אין וואָס פאַר אַ זכות? וואָס אַ שטייגער וואָלסטו מיר געהייסן זיי לערנען, אַז דאָס זאָל מכפּר זיין זייערע זינד?"

„די כפּרות וואָס איך גיב דיר", האָט דער הייליקער געענטפערט.

„יאָ", האָט אברם געענטפערט, „דאָס איז אַלץ גערעדט אין דער צייט ווען דאָס בית המקדש שטייט. אָבער אין דער צייט,

ווען עס איז ניטא א בית המקדש, וואס וועט פון זיי ווערן?"

דערויף האט דער אויבערשטער אים געענטפערט: „איך האב שוין מתקן געווען א סדר פאר קרבנות, און אזוי לאנג ווי זיי וועלן אים זאגן, וועט עס ביי מיר זיין פונקט אזוי גלייך ווי ווען זיי וואלטן פאר מיר מקריב געווען א קרבן, און איך וועל זיי מוחל זיין אלע זייערע זינד".

און ער האט צו אים געזאגט:

„נעם קרבנות און זיי מקריב פאר מיר". ער האט אים, נעמלעך, געוויזן דרייערליי סארטן אקסן, דרייערליי סארטן ציגן, און דרייערליי סארטן ווידערס, אויך א טויב, א יונגע טויב, און אלע אנדערע כפרות, אפילו דאס צענטל פון דער איפה. און ער האט אים געוויזן דאס בית המקדש, און דעם סדר פון די קרבנות. ער האט אים אויך געוויזן תחית המתים.

און בעת אברם האט געהערט פונעם אויבערשטן אז זיינע קינדער וועלן ליידן גלות, האט ער מהרהר געווען ביי זיך אין הארצן און זיך געטראכט: איז דען מעגלעך אז יעדע אומה זאל פארשקלאפן מיינע קינדער, און זי אליין זאל ארוים בשלום! אז זי גופא זאל ניט געפונען ווערן שולדיק!

אבער ווען דער הייליקער, געבענטשט זיין נאמען, האט געזען וואס עס קומט פאר ביי אברם'ן אין הארצן, וואס אברם איז מהרהר, האט ער צו אים געזאגט: „אויך דאס פאלק וואס וועט זיי פארשקלאפן וועל איך משפט'ן, און נאכדעם וועלן זיי ארויסגיין מיט א גרוים פארמעגן".

און אברם האט גענומען די אקסן, די ווידערס און די ציגן, ווארום די פעלקער פון דער וועלט זיינען געגליכן צו אקסן, ווידערס און ציגן, און ער האט זיי צעטיילט יעדן איינעם אויף צוויי חלקים. ער האט צעטיילט די בהמות, מרמז צו זיין, אנצודייטן, אז די אומות וועלן ביסלעכוויז פארלענדט ווערן, און ער האט אוועקגעלייגט איין חלק קעגן דעם אנדערן. דעם פויגל, אבער, האט ער ניט צעטיילט, אנצווווינקען אז די אידן, וועלכע זיינען געגליכן צו יונגע טייבעלעך, וועלן לעבן אייביק.

און ווען אט דער רויב פויגל האט אראפגענידערט, איז ער ניט צוגעגענטערט צו די חלקים. און אט דער רויב פויגל איז אן אומווירדיקער פויגל. און אט דער אומווירדיקער פויגל דאס זיינען די מלכים פון דער ערד. און אז זיי וועלן זיך האלטן אן עצה ווי צו טאן די אידן שלעכטס, וועט דער זכות פון דעם צדיק אברם זיי מבטל זיין.

אזוי איז אברם געשטאנען און האט געבעטן צום אויבערשטן,

אַז זיינע קינדער זאָלן ניט דאַרפן משועבד ווערן, קנעכטעווען, אין אַט די פיר מלוכות.

און בעת ער איז אַזוי געשטאַנען, האָט די זון אָנגעהויבן זיך זעצן. אַ נבואה־שלאָף איז אָנגעפאַלן אויף אים, און ער איז איינגעשלאָפן פון דעם כוח פון דער תפילה.

און צווישן די שטיקער (בין הבתרים) האָט דער אויבערשטער אים געוויזן די פיר קעניגרייכן, וועלכע ער וועט מאַכן הערשן, און זיי שפּעטער פאַרניכטן. און אברם האָט געזען די פיר קעניגרייכן וועלכע וועלן אויפשטיין און פאַרשקלאַפן זיינע קינדער. און די פיר קעניגרייכן זיינען בבל, מדי, יון און פרס וועלכע וועלן פאַלן, און קיינמאָל מער אויפשטיין. און פון דאָרט וועלן זיינע קינדער אַרויסגיין אַלס דאָס פאָלק ישראל.

אָבער דער הייליקער האָט געזאָגט צו אברם׳ן:

„זיי וויסן, אַז איך וועל דיינע קינדער צעזייען און צע־שפּרייטן. אָבער זיי אויך וויסן, אַז איך וועל זיי צוריק צוזאַמענעמען. וויים, אַז איך וועל זיי פאַר׳משכון׳ען. וויים אָבער אויך, אַז איך וועל זיי אויסלייזן. דו זאָלסט וויסן, אַז איך וועל זיי פאַרשקלאַפן. אָבער דו זאָלסט אויך וויסן, אַז איך וועל זיי אויסלייזן. וואָרום דיינע קינדער וועלן זיין פרעמדע אין אַ לאַנד וואָס געהערט ניט זיי. און פיר הונדערט יאָר וועט מען זיי פּייניקן. אָבער אויך די מצריים, וועלכע וועלן זיי פאַרשקלאַפן, וועל איך משפּט׳ן מיט צוויי הונדערט און פופציק מכות. און נאָכדעם וועלן זיי אַרויסגיין פריי מיט אַ סך פאַרמעגן. ווען זיי וועלן אַרויסגיין פון מצרים, וועל איך זיי אָנפילן מיט זילבער און גאָלד״.

— און דערפאַר, טאַקע, האָט שפּעטער דער אויבערשטער געזאָגט צו משה רבנו: איך וועל מאַכן, אַז די אידן זאָלן געפינען חן אין די אויגן פון די מצריים, אַזוי אַז ווען די אידן וועלן בעטן די מצריים זיי זאָלן זיי לייען פאַרשידענע זאַכן, זאָלן זיי זיי ניט אָפּזאָגן, כדי אברהם זאָל ניט האָבן אַ פּתחון פה צו זאָגן: דעם „ועבדום וענו אותם״, געמלעך דעם פאַרפּייניקן זיי, האָט ער מקיים געווען. אָבער דעם „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול״, נאָכדעם וועלן זיי אַרויסגיין מיט פיל רייכקייט, האָט ער ניט מקיים געווען. —

אָבער אברם האָט ניט געבעטן אויף זיי רחמים. אדרבה, ער האָט געזאָגט: „אויך איך וויל זיין פאַרשקלאַפט״. דער אויבערשטער האָט אים אָבער געענטפערט: „דו וועסט איינגעזאַמלט ווערן צו דיינע עלטערן אין שלום, און דאָס אַלץ וועסטו ניט זען״. ער האָט אים אויך אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זיין פאָטער תרח האָט אַ חלק אויף יענער וועלט. און תרח איז איינער פון די אַכט וועלכע האָבן אַ חלק אי אויף דער וועלט אי אויף יענער וועלט.

ער האט אים אויך אנגעזאגט די בשורה, אז ישמעאל וועט טאן תשובה נאך ביי זיין לעב-צייט. און אז זיין אייניקל עשו וועט ניט ווערן אן אויסוואורף אזוי לאנג ווי ער, אברם, וועט לעבן. אז נאכדעם ווי זיינע קינדער וועלן פארטריבן ווערן קיין מצרים און וועלן זיין דארט דריי דורות, וועט דער פערטער דור גיין ירש'ענען דאס לאנד כנען. ווארום די זינד פון דעם אמורי איז נאך ניט געוועזן פארפולט, אז ער זאל ארויסגעשיקט ווערן פון זיין לאנד ביז יענער צייט. און דער אויבערשטער באשטראפט דאך קיין מענטשן ביז זיין מעסטל איז פול.

און ווען די זון האט זיך שוין געהאט אינגאנצן געזעצט, און עס איז געווארן שטארק פינצטער, האט דער הייליקער, ברוך הוא, געוויזן אברם'ן פיר זאכן. ער האט אים געוויזן די תורה, קרבנות, דעם גיהנום און די קעניגרייכן. אויסער דעם האט ער אים געוויזן קריעת ים סוף.

און דער הייליקער האט געזאגט צו אברם'ן:

„אזוי לאנג ווי דיינע קינדער וועלן עוסק זיין אין צוויי, וועלן זיי ניצול ווערן פון צוויי. אזוי לאנג ווי זיי וועלן זיך אפגעבן מיט תורה און מיט קרבנות, וועלן זיי ניצול ווערן פון דעם גיהנום און פון דעם פארשקלאפט ווערן אין די פארשידענע קעניגרייכן. אזוי ווי אבער דאס בית המקדש וועט דאך חרוב ווערן, וועלן דאך די קרבנות בטל ווערן, איז וואס זשע ווילסטו? ווילסטו אז דיינע קינדער זאלן אראפנידערן אין גיהנום אריין, אדער ווילסטו אז זיי זאלן פארשקלאפט ווערן אין די קעניגרייכן?"

איז אברם געזעסן יענעם גאנצן טאג און האט זיך געשלאגן מיט דער דעה, און זיך געטראכט: „וואס זאל איך אויסקלייבן פאר מיינע קינדער? גיהנום אדער פארשקלאפונג? דאס איז שווער, און דאס איז שווער!"

און ער האט געהאט בדעה אויסצוקלייבן פאר זיינע קינדער גיהנום. ווארום ער אליין איז שוין געוועזן מיד פון גלות, האט ער זיך געטראכט: אויב איך בין שוין מיד פון גלות, מכל שכן אלע אידן צוזאמען וועלן דאך אוודאי און אוודאי ווערן מיד דערפון.

דא אבער האט אים דער הייליקער אנגעוואונקען ער זאל אויסקלייבן גלות. ווארום גלות איז נאר א צייטווייליקער ענין, בעת גיהנום איז אויף דור דורות. און דער אויבערשטער האט צו אים געזאגט:

„אברם! ווי לאנג וועסטו נאך אזוי זיצן און טראכטן? באשלים!"

און גלייכצייטיק האט דער הייליקער אים אנגעוואונקען

ער זאָל אויסקלייבן פאַרשקלאַפונג. האָט ער געפאָלגט און דאָס אויסגעקליבן. ער האָט געזאָגט: „עס איז גלייכער אַז מיינע קינדער זאָלן פאַרשקלאַפט ווערן ביי די קעניגרייכן, אַבי איינער פון זיי זאָל ניט אַריין אין גיהנום אַריין. און דער הייליקער האָט מיט אים מסכים געווען.

אין יענעם טאָג האָט דער אויבערשטער געשלאָסן אַ בונד מיט אברם׳ן — און פון די צען דורות וועלכע זיינען געווען פון נח׳ן ביז אברם׳ן, האָט דער אויבערשטער מיט קיינעם געשלאָסן אַ בונד אויסער מיט אברם׳ן — אַז ער גיט זיינע קינדער דאָס לאַנד און אַלע מזרח פעלקער. און כאָטש ער האָט אים אַנטפּלעקט די וועלט און יענע וועלט, האָט ער אים אָבער ניט דערציילט, אַז ער וועט געבן זיינע קינדער מן. וואָרום צדיקים זאָגן ווייניק און טוען פיל.

שרה גיט אברהם׳ן איר דינסט הגר

און שרי, אברם׳ס ווייב, איז נאָך אַלץ געווען אַן עקרה אין יענע טעג, און האָט געבוירן אברם׳ן קיין זון און קיין טאָכטער.

איז ווען זי האָט געזען אַז זי האָט קיין קינדער, האָט זי ביי זיך געטראַכט: איך ווייס די סיבה פון מיין ניט האָבן קינדער. עס איז ניט ווי מען דענקט אַז איך דאַרף אַ קמיע, אַז איך דאַרף רפואות, ניין! דאָס האָט דער אויבערשטער מיך אויפגעהאַלטן פון צו האָבן קינדער.

און זי איז געגאַנגען און האָט גענומען איר דינסט הגר, וועלכע פרעה האָט איר געגעבן אַ מתנה, און זי האָט זי געגעבן איר מאַן אברם׳ן פאַר אַ ווייב. וואָרום הגר האָט זיך אָפּגעלערנט אַלע וועגן פון שרי׳ן. זי האָט ניט פאַרפעלט איינס פון די אַלע גוטע וועגן וועלכע שרי האָט זי געלערנט.

און שרי האָט געזאָגט צו אברם׳ן:

„אָט נאַ דיר מיין דינסט הגר, לעב מיט איר, זאָל זי געבוירן אַ קינד, וועל אויך איך געבויט ווערן דורך איר".

זי האָט ניט מקנא געווען איר דינסט, זי האָט זיך בלויז מכוון געווען פאַרן הימלס וועגן.

און דער הייליקער האָט מצער געווען אברם׳ן און שרי׳ן, און ער האָט זיי ניט געגעבן קינדער נאָר צוליב הגר׳ן וועלכע איז געווען אַ צדקת, כדי זי זאָל האָבן אַ זון פון אברם׳ן.

האָט אברם זיך צוגעהערט צו שרי׳ס רוח הקודש, און ער

האָט גוט געטאָן. ווארום אַמאָל מאַכט זיך אַז אַ מאַן פאָלגט אַ ווייב און ווערט אָן. און אַמאָל מאַכט זיך אַז אַ מאַן פאָלגט אַ ווייב און ער פאַרדינט.

און שרי האָט גענומען צורייַדן הגר'ן, און זי האָט צו איר געזאָגט:

„וואויל צו דיר וואָס דו באַהעפסט זיך צו דעם דאָזיקן הייליקן גוף".

און שרי האָט געגעבן הגר'ן צו אברם'ען, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין געוואוינט אין דעם לאַנד כנען צען יאָר, פאַר אַ ווייב און ניט פאַר אַ קעבסווייב. און אברם האָט געלעבט מיט הגר'ן, און זי איז געוואָרן טראָגעדיק פון אים פון זייער ערשטן צוזאַמענקונפט.

ווען הגר האָט דערזען אַז זי שוואַנגערט, האָט זי זיך זעהר געפרייט, און איר בעל הבית'טע איז געוואָרן גרינגשעציק אין אירע אויגן. ווארום די גאַנצע נייַנציק יאָר, אין וועלכע שרי האָט געהאַט קיין קינדער, פלעגט זי זיצן אין איר צימער אַזוי ווי אַ כלה, און אַלע אָנגעזעענע פרויען פלעגן קומען זי באַזוכן און פרעגן וואָס זי מאַכט. פלעגט שרי זיי ענטפערן: „גייט בעסער פרעגן וואָס די פאַרלאָזענע (הגר) מאַכט".

דערפאַר פלעגט הגר זאָגן: „מיין בעל הבית'טע שרי איז אינווייניק ניט ווי אויסווייניק. זי מאַכט זיך פאַר אַ צדקת, אָבער זי איז עס ניט. ווארום ווען זי וואָלט געווען אַ צדקת, זעט וויפל יאָר זי האָט ניט געקענט שוואַנגער ווערן, און איך בין באַלד מעוברת געוואָרן. איז עס דאָך ניט אַנדערש ווי איך בין אָנגענומענער פאַרן אויבערשטן פון מיין בעל הבית'טע שרי".

אָבער שרי האָט זיך געטראַכט: מיט אָט דער דאָזיקער וועל איך פאַרפירן אַ משא ומתן! איך וועל זיך בעסער אַדורכשמועסן מיט איר בעל הבית. און זעענדיק אַז הגר איז טראָגעדיק געוואָרן פון אברם'ען, האָט שרי מקנא געווען איר דינסט, און ביי זיך אין הארצן האָט זי געטראַכט, עס איז ניט אַנדערש נאָר אַז הגר איז ערלעכער פון איר.

און שרי האָט געזאָגט צו אברם'ען: „ווען דו האָסט געבעטן צום הייליקן און צו אים געזאָגט 'וואָס קומט מיר ארויס אַז דו גיסט מיר דאָס אַלץ, אַז איך גיי דאָך אַרום אָהן קינדער', האָסטו דאָך געבעטן נאָר פאַר דיר אַליין. דו האָסט געווען באַדאַרפט בעטן פאַר אונז ביידן, וואָלט אויך איך געווען געהאָלפן געוואָרן. ווען דו וואָלסט געווען זאָגן 'און מיר זיינען קינדערלאָז', איז פונקט ווי ער האָט געגעבן דיר אַ קינד, אַזוי וואָלט ער געווען געגעבן אויך מיר אַ קינד. אָבער אַז דו האָסט געזאָגט 'איך בין קינדערלאָז',

האָט ער דיר געגעבן און מיר ניט. און אַ חוץ דעם, דו הערסט ווי זי איז מיך מבזה, און דו שווייגסט! זאָל דער אַלמעכטיקער משפּט'ן צווישן מיך און דיך!"

און דערפאַר וואָס שרי האָט געזאָגט „דער אַלמעכטיקער זאָל משפּט'ן צווישן מיך און דיך", איז איר געמינערט געוואָרן אַכט און דרייסיק יאָר פון איר לעבן. וואָרום זי האָט באַדאַרפט דער־גרייכן אברם'ס יאָרן, נעמלעך, הונדערט און פינף און זיבעציק יאָר.

שרי האָט שטאַרק געפּייניקט הגר'ן. זי האָט מער זי ניט געלאָזט וואוינען מיט אברם'ן. זי האָט זי געצוואונגען צו אַרבעטן שווער. זי האָט זי געשלאָגן מיט די שיך אין פּנים. ווען שרי איז געגאַנגען זיך באָדן, האָט הגר געמוזט נאָכטראָגן איר אַן עמער און אַנדערע באָד־כלים.

און שרי האָט געגעבן הגר'ן אַ גוט אויג, און זי האָט מפּיל געווען. האָט אברם געזאָגט צו שרי'ן: „דיין דינסט איז אין דיינע הענט, טו מיט איר ווי דו ווילסט".

אָבער ער האָט איר אויך געזאָגט: „מען טאָר זי ניט מאַכן אַרבעטן. נאָכדעם ווי מען האָט זי געמאַכט פאַר אַ האַרין, קען מען זי ניט מאַכן פאַר אַ דינסט. הויב זי ניט אויף און וואַרף זי ניט אַראָפּ". שרי האָט זי ווייטער געפּייניקט. האָט הגר זיך אויפגעהויבן און איז אַנטלאָפן אין דער מדבר.

הגר און דער מלאך

און הגר האָט דאָרט באַגעגנט אַ מלאך ביי דעם קוואַל וואַסער וואָס איז אויף דעם וועג קיין חלוצא. אָבער זי האָט זיך פאַר אים ניט דערשראָקן. וואָרום אברם'ס כוח איז געווען אַזוי גרויס, אַז מלאכים פלעגן זיין אָפטע געסט ביי אים אין הויז. איז אַלע די וועלכע האָבן זיך געפונען ביי אים אין הויז זיינען געווען מיט זיי געוואוינט. האָט זי ניט מורא געהאַט פאַר אַ מלאך.

האָט דער מלאך צו איר געזאָגט:

„הגר, שרי'ס דינסט, פון וואַנען קומסטו, און וואוהין גייסטו?" כאָטש ער האָט גוט געוואוסט פון וואַנען זי קומט, נאָר ער האָט עס אַזוי אָנגעהויבן אַלס אויסרייד אַריינצוגיין מיט איר אין אַ שמועס.

„איך אַנטלויף פון מיין האַרענטע שרי", האָט הגר אים געענטפערט.

דערויף האָט דער געטלעכער מלאך צו איר געזאָגט:

„קער זיך אום צוריק צו דיין האַרענטע, און לאָז זיך אונטער־

דריקן אונטער אירע הענט. און נאכדעם ווי דו וועסט זיך צוריק־קערן, וועסטו שוואנגער ווערן, און דו וועסט געבוירן א זון, און דו זאלסט אים רופן ישמעאל. ער וועט זיך דערציען אין דער מדבר. ער וועט ליב האבן די ווילדע חיות. ער וועט עסן נבלות, בארשבעווען מענטשן. ער וועט זיין ווי א ווילד אייזל. אלע וועלן אים פיינט האבן און זיך מיט אים קריגן. און זיינע קינדער וועלן זיין צאלרייך".

און ישמעאל איז געווען איינער פון די זעקס וועלכע מען האט געגעבן א נאמען נאך איידער זיי זיינען געבוירן געווארן. די אנדערע פינף זיינען יצחק אבינו, משה רבנו, שלמה המלך, ישעיהו הנביא און דער נאמען פון משיח'ן.

האט הגר אויסגערופן און געזאגט פארן אויבערשטן:

„אה, דו לעבסט דאך אייביק. דו זעסט, אבער דיך זען קען מען ניט. דו ביזט דאך דער וועלכער זעט די דערנידעריקונג פון די פארלאזענע. איז מיר דען איינגעפאלן אז אויך דא אין די מדבריות וועל איך זען דעם אויבערשטנס שלוחים, נאכדעם ווי איך פלעג זיי זען אין אברם'ס הויז! ווארום דארט בין איך דאך געוואוינט געווען צו זען מלאכים! און ניט גענוג וואס איך פלעג זען מלאכים ווען מיין הארין איז געווען מיט מיר, נאר אפילו מיין הארין וועלכע איז געווען מיט מיר פלעגט זיי ניט זען. און ניט נאר האב איך געזען מלאכים ווען מיין הארענטע איז געווען מיט מיר, נאר אפילו אליין פלעג איך זיי זען. און ניט נאר האב איך גערעדט מיט מלאכים, נאר אויך מיט דעם מלכות!". און הגר האט זיך אומגעקערט צוריק צו איר הארענטע.

נאכדעם ווי עס איז אוועק א שטיקל צייט, האט הגר געבוירן אברם'ן א זון. ווארום הגר איז געווען א געטרייע. אברם'ן האט זי געבוירן א זון, אבער קיין אנדער מאן. און אברם האט א נאמען געגעבן דעם זון וועלכן הגר האט אים געבוירן, ישמעאל. כאטש אברם האט ניט געהערט ווי דער מלאך האט איר געהייסן אים א נאמען געבן ישמעאל, האט אבער אויף אים גערוט דער רוח הקודש, און ער האט אים גערופן ישמעאל, ווייל דער אויבערשטער וועט הערן (ישמע א־ל) דאס זיפצן פון דעם פאלק, ווען ישמעאל'ס קינדער וועלן זיי אנטאן צרות. און אברם איז אלט געווען זעקס און אכציק יאר ווען ישמעאל איז געבוירן געווארן, פערצן יאר איידער זיין זון יצחק האט דערזען די ליכטיקע שיין.

אברהם און מצות מילה

אָון דער הייליקער, ברוך הוא, האָט געזען ווי אברהם פירט זיך אויף מיט יושר און ערלעכקייט, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַט דער דאָזיקער איז ווערט אַז די מצוה פון מילה זאָל געגעבן ווערן דורך אים. וואָרום דער אַלזעענדיקער האָט דאָך געזען אַז אברם גייט אין זיינע וועגן.

איז ווען אברם איז אַלט געוואָרן נייען און נייענציק יאָר, האָט דער אויבערשטער זיך צו אים אַנטפּלעקט און געזאָגט:

„איך בין דאָס דער יעניקער וועלכער האָט געזאָגט צו מיין וועלט, צו די הימלען און צו דער ערד „גענוג!" ווען איך וואָלט ניט געווען געזאָגט צו זיי „גענוג", וואָלטן זיי נאָך איצט זיך געהאַלטן אין איין ציען זיך. איך בין דאָס דער וואָס די וועלט און אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין איר זיינען ניט ווערט מיין געטלעכקייט! איך בין דאָס דער וועלכער האָב גענוג (ש־די) אין מיין געטלעכקייט פאַר יעדער באַשעפעניש! זינט איך האָב באַשאַפן די וועלט, האָב איך געוואַרט צוואַנציק דורות אויף דיר, ביז דו וועסט קומען און אָננעמען די מצוה פון מל זיין. און איצט אויב דו ווילסט ניט אָננעמען די מצוה, איז גענוג פאַר דער וועלט וואָס זי איז געשטאַנען ביז איצט, און איך קער זי צוריק אום צו לערקייט, און איך דאַרף מער קיין וועלט. טאָמער, אָבער, ווילסטו יאָ מקבל זיין די מצוה, איז גוט".

„איך ווייס דאָך, פאַר מיר איז אַנטפּלעקט אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן. האָסט אַראָפּגענידערט אין קאַלך אויוון, דו ביזט געפּרואווט געוואָרן מיט פילע נסיונות, האָסט געפירט מלחמה מיט די מלכים, און פון איצט אָן און ווייטער וועסטו מודיע זיין דער וועלט מיין שטאַרקייט. אַלץ וואָס דיר פעלט איז אַנצונעמען די דאָזיקע מצוה. וואָרום אַ חוץ די ערלה איז אין דיר פאַראַן קיין שום פּסולת. איז נעם זשע דאָס אַוועק, וועט אין דיר זיין קיין שום מום. און דו וועסט גיין פאַר מיר, און איך וועל דיר זיין אַ האַר און אַ פּטרון. איך וועל שליסן צווישן מיך און דיך אַ בונד פון ליבשאַפט, און אַ בונד אַז דורך דער דאָזיקער מצוה זאָלסטו ירש'ענען דאָס לאַנד. איך וועל אויפשטעלן פון דיר זיבעציק נפשות, און פון זיי וועל איך אויפשטעלן זיבעציק זקנים. איך וועל פון דיר אויפשטעלן משה'ן וועלכער וועט לערנען תורה אויף זיבעציק שפּראַכן. און וואָס נאָך? זאָל איך דיר געבן זילבער, גאָלד, קנעכט, דינסטן, בהמות! דאָס האָב איך דאָך דיר שוין

געגעבן! עס איז גענוג פאר דיר דו זאלסט זיין ווי איך! עס איז גענוג פאר א קנעכט צו זיין ווי זיין האר!"

בעת אברם האט דערהערט ווי דער אויבערשטער זאגט אים „גיי פאר מיר", האט אים אנגעכאפט א ציטערניש. ווארום ער האט זיך געטראכט, אפשר איז אין אים פאראן עפעס אומ־ווירדיקס. אבער ווען ער האט דערהערט ווי ער זאגט אים „און איך וועל שליסן א בונד צווישן מיך און דיך", האט ער זיך בארואיקט.

און גאנצע נייען הונדערט און אכציק דורות האט דער הייליקער געהאלטן באהאלטן אט די מצוה פאר אברם'ן. ווארום קיינעם, א חוץ אברם'ן, האט ער מגלה געווען דעם דאזיקן סוד.

ווארום ווען דער אלמעכטיקער האט באשאפן די וועלט, האט ער גוזר געווען, אז זי זאל עקזיסטירן טויזנט דורות אהן דער דאזיקער מצוה. און די וועלט איז געווען פינצטער דורך געצנדינעריי. ערשט אברם האט אין איר אריינגעפירט ליכטיקייט.

די נעמען אברם און שרי ווערן געביטן

אבער אברם האט זיך שטארק געוואונדערט. ער האט זיך געטראכט, אדרבה ביז איצט בין איך דאך געווען גאנץ, און אז איך נעם אן די דאזיקע מצוה, וועט דאך פון מיר עפעס פעלן.

האט אים דער אויבערשטער געענטפערט:

„איידער דו נעמסט אן די מצוה איז דיין נאמען אברם. און די צאל פון די אותיות אברם באטרעפט צוויי הונדערט און דריי און פערציק. נאכדעם אבער ווי דו וועסט אננעמען די מצוה, וועט דיין נאמען זיין אברהם, ווארום איך וועל צוגעבן אן אות צו דיין נאמען. וועט די צאל פון די אותיות פון דיין נאמען באטרעפן צוויי הונדערט אכט און פערציק, פונקט ווי די צאל פון דיינע אברים".

האט אברם געפרעגט:

„יא, אבער ביז איצט פלעגן מענטשן קומען צו מיר און זיך באהעפטן צו מיר. מיינסטו אז אויך נאכדעם ווי איך וועל אננעמען די מצוה, וועלן זיי קומען צו מיר?"

און דער הייליקער, ברוך הוא, האט אים געענטפערט:

„אברם! גענוג פאר דיר וואס איך בין דיין האר! גענוג פאר דיר וואס איך בין דיין פטרון. און ניט נאר פאר דיר אליין, נאר גענוג פאר מיין וועלט וואס איך בין איר האר, גענוג פאר מיין וועלט וואס איך בין איר פטרון!"

איז אברם געפאלן אויף זיין פנים אויס מורא פאר דער

שכינה. וואָרום אַזוי לאַנג ווי ער האָט נאָך ניט געהאַט דורכגעפירט די מצוה, איז שטענדיק ווען די שכינה פלעגט מיט אים ריידן, פלעגט ער פאַלן.

און דער אויבערשטער האָט צו אים געזאָגט:

„איך שליס מיט דיר אַ בונד, מיט דיר אָבער מיט קיין אַנדערן. און דו וועסט זיין דער פאָטער פון פילע פעלקער. פון איצט אָן וועסטו ניט מער הייסן אברם, נאָר דיין נאָמען וועט זיין **אברהם**. וואָרום איך מאַך דיך פאַר אַ פאָטער (**אב**) פון פילע (**המון**) פעלקער. ביז איצט ביזטו געווען דער פאָטער בלויז פון **ארם**, אָבער פון איצט אָן און ווייטער, וועסטו זיין דער פאָטער פון אַלע פעלקער. און איך וועל דיך פרוכטבאַרן. ישראל, אדום און די מלכים וועלכע וועלן געוועלטיקן איבער די פעלקער, וועלן אָפּשטאַמען פון דיר. און איך וועל באַשטעטיקן מיין בונד צווישן מיך און דיך און צווישן דיינע קינדער נאָך דיר, פאַר אַן אייביקן בונד, אַז איך זאָל זיין אַ האַר דיר און דיינע קינדער נאָך דיר. אויב דיינע קינדער וועלן מקבל זיין מיין הערשאַפט, וועל איך זיי זיין אַ האַר און אַ פּטרון. אויב אָבער זיי וועלן ניט אָננעמען, וועל איך זיי זיין קיין האַר און קיין פּטרון. אויב דיינע קינדער וועלן אַריינגיין אין ארץ ישראל, וועלן זיי נעמען אויף זיך מיין אַלמעכטיקייט. טאָמער ניט, וועלן זיי מיין אַלמעכטיקייט אויף זיך ניט נעמען. אויב דיינע קינדער וועלן מקיים זיין די מצוה פון מל זיין, וועלן זיי אַריינגיין אין לאַנד אַריין, אויב ניט וועלן זיי ניט אַריינגיין. אויב דיינע קינדער וועלן נעמען אויף זיך דעם שבת, וועלן זיי אַריינגיין אין לאַנד אַריין, אויב ניט וועלן זיי אין לאַנד ניט אַריינגיין. און איך וועל געבן דיר, און דיינע קינדער נאָך דיר, דאָס לאַנד וואו דו וואוינסט, דאָס גאַנצע לאַנד כנען אויף אייביק. אָבער בלויז מיט דעם באַדינג, אַז דו דאַרפסט אָפּהיטן מיין בונד. און דאָרט וועל איך אויך זיין אַ האַר. דער, אָבער, וועלכער וואוינט אין חוץ לארץ, איז גלייך ווי ער האָט קיין אַלמעכטיקן. און יעדער אינגל פון אַכט טעג מוז גע׳מל׳ט ווערן”.

און דער וועלכער איז עובר אויף דעם בונד פון אברהם אבינו, האָט קיין חלק אויף יענער וועלט.

און דער אויבערשטער האָט ווייטער געזאָגט צו אברהם׳ן:

„דיין ווייב שרי וועט שוין ניט מער הייסן שרי. פון איצט אָן און ווייטער וועט זי הייסן **שרה**. ביז איצט איז זי געווען אַ האַרין צו איר פאָלק אַליין (שרי — מיין האַרין), אָבער פון איצט אָן און ווייטער וועט זי זיין אַ האַרין (שרה) צו אַלע באַשעפענישן”.

האָט אָבער אָט די דאָזיקע „יוד” וואָס דער אויבערשטער האָט

אוועקגענומען פון שרי, ארומגעשוועבט און איז ארומגעפלויגן פאר דעם טראָן פון דעם הייליקן און געזאָגט פאר אים:

„האר פון די וועלטן! דערפאר וואָס איך בין דאָס קלענסטע אות פון אַלע אותיות, דערפאר האָסטו מיך אוועקגענומען פון דער צדקת שרה?"

אָבער דער הייליקער, ברוך הוא, האָט געענטפערט:

„ביז איצט ביזטו געווען א טייל פון דעם נאָמען פון א פרוי, און דו ביזט געווען דאָס לעצטע אות פון דעם נאָמען. איצט, אָבער, וועל איך דיך אריינשטעלן אין דעם נאָמען פון א מאַן, און דו וועסט זיין דאָס ערשטע אות פון דעם נאָמען". און די „יוד" איז טאַקע צוגעזעצט געוואָרן צום נאָמען פון יהושע. וואָרום פריער האָט ער געהייסן הושע, און שפּעטער „ויקרא משה להושע יהושע", און משה האָט גערופן הושע'ן — יהושע.

איז די גאַנצע צייט האָט מען זי גערופן שרי. ערשט נאָכדעם ווי זי האָט געטאָן פילע גוטע מעשים, האָט מען איר צוגעזאָגט דעם אות, און מען האָט אָנגעהויבן זי רופן שרה.

און דער אויבערשטער האָט ווייטער געזאָגט צו אברהם'ן:

„איך וועל בענטשן שרה'ן און איר געבן א זון. איך וועל זי בענטשן אויך מיט מילך. פון איר וועלן ארויסקומען פעלקער און מלכים, וועלכע וועלן הערשן איבער די פעלקער. איך וועל אָנוואַרפן איר שרעק אויף אַלע געצנדינער, אז זיי זאָלן ניט טייטלען אויף איר מיט די פינגער און שרייען ׳די עקרה׳, די קינדערלאָזע. איך וועל אריינשיקן אין איר גוף א ברכה".

איז אברהם געפאַלן אויף זיין פּנים. ער האָט געגלויבט, זיך געפרייט און געוואונדערט ביי זיך אין הארצן: קען א קינד געבוירן ווערן צו א הונדערט יאָריקן מאַן! נאָכדעם וואָס דער האר האָט מיר געטאָן, וועט מיר נאָך געטאָן ווערן אַזאַ חסד! די נייענציק יאָריקע שרה וועט געבוירן א קינד! דאָס איז א וואונדער אין דער וועלט! וואָרום זינט דעם מבול אָן, איז א פרוי פון נייענציק יאָר ניט שוואַנגער געוואָרן.

און אברהם האָט געזאָגט צום אויבערשטן: „הלואי זאָל ישמעאל לעבן, און דיך דינען. איך בין ניט ווערט צו קריגן אַזאַ שכר". וואָרום כאָטש דער אַלקעגנוואָרטיקער האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה וועגן יצחק'ן, האָט זיין הארץ אַלץ געטראַכט צי ער וועט לעבן צי ניט. ער האָט געבעטן ער זאָל אים מחזיר לתשובה זיין, און אים זוכה מאַכן אויף עולם הבא.

און דער אויבערשטער האָט אים געענטפערט:

„דיין ווייב שרה וועט אויף אָן אמת דיר געבוירן א זון. זאָלסט אים א נאָמען געבן יצחק" — וואָרום ווען דער הייליקער,

ברוך הוא, זעט, אַז אַ צדיק דאַרף געבוירן ווערן, איז ער אַליין מיט זיין אייגענעם כבוד גיט אים אַ נאָמען, און יצחק איז געווען איינער פון די זעקס וועלכע האָבן געקראָגן אַ נאָמען נאָך איידער זיי זיינען געבוירן געוואָרן — „און איך וועל באַשטעטיקן מיין בונד מיט אים, און מיט זיינע קינדער נאָך אים אויף אייביק. און בנוגע ישמעאל'ן האָב איך אים שוין געהערט דורך דעם מלאך. ער האָט אים געבענטשט מיט אַלע גוטע זאַכן פון דער וועלט, מיט קינדער, מיט רייכקייט, מיט הערשאַפט. אָבער די גוטע זאַכן פון יענער וועלט געהערן בלויז יצחק'ן וועלכן שרה וועט דיר געבוירן פונקט אַ יאָר פון איצט, און צו זיינע קינדער".

און דער אויבערשטער האָט געענדיקט זיין ריידן מיט אברהם'ן, און די שכינה איז אַרויפגעגאַנגען פון אברהם'ן, וואָרום די צדיקים זיינען דעם אַלקעגנוואָרטיקנס רייטוואָגן.

אברהם'ס ברית

און אברהם האָט געהאַט דריי פריינט די צדיקים ענר, אשכול און ממרא. ווען דער אויבערשטער האָט אים געהייסן אָננעמען די מצוה פון מל זיין, איז אברהם געגאַנגען צו זיי זיך צו באַראָטן מיט זיי. ער איז געגאַנגען צו ענר'ן און האָט צו אים געזאָגט: „אַזוי און אַזוי האָט מיר דער הייליקער געזאָגט!"

האָט ענר אים געענטפערט: „וואָס! דו ווילסט זיך מאַכן פאַר אַ קאַליקע! דו ווילסט אַז די קרובים פון די מלכים, וועלכע דו האָסט גע'הרג'ט, זאָלן קומען דיך הרג'נען, און דו וועסט אַפילו ניט קענען אַנטלויפן פון זיי!"

האָט אברהם אים איבערגעלאָזט און ער איז געגאַנגען צו אשכול'ן און האָט געזאָגט צו אים: „אַזוי און אַזוי האָט מיר דער אויבערשטער געזאָגט". און אשכול האָט אים געענטפערט:

„דו ביזט אַלט, אויב דו וועסט דורכפירן די מצוה, וועט אַפלויפן פון דיר צופיל בלוט. דו וועסט עס ניט איבערטראָגן, און דו וועסט שטאַרבן".

האָט אברהם אים איבערגעלאָזט און ער איז געגאַנגען צו ממרא'ן. און ער האָט אים געזאָגט „אַזוי און אַזוי האָט מיר דער הייליקער, ברוך הוא, געהייסן טאָן, וואָס איז דיין עצה?"

און ממרא האָט אים געענטפערט:

„אין אַט דער זאַך פרעגסטו עצות! ער האָט דאָך דיך אָפגעראַטעוועט פון דעם קאַלך אויוון, און ער האָט דיר געטאָן די אַלע נסים. ער האָט דיך מציל געווען פון די מלכים. ווען ניט זיין שטאַרקייט וואָלטן זיי דיך דאָך געווען גע'הרג'ט. ער האָט

געראַטעוועט דיינע צוויי הונדערט אַכט און פערציג אברים. און אַז ער פאַרלאַנגט פון דיר אַ פּיצעלע פון איין אבר, זוכסטו גאָר עצות ! טו ווי ער הייסט דיר ! נאָכמער, אויך איך וועל עס טאָן. און איך וועל זיין דער ערשטער !"

האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו ממרא'ן :

„דו האָסט אים געראָטן זיך מל צו זיין, ביי דיין לעבן, איך וועל זיך אַנטפּלעקן צו אים ניט אין ענר'ס פּלאַץ, ניט אין אשכול'ס פּלאַץ, נאָר אין דיין פּלאַץ".

און אברהם וועלכער איז נאָכגעלאָפן נאָך דעם אויבערשטנס מצוות מיט גרויס פרייד און מיט ווילן, ניט צו קריגן דערפאַר שכר, נאָר טאַקע מחמת ליבשאַפט. איז ניט קוקענדיק דערויף וואָס אַט די מצוה איז אים געגעבן געוואָרן אויף דער עלטער, האָט ער זיך ניט אָפּגעהאַלטן. ער האָט מהרהר געווען, נאָך געטראַכט, ניט וועגן שכר און ניט וועגן די שמערצן, נאָר ער האָט עס געטאָן לשמה.

און אין יענעם טאָג ווען דער אויבערשטער האָט אים געבאָטן די מצוה, אין מיטן העלן טאָג ניט ביינאַכט, כדי די גאַנצע וועלט זאָל זען, ניט מורא האָבנדיק פאַר די פעלקער און ניט פאַר די לצים, און אויך כדי זיינע פיינט און צייט-גענאָסן זאָלן ניט קענען זאָגן „ווען מיר וואָלטן געווען זען, וואָלטן מיר אים ניט געוועזן געלאָזט דאָס טאָן", האָט אברהם גענומען דורכפירן דעם אַלמעכטיקנס געבאָט. דער אויבערשטער האָט אים אַ וואונק געגעבן ווי דאָס צו טאָן. און אברהם האָט מל געווען ישמעאל'ן, עוג'ן און אַלע אַנדערע זכרים פון זיין הויז. און ווען ער האָט זיך אַליין מל געווען האָט דער „רופא חולים" אים צוגעהאָלפן.

אין יענעם טאָג איז אברהם אַלט געווען נייען און נייענציק יאָר, און ישמעאל איז אַלט געווען דרייצן יאָר. און דער אַלמעכטיקער האָט אים צוריקגעגעבן יוגנטלעכע קראַפט.

און דעם דריטן טאָג, דעם קריזיס-טאָג, האָט אברהם געפילט גרויסע שמערצן. וואָס זשע האָט דער הייליקער געטאָן ? ער האָט געמאַכט אַ לאָך אין גיהנום און האָט היים געמאַכט דעם טאָג, ווי דעם טאָג פון די רשעים כדי אים נאָך מער מצער צו זיין און אים אויספּרואוון. ער האָט אויך שטאַרק היים געמאַכט די גאַנצע וועלט, ווייל ער האָט געזאָגט : צדיקים געפינען זיך אין צער, און די וועלט האָט זיך פאַרגעניגן !

און אַזוי ווי אברהם איז דאָך געווען אַ גרויסער מכנים אורח, און דער אויבערשטער האָט ניט געוואָלט מטריח זיין דעם צדיק מיט אורחים, האָט ער אַרויסגענומען די זון פון איר פוטערפאַס, שייד.

אָבער ווען אברהם האָט אַ קוק געטאָן אַז שוין צוויי טעג ווי עס קומען קיין אורחים, האָט ער ביי זיך געטראַכט: זע נאָר, איידער איך האָב מקיים געווען די מצוה פלעגן רייזנדיקע אַריינ־קומען, און איצט ניט. אפשר מיינען זיי, אַז זיי דערקוטשען מיר. איז ער געגאַנגען און ער האָט אַרויסגעשיקט אליעזר'ן אַ קוק טאָן. און ווען אליעזר האָט זיך אומגעקערט און געזאָגט אַז ער האָט קיינעם געזען, האָט אברהם אים געזאָגט: „איך גלויב דיר ניט".

און אברהם אַליין איז אַרויסגעגאַנגען זען צי ער קען ניט געפינען אורחים. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי דער טיר פון דעם געצעלט. און דער הייליקער, געלויבט איז ער, האָט אַ זאָג געטאָן צו די מלאכים: „קומט! לאָמיר גיין מבקר זיין דעם חולה. די מצוה צוריקצוצאָלן פאַר חסד איז ביי מיר זעהר גרויס. וואָרום די מצוה פון גמילות חסדים איז ביי מיר ליבער פון די קרבנות וועלכע די אידן וועלן מקריב זיין אויף דעם מזבח".

האָבן אָבער די מלאכים צו אים געזאָגט:

„אָה, האַר פון דער וועלט! וואָס איז דען אַ מענטש אַז דו זאָלסט זיך מיט אים אָפּגעבן! וואָס איז דען אַ מענטש אַז דו זאָלסט זיך מיט אים רעכענען! דער מענטש איז דאָך גלייך ווי גאָרניט! דו ווילסט גיין אין אומריינע ערטער!"

און דער הייליקער האָט זיי געענטפערט:

„אַזוי זאָגט איר! ביי אייער לעבן, דער ריח פון יענעם בלוט איז מיר זיסער פון ווייראויכן. און אויב איר ווילט ניט גיין, וועל איך גיין אַליין".

האָבן די מלאכים באַלד אַראָפּגענידערט. אָבער איידער זיי האָבן זיך גערירט, האָט דער הייליקער זיך געפעדערט, און ער אַליין מיט זיין אייגענעם כבוד האָט זיך אַנטפּלעקט צו אברהם'ן. און אַזוי גרויס איז די וויכטיקייט פון בקור חולים, אַז דער וואָס באַזוכט אַ קראַנקן, פאַרלייכטערט דעם קראַנקן אויף אַ זעכציקסטל. ווער עס באַזוכט אַ קראַנקן דערהאַלט אים ביים לעבן. דער באַזוכער ווערט ניצול פון גיהנום. און ווער עס באַזוכט קיין קראַנקן איז גלייך ווי ער פאַרגיסט בלוט.

די שכינה ביי אברהם'ן

און איצט האָט דער הייליקער זיך אַנטפּלעקט צו אים אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. איצט האָט די שכינה געערוט אויף אברהם'ן בשלמות, פאָלקאָם. און אַנטפּלעקט האָט ער זיך צו אים אין ממרא'ס פּלאַץ. דערפאַר וואָס ממרא האָט אים געגעבן די עצה צו פאָלגן דעם אויבערשטן און זיך מל זיין, האָט ער זוכה געווען

אז די שכינה זאָל רוען אין זיין חלק. געבענטשט זאָל זיין דער נאָמען פון דעם הייליקן, ברוך הוא, וועלכער האלט צוריק דעם שכר פון קיין באשעפעניש.

און באוויזן האָט ער זיך צו אים ביי די אייכנבוימער פון ממרא, מרמז צו זיין, אז פונקט ווי דער דאָזיקער סאָרט בוים ברענגט אַרויס צוויי מינים פירות, זיסע און ביטערע, אזוי אויך וועט פון יצחק'ן אַרויסקומען אַ צדיק און אַ רשע. אזוי ווי די אייכנבוימער, אפילו ווען זיי ווערן פאַרדאַרט, און זייערע בלעטער פאַלן אַרונטער, אָבער ווי נאָר עס קומט אין זיי אַריין וואַסער, הויבן זיי אָן צו בליען, און גיבן אַרויס בליעכצן און פירות. אזוי אויך די אידן, אפילו דעמאָלט ווען זיי וועלן אַראָפּנידערן צו דער נידעריקסטער מדרגה, ווי נאָר אָבער עס וועט קומען דער סוף און זיי וועלן טאָן תשובה, וועלן זיי באַלד אָנהויבן צו בליען און צו לייכטן.

און דער אויבערשטער האָט צו אים געזאָגט: „ביז איצט פלעגן צו דיר קומען ערלים, אָבער איצט קומען צו דיר איך און מיין אויבערשט געריכט. דו האָסט אויפגעעפנט אַ גוטע טיר פאַר גרים און פאַר אורחים. ווען ניט דו, וואָלט איך ניט געווען באשאַפן הימל און ערד. ווען ניט דו וואָלט איך ניט געווען באשאַפן דאָס ראָד פון דער זון. ווען ניט דו וואָלט איך ניט געווען באשאַפן די לבנה".

ווען אברהם האָט דערזען די שכינה, האָט ער זיך גענומען אויפשטעלן. ער זיצט און די שכינה שטייט! האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו אים:

„זיץ, דו ביזט אַ סימן פאַר דיינע קינדער. פונקט ווי דו זיצט און די שכינה שטייט, אזוי אויך וועלן דיינע קינדער זיצן און די שכינה וועט שטיין איבער זיי. ווען די אידן וועלן קומען אין די שטיבלעך און אין די בתי־מדרשים און וועלן זאָגן קריאת שמע, וועלן זיי זיצן צוליב מיין כבוד וועגן, און איך וועל זיין איבער זיי".

אָבער ווען דער אויבערשטער האָט געזען ווי אברהם איז זיך שטאַרק מצטער וואָס עס קומען קיין אורחים, האָט ער געבראַכט מלאכים אין דעם געשטאַלט פון מענטשן.

אברהם און די דריי מלאכים

פופצן טעג אין חודש ניסן, פונקט צוועלף אזייגער ביי טאָג ווען אונטער דעם מענטשן איז פאַראַן קיין שאָטן, די צייט

ווען די זון און דער שאָטן זיינען גלייך היים, און דאָס איז די צייט ווען תלמידי חכמים בייסן איבער, האָט אברהם אויפגעהויבן זיינע אויגן און ער האָט דערזען דריי מענטשן קומען פון ווייטנס. איינער האָט אים אויסגעזען ווי אַ קליין הענדלער, איינער ווי אַ שיפס-קאַפּיטאַן און איינער ווי אַן אַראַבער. האָט אברהם געמיינט אַז זיי זיינען געוויינלעכע דורכרייזנדיקע מענטשן, אָבער קיינע פרומע מענטשן, נאָר מענטשן וועלכע דינען די עבודה זרה און דערצערענען דעם אויבערשטן.

אָבער זיי זיינען געווען ניט מענטשן, נאָר די מלאכים מיכאל, גבריאל און רפאל. מיכאל איז געגאַנגען אין דערמיט, גבריאל אין זיין רעכטער האַנט און רפאל אין זיין לינקער האַנט. מיכאל איז געקומען אָנזאָגן שרה׳ן אַז זי וועט געבוירן אַ זון. רפאל — דער אויפזעער איבער די רפואות — איז געקומען אויסהיילן אברהם׳ן. גבריאל איז געקומען צו גיין איבערקערן די זינדיקע שטאָט סדום. וואָרום איין מלאך טוט קיין צוויי שליחות׳ן.

און די מלאכים האָבן געזאָגט צום אויבערשטן: „האַר פון די וועלטן! ביז ווען וועסטו אים אָפּגעבן אַזאַ כבוד? ווי לאַנג וועסטו שטייען, און ער וועט זיצן?״

האָט דער הייליקער, ברוך הוא, זיי געענטפערט: „שוין צוליב דעם זכות אַליין וואָס איך זע אַז דריי צדיקים וועלן אַרויסקומען פון אים, וואָס אין אַ צייט ווען די גאַנצע וועלט וועט זיך בוקן צום אָפּגאָט, וועלן זיי (חנניה, מישאל און עזריה) שטייען ווי פאַלמען בוימער און וועלן זיך ניט בוקן!״

און אברהם האָט זיך געטראַכט, אויב איך וועל זען אַז די שכינה וואַרט אויף זיי, וועל איך וויסן, אַז זיי זיינען גרויסע לייט, און אויב איך וועל זען, אַז זיי גיבן אָפּ כבוד איינער דעם אַנדערן, וועל איך וויסן אַז זיי זיינען אָנגעזעענע מענטשן. אַזוי ווי ער האָט דערזען, אַז די שכינה וואַרט אויף זיי, אַז זיי גיבן אָפּ כבוד איינער דעם אַנדערן, האָט ער געוואוסט אַז זיי זיינען אָנגעזעענע מענטשן.

דערווייל האָט ער געטראַכט ביי זיך. אַז אויב זיי וועלן זיך פאַרנעמען אויפן וועג אין זיין ריכטונג, ווייסט ער אַז זיי גייען צו אים. און אַזוי ווי ער האָט דערזען, אַז זיי פאַרנעמען זיך אויפן וועג צו אים, האָט ער אַ זאָג געטאָן בתמימות פאַר דעם הייליקן, ברוך הוא:

„האַר פון דער וועלט! זאָל די שכינה אַ ביסעלע צוואַרטן, ביז איך וועל אַריינפירן די אורחים״.

און אַזוי איז טאַקע געשען. וואָרום די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער אַפילו פון מקבל זיין די שכינה.

דערזעענדיק אָבער, אַז ער בלוטיקט, זיינען די דריי פרעמדע געבליבן שטייען אויף איין אָרט. ווען אברהם האָט דערזען אַז זיי רירן זיך ניט, האָט ער פאַרשטאַנען אַז זיי ווילן ניט אים מטריח זיין. און זיי, באַמערקנדיק אַז ער האָט דערפון צער, האָבן געזאָגט צו אים:

„דאָס איז ניט דער שטייגער פון דער וועלט".

און ווען זיי האָבן געזען זיינע שמערצן, האָבן זיי זיך געלאָזט אַוועקגיין פון אים. האָט ער זיך אָבער מקדים געווען און איז זיי אַנטקעגן געלאָפן ווי אַ מלאך, און האָט זיך פאַר זיי געבוקט.

האָט דער הייליקער, ברוך הוא, צו אים געזאָגט: דו האָסט זיך געבוקט צו מיינע מלאכים, ביי דיין לעבן אַז מלאכים וועלן זיך בוקן צו דיינע קינדער".

און אברהם האָט אַ זאָג געטאָן צו מיכאל'ן, דעם עלטסטן פון זיי:

„איך ווייס אַז איר זייט מיד פון דעם וועג, און איצט איז ניט די צייט צו גיין. אָט איז פאַראַן וואַסער און אַן אַנגענעמער שאָטן. גייט זשע ניט אַוועק פון אייער קנעכט. זאָל אַ ביסל וואַסער געבראַכט ווערן און וואַשט אייערע פיס, און לענט זיך אָן אונטער דעם דאָזיקן בוים. איך וועל ברענגען ברויט און לענט זיך אונטער אייערע הערצער, און בענטשט, און דערנאָך וועט איר גיין. עס איז דאָך איצט פונקט מיטאָג שטונדע. אַז איר זייט שוין יאָ מיך פאַרבייגעגאַנגען, איז בעט איך פון אייך אָט דאָס".

און אברהם האָט געהייסן זיי וואַשן זייערע פיס ווייל ער האָט געמיינט אַז זיי זיינען אַראַבער, וועלכע בוקן זיך צום שטויב פון זייערע פיס. און אברהם האָט שטאַרק מקפיד געווען אויף געצנדינערײ. האָט ער ניט געוואָלט אַז מען זאָל אַריינ־ברענגען געצנדינסט אין זיין הויז אַריין.

האָבן זיי געזאָגט צו אים:

„ביזטו דען אונז חושד, אַז מיר זיינען אַראַבער וועלכע בוקן זיך צום שטויב פון זייערע פיס?"

אָבער נאָכדעם ווי ער האָט זיי שטאַרק געבעטן, וואָרום ער פלעגט זיך נוהג זיין, אַז ווער נאָר עס איז פאַרבייגעגאַנגען זיין הויז פלעגט ער אים אַריינגעמען, געבן צו עסן, האָט ער געוואָלט זיי ווייזן ווי ער פירט זיך אַלע זיינע טעג. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „דו האָסט גוט געזאָגט, טו ווי דו האָסט געזאָגט". זיי האָבן זיך ביי אים אָפּגעשטעלט. זיי האָבן זיך געוואַשן די פיס, און זיך אַנידערגעזעצט אונטער דעם בוים, נעבן זיין געצעלט.

האָט דער הייליקער געזאָגט צו אברהם'ן: „דערפאַר וואָס דו האָסט געזאָגט: 'זאָל געבראַכט ווערן אַ ביסל וואַסער, וואַשט

זיך די פיס, לענט זיך אַן אונטער דעם בוים און איך וועל ברענגען ברויט׳, ביי דיין לעבן, אַז איך וועל באַצאָלן דיינע קינדער דערפאַר אין דער מדבר און אויפן ישוב״.

און אברהם האָט זיך געאײלט צו שרה׳ס געצעלט, און ער האָט געזאָגט צו איר: „נעם גיך נייען מאָס מעל פאַר דריי פאַר קיכלעך, דריי פאַר האָניק טײגלעך און דריי פאַר זיסע קוכן. פאַרקנעט און מאַך עס געשמאַק״. און מיט די קיכלעך האָט אברהם געמיינט מרמז צו זיין, אַנדייטן, אַז זיינע קינדער וועלן מאַכן קיכלעך (עוגות מצות) ווען זיי וועלן אַרויסגיין פון מצרים.

האָט שרה צורו געלאָזט אַלע אירע דינסטן, און זי אַליין האָט געקנאָטן און געמאַכט קוכענס. און אברהם האָט געקוילעט דריי אָקסן, כדי ער זאָל זיי קענען געבן דריי צונגען מיט גאָרשיצע, ווי מלכים זיינען זיך נוהג צו עסן, און ער האָט עס איבערגעגעבן ישמעאל׳ן צוצוגרייטן, כדי אים מחנך צו זיין, ערציען, אין מצוות.

אָבער פונקט ווען שרה האָט געקנאָטן האָט זי געקראָגן די צייט, איז דאָס טייג טמא געוואָרן. האָט ער זיי געגעבן קיין קוכן.

און אברהם אַליין האָט זיי באַדינט. ער האָט זיי געגעבן פלייש. מיט זיי זיינען אויך געזעסן ישמעאל, ענר, אשכול און ממרא. עס האָט אויסגעזען ווי די אורחים עסן און טרינקען. וואָרום אַלץ וואָס זיי האָבן גענומען צום מויל איז דערפון גאָרניט געוואָרן, ווייל זייער פייער האָט עס פאַרצערט. און אברהם האָט געהאַט פאַרגעניגן דערפון.

און געשען איז עס אַזוי ווייל אַ מענטש דאַרף ניט ענדערן דעם מנהג. קומסטו אין אַ שטאָט, פיר זיך ווי מען פירט זיך דאָרט. משה איז געווען אין הימל האָט ער ניט געגעסן. די מלאכים זיינען געווען אויף דער ערד, האָבן זיי יאָ געגעסן.

און די סעודה וואָס אברהם האָט געמאַכט איז געווען בעסער פון שלמה המלך׳ס סעודה.

אַלץ וואָס אברהם האָט געטאָן פאַר די מלאכים, האָט דער הייליקער אַליין געטאָן פאַר זיינע קינדער. און דאָס וואָס אברהם האָט געטאָן פאַר די מלאכים דורך אַ שליח, האָט דער אויבערשטער געטאָן פאַר זיינע קינדער דורך אַ שליח. וואָרום מיט דער מאָס וואָס אַ מענטש מעסט, מעסט מען אים. ער איז געלאָפן ברענגען די אָקסן, האָט דער אויבערשטער געגעבן זיינע קינדער פייגל צו עסן. ער איז געשטאַנען איבער די מלאכים און זיי באַדינט, האָט דער אַלמעכטיקער באַשיצט זיינע קינדער אין מצרים. ער האָט זיי געגעבן וואַסער, האָבן די אידן זוכה געווען אין דער מדבר צו מרים׳ס ברונעם. ער האָט זיי געזאָגט זיי זאָלן זיך אַנידערזעצן אונטערן בוים. איז ווען אברהם׳ס קינדער זיינען

אַרויס פון מצרים האָט דער באַשעפער זיי געגעבן זיבן וואָלקנס, פיר פון אַלע פיר זייטן, איינעם איבער זיי, דעם שכינה וואָלקן וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט פונעם שונא. און איינעם וואָס איז געצויגן פאַר זיי און האָט נידעריק געמאַכט די בערג, הויך געמאַכט די טאָלן, אויסגעהרג׳עט די שלאַנגען און עקדישן, פאַרברענט די דערנער און גלייך געמאַכט דעם וועג.

די בשורה וועגן יצחק׳ס געבורט

און אברהם פלעגט זיך אַזוי נוהג זיין: וואו ער האָט געוואוינט, האָט ער פאַרפלאַנצט אַ בוים. און דורך דעם בוים פלעגט ער דערקענען ווער עס איז באַהעפט אין דעם אויבערשטן, און ווער אין געצנדינסט. אויב איינער איז געווען באַהעפט אין אויבערשטן, פלעגט דער בוים צעשפּרייטן זיינע צווייגן, אים פאַרדעקן און מאַכן אַן אָנגענעמען שאָטן איבער אים. טאָמער אָבער איז איינער געווען באַהעפט אין געצנדינסט, פלעגן די צווייגן פון דעם בוים זיך אויסציען אין דער הויך. פלעגט אברהם דאַן דערקענען און פלעגט אים שטראָפן. ער פלעגט אים ניט אָפּלאָזן ביז יענער האָט געמוזט אָנהויבן גלויבן אין דעם באַשעפער פון דער וועלט.

אויב דער מענטש איז געווען אַ ריינער, פלעגט דער בוים אים צולאָזן צו זיך. טאָמער אָבער איז יענער געווען טמא, פלעגט דער בוים אים ניט צולאָזן. האָט אברהם אַזוי אַרום אים דערקענט, און ער האָט גערייניקט דעם אומריינעם.

און אונטער דעם בוים איז געווען אַ קוואַל וואַסער. איז אויב איינער האָט באַדאַרפט באַלד טבילה, האָט דאָס וואַסער זיך אויפגעהויבן פון זיך אַליין, און די צווייגן פלעגן זיך אָפּטאָן, האָט אברהם דערקענט אַז דער יעניקער איז טמא, און אַז ער דאַרף באַלד טבילה. דורך אָט דעם בוים פלעגט ער אונטערזוכן אַלע מענטשן. דערפאַר האָט ער זיי געהייסן זיך אָנלענען אונטערן בוים, צו קענען זיי בודק זיין.

און די מלאכים האָבן אים געפרעגט: „וואו איז דיין ווייב שרה?” זיי האָבן טאַקע געוואוסט וואו שרה איז, נאָר זיי האָבן געוואָלט מאַכן שרה׳ן באַליבט ביי אים. זיי האָבן דערמיט געוואָלט אים ווייזן, אַז שרה איז מער צנועה פון אַנדערע פרויען, וואָרום זי ווייזט זיך ניט.

און דער מלאך מיכאל האָט זיך אָנגערופן: „אין אַ יאָר אַרום וועל איך קומען צו דיר, וועט איר נאָך ביידע לעבן, און שרה וועט האָבן אַ זון”. ער האָט געמאַכט אַ קריץ אין דער וואַנט,

און ער האָט געזאָגט: ווען די זון וועט דערגרייכן נאָכאַמאָל דעם קריץ וועט שרה, דיין ווייב, האָבן אַ זון".

שרה, ווידער, וועלכע האָט שוין לאַנג אויפגעגעבן די האָפענונג צו האָבן קינדער, איז געשטאַנען הינטער דער טיר פון דעם געצעלט און האָט זיך צוגעהערט, האָט אָנגעהויבן לאַכן אין הארצן און האָט געזאָגט צו זיך: אַט די גדערים וועלן נאָך טראָגן אַ קינד! אַט די דאַזיקע ברוסטן, וועלכע זיינען שוין אַזוי איינגעשרומפּן, וועלן נאָך ציען מילך! און מיין האר אברהם איז דאָך שוין אַזוי אַלט!

און געזאָגט האָט זי 'מיין האר אברהם איז שוין אַזוי אַלט', ווייל זי האָט באַלד דערפילט אַז זי איז עפּעס אַן אַנדער מענטש.

האָט דער אויבערשטער זיך אָנגערופן צו אברהם'ן און צו אים געזאָגט: „פאַרוואָס האָט שרה געלאַכט און געזאָגט: 'וועל איך דען ווירקלעך געבוירן אַ קינד! איך בין דאָך שוין אַזוי אַלט!' — צוליב שלום בית האָט דער אויבערשטער געזאָגט, אַז שרה האָט געזאָגט 'איך בין אַלט' און ניט 'מיין האר אברהם איז אַלט' — איז דען פאַראַן אַ זאַך, וואָס איז פאַר מיר אונמעגלעך! אין דען פאַראַן אַ זאַך, וואָס איך קען ניט פאַר-ווירקלעכן! לכתחילה באַשאַפן מענטשן קען איך יאָ, און ווידער יונג מאַכן אַלטע קען איך ניט! אין אַ יאָר אַרום, פונקט צו אַט דער זעלבער צייט, וואָס איז דיר נעכטן אָנגעזאָגט געוואָרן, וועל איך זיך אומקערן צו דיר, וועט איר ביידע לעבן און שרה וועט האָבן אַ קינד!"

האָט שרה געלייקנט און האָט געזאָגט: „ניין! איך האָב ניט געלאַכט", וואָרום זי האָט מורא געהאַט. און כאָטש שרה איז געווען די איינציקע פרוי צו וועמען דער אויבערשטער האָט גערעדט, האָט ער איר געענטפערט דורך שם בן נח און געזאָגט: „ניין! דו האָסט יאָ געלאַכט!"

דערווייל האָבן די מלאכים געמאַכט שרה'ס פנים לייכטן פונקט ווי אַן אוילבירט. און די מלאכים וועלכע האָבן אויסגעזען ווי מענטשן, האָבן זיך אויפגעהויבן פונקט צוועלף אַ זייגער, געבענטשט אברהם'ן און זיינען אַוועקגעגאַנגען. דער וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז אַ קינד וועט זיי געבוירן ווערן איז אַרויף אין הימל אַריין. די אַנדערע צוויי האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון סדום. און אברהם איז געגאַנגען זיי באַגלייטן, ווייל ער האָט דאָך געמיינט אַז זיי זיינען געוויינלעכע מענטשן.

די זינד פון סדום און עמורה

אין יענע צייטן זיינען אלע איינוואוינער פון סדום און עמורה געווען זעהר שלעכט און זינדיק קעגן דעם אויבערשטן. זיי זיינען געווען שלעכט אין געלט אנגעלעגנהייטן. זיי זיינען געווען זינדיק מיט זייערע קערפערס. זיי זיינען געווען אויסגעלאסן. ערלעכע מענטשן האבן זיי אומגעבראכט. זיי האבן געדינט עבודה זרה. זיי זיינען געווען פון געמיינעם כאראקטער. זיי האבן פיינט געהאט איינער דעם אנדערן, געווען שלעכט איינער צום אנדערן. און כאטש זיי האבן געקענט דעם באשעפער, האבן זיי אים געזידלט, געלעסטערט, פארגאסן בלוט, כדי צו ווידערשפעניקן קעגן אים.

האבן זיי דערצערנט דעם אויבערשטן מיט זייערע אום־ווירדיקייטן, און זייער שלעכטסקייט איז געווען זעהר גרויס אין יענע טעג.

אין זייער לאנד האט זיך געפונען א ברייטער טאל, אן ערך פון אנדערהאלבן טעג גאנג די ברייט. אין דעם טאל האבן זיך געפונען קוואלן וואסער, און ארום דעם וואסער איז געוואקסן גראז. אט דארט פלעגן די איינוואוינער פון סדום און עמורה, די מענער, די פרויען און זייערע קינדער, זיך פארזאמלען פיר טעג א יאר און טאנצן, שפילן און פראווען א מין קארניוואל מיט גרויס פאמפ.

און ווען דאס צעהוליען זיך איז געווען שטארק גרויס, פלעגט איינער נעמען דעם אנדערנס ווייב, איינער דעם אנדערנס טאכטער און זינדיקן. דער מאן האט געזען זיין ווייב אדער זיין טאכטער מיט אן אנדערן און האט גארניט געזאגט. אט אזוי האבן זיי פארבראכט פון דערפרי ביז אין דער נאכט, און דערנאך האט זיך יעדער איינער אומגעקערט צו זיך אהיים, יעדע פרוי צו איר מאן. דאס פלעגן זיי זיך נוהג זיין צו טאן פיר טעג אין יעדן יאר.

און געווען זיינען די איינוואוינער פון סדום זעהר רייך. די ערד פון זייער לאנד איז געווען פעט. אלע אוצרות פון דער וועלט האבן זיך געפונען אין דער ערד פון סדום. למשל, ווען איינער האט געהייסן זיין קנעכט ארייננברענגען פונעם גארטן א ביסל גרינצייג, איז ער ארויסגעגאנגען און האט געפונען אונטער דעם גרינצייג גאלד.

עס האבן זיך געפונען אין דער דארטיקער ערד זילבער, טייערע בריליאנטן און פערל. און ברויט איז דארט געווען איבערגענוג. האבן זיי געזוכט קיין שוץ אין דעם שאטן פון

זייער באַשעפער. נאָר זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זייער גרויס רייכקייט. דאָס רייכקייט האָט אָפּגעטאָן פון זיי יראת שמים.

מיט אָט דעם רייכקייט וואָס דער הייליקער האָט זיי געבענטשט האָבן זיי אָנגעהויבן שטאַרק צו שטאָלצירן. און פון צופיל עסן, טרינקען און רו האָבן זיי אָנגעהויבן מורד זיין אין דעם אַלקעגנוואָרטיקן.

און זיי פלעגן זיך אויפפירן אויף אַ זעהר זינדיקן שטייגער: זיי פלעגן אָפּהאַקן די פרוכטן פון די בוימער די פויגל זאָלן פון זיי האָבן קיין הנאה. זיי האָבן באַשטימט איבער זיך פאַלשע, קאָרופּטירטע ריכטער. טאָמער איז געקומען צו זיי אַ פרעמדער פלעגן זיי אַלץ אַוועקנעמען פון אים לויט זייערע קאָרופּטירטע געזעצן, און פלעגן אים אַוועקשיקן אַ נאַקעטן. אָנגעפּרעסענע און צופרידענע זיינען זיי געזעסן און ניט מורא געהאַט פאַר מלחמות פון זייערע שכנים. זיי האָבן געהאַט פון אַלדאָס גוטס, און אַן אָרעמאַן האָבן זיי געגעבן קיין ביסן ברויט. זיי האָבן געלאָזט אויסרופן אין סדום און האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדער איינער וועלכער וועט וואַגן צו געבן אַ שטיקל ברויט אַן אָרעמאַן אָדער אַ פרעמדן, וועט פאַרברענט ווערן.

זיי האָבן זיך אַזוי געטראַכט: אונזער לאַנד איז רייך אין תבואה און אין גאָלד, איז צו וואָס זשע דאַרפן מיר אַז פרעמדע זאָלן צו אונז קומען! זיי קומען דאָך אָהער בלויז אַוועק־צונעמען עפּעס פון אונז. איז לאָמיר אויסקאָרניען אַ פרעמדן פוס פון אונזער לאַנד, אַז פרעמדע זאָלן פאַרזאָגן אַ צענטן אָהער צו קומען.

האָט דער אַלקעגנוואָרטיקער צו זיי געזאָגט:

„פאַר די טובות וועלכע איך האָב אייך געטאָן, פאַר דעם רייכקייט וואָס איך האָב אייך געגעבן ווילט איר ניט דערלאָזן אַז פרעמדע זאָלן קומען אין אייער לאַנד! איך וועל אָבער מאַכן, אַז איר זאָלט פאַרגעסן ווערן פון דער וועלט!"

און זייער אויפפירונג איז געווען אַ ווילדע. ווען זיי פלעגן דערטאַפּן אַ רייכן, פלעגן זיי אים אַוועקזעצן נעבן אַ וואַנט וואָס האַלט ביים איינפאַלן. זיי שטופּן אויף אים אַרויף די וואַנט, און ראַבעווען דאָן אַוועק פון אים זיין פאַרמעגן. אָדער זיי פלעגן קומען צום גביר און אים געבן פאַרפיומען, ער זאָל עס פאַר זיי באַהאַלטן. פלעגט ער דאָס באַהאַלטן אין די קאַמערן וואו ער האָט געהאַלטן זיינע אוצרות. קומען זיי ביינאַכט, שמעקן ווי הינט. און ווי נאָר זיי האָבן דערפילט פון וואַנען דער ריח קומט, האָבן זיי אונטערגעגראָבן די אוצרות, און אים באַראַבעוועט.

ווען עס פלעגט קומען צו זיי אַ פרעמדער פאַרקויפן אַ ביסל

סחורה, פלעגן מענער, פרויען, יונג און אַלט זיך פאַרזאַמלען אַרום אים. יעדער איינער האָט מיט געוואָלט אוועקגענומען אַ ביסל סחורה. און איידער דער פרעמדער האָט זיך אומגעקוקט, איז ער געבליבן ביי גאָרניט. טאָמער, אָבער, האָט דער פרעמדער געוואָגט עפּעס צו זאָגן, איז יעדער איינער באַזונדער צוגעגאַנגען צו אים און האָט געזאָגט: „קוק, זע אַליין, איך האָב דאָך גענומען בלויז אַט דאָס דאָזיקע ביסעלע וואָס דו אַליין האָסט מיר געגעבן!" און נאָכדעם פלעגן זיי אים נאָך אַרויס יאָגן פון דער שטאָט.

אויך זייערע געזעצן זיינען געווען פאַרברעכערישע: אַזוי למשל, האָט איינער פאַרמאָגט אַן איין און איינציקן אָקס, האָט ער באַדאַרפט פּאַשען אַלע שטאָט בהמות איין טאָג. דער, אָבער, וועלכער האָט אַפילו קיין איין און איינציקע בהמה פאַרמאָגט, האָט געמוזט פּאַשען צוויי טעג. האָבן זיי געטראָפן אַ יתום וועלכער האָט געהאַט קיין בהמה און האָבן אים געצוואונגען ער זאָל פּאַשען זייערע בהמות צוויי טעג. איז ער געגאַנגען און האָט אויסגעקוילעט די בהמות, און ער האָט צו זיי געזאָגט: „ווער עס האָט איין בהמה זאָל נעמען איין פעל, און ווער עס האָט ניט אַפילו איין בהמה זאָל נעמען צוויי פעלן". האָבן זיי אים געפרעגט: „וואָס הייסט עס?" האָט ער זיי געענטפערט: „דער סוף אורטייל, איז ווי דער אָנהויב אורטייל. עס איז פונקט ווי איר האָט גע'פּסק'נט אַז ווער עס האָט איין בהמה זאָל פּאַשען איין טאָג, און ווער עס פאַרמאָגט אַפילו קיין איין בהמה זאָל פּאַשען צוויי טעג".

אויב איינער איז געשטאַנען גאַנצע טעג און געקנאַטן און געמאַכט ציגל, איז ווי נאָר זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן, איז יעדער איינער געקומען, האָט גענומען אַ ציגל און געזאָגט: „זעסט, איך האָב גענומען בלויז איין און איינציקן ציגל". האָט איינער אויסגעשפּרייט קנאָבל אָדער ציבעלעס אויף צו טריקענען, איז יעדער איינער געקומען, גענומען איינס און געזאָגט: „וואָס אַרט עס דיך, איך האָב דאָך גענומען בלויז איינס!" האָט עמעצער דער־לאַנגט דעם צווייטנס ווייב און זי האָט מפּיל געווען, האָט מען אים געהייסן וואוינען מיט איר ביז זי וועט שוואַנגער ווערן. האָט איינער אָפּגעהאַקט זיין פריינטס אייזלס אויער, האָט מען אים געהייסן האַלטן דאָס אייזל ביז דער אויער וועט אָנוואַקסן. האָט איינער דערלאַנגט דעם אַנדערן אַ קלאַפּ און עס איז גערונען בלוט, האָט מען געהייסן דעם פאַרוואונדעטן באַצאָלן דעם שלעגער דערפאַר וואָס ער האָט אים געלאָזט בלוט. איז איינער אַריבער דעם טייך מיט דעם פּראָם (פּערי), האָט ער באַדאַרפט באַצאָלן

פיר גילדן. טאָמער איז ער אָבער אריבערגעגאַנגען דאָס וואַסער צופוס, האָט ער געמוזט באַצאָלן אַכט גילדן.

איינמאָל האָט פּאַסירט אַזאַ מעשה: אַ געוויסער מאַן איז אַמאָל אַהין געקומען און איז אַריבער דעם טייך, האָט מען אים געהייסן באַצאָלן פיר גילדן. זאָגט ער: „איך בין דאָך דעם טייך אַריבער צופוס, פאַרוואָס זאָל איך באַצאָלן?" ענטפערט מען אים: „אויב דו ביזט יאָ אַריבער צופוס, איז באַצאָל זשע אַכט גילדן". האָט ער ניט געוואָלט. זיינען זיי געגאַנגען, און האָבן אים גוט אָנגעשלאָגן, אַז עס האָט אַזש גערונען בלוט פון אים. איז ער אַוועק צום ריכטער. האָט דער ריכטער צו אים געזאָגט: „באַצאָל אים דערפאַר וואָס ער האָט דיר געלאָזט בלוט, און אַכט גילדן דערפאַר וואָס דו ביזט אַריבער דאָס וואַסער צופוס".

מאַכט זיך אָבער אַמאָל, אַז שרה שיקט אליעזר'ן קיין סדום, ער זאָל געוואָר ווערן וואָס לוט מאַכט. קומענדיק קיין סדום, דערזעט אליעזר ווי אַן איינוואוינער פון סדום שלאָגט אַ פרעמדן, נעמט אַראָפּ פון אים די קליידער און לאָזט זיך אַוועק־גיין. דערזעענדיק אליעזר'ן לויפט דער אָרעמאַן צו אים צו, און בעט זיך ביי אים ער זאָל אים העלפן. לויפט אליעזר צו צום סדומי, און פרעגט אים פאַרוואָס ער באַהאַנדלט אַזוי געמיין אַ פרעמדן אָרעמאַן. אָבער דער סדומי ענטפערט אים: „איז ער דיינער אַן אייגענער, אָדער האָבן די סדום־איינוואוינער דיך באַשטימט פאַר זייער ריכטער?" אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און ווען אליעזר האָט געוואָלט אָפּנעמען דעם אָרעמאַנס קליידער, האָט דער סדומי געכאַפּט אַ שטיין און דערלאַנגט אליעזר'ן אין שטערן, און בלוט האָט אָנגעהויבן רינען.

ווען דער סדומי האָט דערזען אַז פון אליעזר'ן רינט בלוט, האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געזאָגט: „באַצאָל מיר דערפאַר וואָס איך האָב געלאָזט דאָס שלעכטע בלוט אויס־רינען פון דיר, וואָרום אַזוי איז דאָס געזעץ אין אונזער לאַנד". אָבער אליעזר האָט אים געענטפערט: „ניט גענוג וואָס דו האָסט מיך פאַרוואונדעט, ווילסטו נאָך געלט!" האָט דער סדומי אים געשלעפּט צום ריכטער שרק. דער סדומי האָט פאַרגעלייגט זיינע טענות, און דער ריכטער האָט געענטפערט: „ריכטיק! אַזוי לויטעט אונזער געזעץ, און דו מוזט באַצאָלן". אויסהערנדיק דעם אורטייל, האָט אליעזר געכאַפּט אַ שטיין און אַ זעץ געטאָן דעם ריכטער אין שטערן, אים צעבלוטיקט און געזאָגט: „דאָס געלט וואָס דו דאַרפסט מיר באַצאָלן, באַצאָל אים", און ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען.

די איינוואוינער פון סדום האָבן ביי זיך געהאַט אַזאַ

אַפּמאַך: טאָמער איז אַריינגעפאַלן צו זיי אַ פרעמדער, פלעגן זיי דורכפירן מיט אים אַ משכב זכר, און אַוועקנעמען זיין געלט. און ווען עס פלעגט קומען צו זיי אַן אָרעמאַן פון דער פרעמד, האָט יעדער איינער אים געגעבן אַ רענדל און אָנגעשריבן דערויף זיין נאָמען, אָבער אַ שטיקל ברויט האָט אים קיינער געגעבן. נאָכדעם ווי דער אָרעמאַן איז אויסגעגאַנגען פון הונגער, איז יעדער איינער געקומען און האָט אָפּגענומען זיין רענדל.

אַ מאַן פונעם לאַנד עילם האָט געדאַרפט מאַכן אַ רייזע. האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויף זיין אייזל און מיטגענומען מיט זיך אַ טייערע קאָלדרע וואָס איז געווען אויסגעהאַפטן מיט אַלערליי פאַרבן. קומענדיק קיין סדום, האָט די זון זיך אָנגעהויבן זעצן. איז ער געזעסן אויף דער גאַס, און קיינער האָט אים ניט אַריינגענומען אויף נאַכטלעגער. און געלעבט האָט דאַן אין סדום אַ זעהר שלעכטער און שאַלגאַפּטיקער מאַן מיט דעם נאָמען הידור. ווען ער האָט דערזען דעם פרעמדן מאַן, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים געפרעגט פון וואַנען ער קומט און וואוהין ער גייט. האָט ער אים געענטפערט: „איך בין פון עילם און איך גיי פון חברון אַהיים. קומענדיק אַהער האָט די זון אָנגעהויבן אונטערגיין, האָב איך באַשלאָסן דאָ איבערצונעכטיקן, אָבער קיינער נעמט מיך ניט אַריין אין הויז אַריין. איך האָב מיט זיך ברויט, וואַסער, שטרוי, האָבער, און עס פעלט מיר גאָרניט".

האָט הידור געענטפערט: „זאָרג ניט, איך וועל דיר געבן אַלץ וואָס דו דאַרפסט". און ער האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. ער האָט אויך אַריינגענומען זיינעם אַ שטריק און די טייערע קאָלדרע, געגעבן דעם גאַסט צו עסן און צו טרינקען און אויך דעם אייזל האָט ער געקאָרמעט, און דער פרעמדער האָט דאָרט איבערגענעכטיקט.

אינדערפרי, ווען דער פרעמדער האָט געוואָלט זיך לאָזן אין וועג אַריין, האָט הידור אים געבעטן ער זאָל פריער עפּעס אָפּעסן, און דער פרעמדער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג. עס איז געקומען צום אַוועקפאָרן זאָגט אים הידור: „וואָס איילסטו אַזוי, נעכטיק איבער נאָך אַ נאַכט". האָט דער פרעמדער געפאָלגט און איבערגענעכטיקט נאָך אַ נאַכט. אַזוי האָט זיך איבערגע'חזר'ט צוויי טעג. און ווען דער פרעמדער האָט גענומען איינשפּאַנען דאָס אייזל, האָט הידור'ס ווייב געזאָגט צו הידור'ן: „דו זעסט, דער דאָזיקער מאַן איז אָפּגעזעסן ביי אונז אין הויז צוויי טעג, האָט געגעסן און געטרונקען, און איצט גייט ער אַוועק און גיט אונז גאָרניט". און הידור האָט איר געהייסן שווייגן.

ווען דער פרעמדער האָט שוין געהאַט איינגעשפּאַנט דאָס

אייזל האָט ער געבעטן הידור'ן ער זאָל אים געבן דעם שטריק און די קאַלירטע קאָלדרע. אָבער הידור האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט און אַ זאָג געטאָן: „וואָס פאַר אַ שטריק, וואָס פאַר אַ קאָלדרע! דו האָסט געמוזט חלומ'ען, וועל איך דיר פּותר זיין דעם חלום".

און הידור טייטשט אים אויס דעם חלום און זאָגט: „דער שטריק, וואָס דו האָסט געזען אין חלום, באַדייט אַז דו וועסט לאַנג לעבן, און די קאָלירטע קאָלדרע וואָס דו האָסט געזען באַדייט אַז דו וועסט האָבן אַ ווייַנגאָרטן, און וועסט אין אים פלאַנצען ביימער פון אַלע סאָרטן פירות".

אָבער דער פרעמדער לאָזט זיך ניט איינשמועסן אַז עס איז אַ חלום און טענה'ט: „ניט אין חלום נאָר אין וואָך האָב איך דיר געגעבן אַ שטריק און אַ קאָלדרע אויסגעהאָפטן מיט אַלערליי פאַרבן!" און הידור ענטפערט אים: „איך האָב דיר דאָך גוט אויסגעטייטשט דעם חלום. אַנדערע וואָלטן מיר באַצאָלט דערפאַר פיר שטיק זילבער. און ביי דיר וויל איך דאָך בלויז דריי שטיק זילבער!"

איז דער גאַסט געוואָרן אין כעס, האָט אָנגעהויבן צו שרייען און געבראַכט הידור'ן צום ריכטער שרק. און דער סוף איז געווען, אַז הידור האָט ביי אים געמאָנט שוין פיר שטיק זילבער פאַר פּותר זיין דעם חלום און באַזונדער פאַר די צוויי טעג וואָס ער האָט ביי אים געגעסן, געטרונקען און געשלאָפן. דער פרעמדער, אַן אויפגערעגטער האָט אָנגעהויבן שרייען, ביז מען האָט זיי ביידע אַרויסגעטריבן. און ווען דער עולם האָט דערהערט זיינע געשרייען, זיינען זיי זיך צוזאַמענגעלאָפן, און מען האָט דעם פרעמדן אַרויסגעיאָגט פון שטאָט, אַז ער איז קוים אַנטלאָפן אַ לעבעדיקער.

און פיר ריכטער האָבן זיך דאָרט געפונען: שרק פאַר דער שטאָט סדום, שרקר פאַר דער שטאָט עמורה, זבנך פאַר דער שטאָט אדמה, מנון פאַר דער שטאָט צבויים, און לוט, דער ערגסטער פון זיי איז געווען דער הויפּט ריכטער. האָט אליעזר, אברהם'ס קנעכט, זיי געגעבן נעמען. שרק האָט ער גערופן שקרא, שרקר האָט ער אַ נאָמען געגעבן שקרורא, זבנך — כזבן, ליגנער, און מנון — מצלי דין, פערדאַרבער פון גערעכטיגקייט.

האָבן די ריכטער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז מען זאָל אויפשטעלן בעטן אין די גאַסן, און די איינוואוינער האָבן אַזוי געטאָן. איז ווי באַלד אַ פרעמדער איז אַהין געקומען, האָט מען אים געכאַפּט און מיט געוואַלד אים אַריינגעלייגט אין איינעם פון די בעטן. דריי מענטשן האָבן אים אָנגענומען ביים קאָפּ און דריי ביי די פיס, און מען האָט אים צוגעמאָסטן צום בעט. איז

ער געווען קלענער פון דעם בעט, האבן די זעקס אים געהאלטן אין איין אויסציען. ער האט געשריען, און זיי האבן זיך ניט וויסנדיק געמאכט. איז ער ווידער געווען לענגער פון דעם בעט, האט מען אים געצויגן פון די זייטן, אז דער מענטש פלעגט שיעור ניט אויסגיין אונטער זייערע הענט. און אויף זיין שרייען פלעגן זיי ענטפערן: „אט אזוי טוט מען יעדן איינעם וועלכער קומט אין אונזער לאנד". פלעגן מענטשן אויסמיידן צו קומען אין יענע שטעט.

מאכט זיך אמאל און א פרעמדער ארעמאן קומט אהין. האט מען ווי געוויינלעך ארויסגעגעבן א באפעל אז מען זאל אים געבן קיין שטיקל ברויט, ביז ער וועט אויסגיין פון הונגער. און לוט האט געהאט א פארהייראטע טאכטער מיט דעם נאמען פלטית. לוט האט איר א נאמען געגעבן פלטית, ווייל דער אלמעכ־טיקער האט מציל געווען (פלט) אים און זיין הויז־געזינד פון די מלכים פון עילם. ווען פלטית האט דערזען, ווי דער ארעמאן ליגט א פאר'חלש'טער פון הונגער און קיינער גיט אים א שטיקל ברויט, האט זי געהאט שטארק רחמנות אויף אים, און האט אים געשפייזט אין געהיים. יעדער טאג ווען זי פלעגט גיין שעפן וואסער, פלעגט זי אריינלייגן ברויט אין קרוג אריין, פארבייגיין דעם ארעמאן און עס אים געבן.

האבן די איינוואוינער פון סדום און עמורה זיך געוואונדערט, און ניט פארשטאנען ווי אזוי א מענטש קען לעבן אזוי לאנג אהן עסן, און זיי האבן באשלאסן אז עמעצער גיט אים מסתמא עסן אין געהיים. און דריי מענטשן האבן זיך באהאלטן ניט ווייט פון דעם ארעמאן צו דערגיין ווער עס איז דער יעניקער וועלכער ברענגט אים עסן. פון באהעלטעניש האבן זיי דערזען ווי פלטית קומט צו אים מיט די קראמיסלעס, און נעמט ארויס ברויט פון קרוג אים צו געבן, האבן זיי זי געכאפט, זי געבראכט פאר די ריכטער און דערציילט. און אלע איינוואוינער פון סדום און עמורה האבן זיך פארזאמלט, אנגעלייגט א פייער אין מיטן גאס, זי אריינגעווארפן און פארברענט אויף אש.

און אין דער שטאט אדמה האט געטראפן אן ענלעכע פאסירונג. איינמאל איז אהין געקומען א פרעמדער. ער האט בעדארפט איבערנעכטיקן און האט גערעכנט צו פארן אהיים אינדערפרי. געוואוינט האט דארט א געוויסער גביר. דער פרעמדער איז געבליבן זיצן אויף דער גאס, גראד קעגנאיבער דעם גביר'ס הויז. דערזעענדיק דעם גביר'ס טאכטער, האט ער זי געבעטן א טרונק וואסער.

„ווער ביזטו?" פרעגט אים דאס מיידל, און ער ענטפערט

איר: „איך בין היינט געקומען אַהער, און אַזוי ווי עס איז געוואָרן נאַכט, האָב איך באַשלאָסן איבערצונעכטיקן, און אַוועקפּאָרן אינדערפרי". איז דאָס מיידל אַריינגעגאַנגען אין הויז און האָט אַרויסגעבראַכט אים ברויט און וואַסער. איז ווי נאָר די איינוואוינער פון אדמה זיינען דערפון געוואָר געוואָרן, האָבן זיי געבראַכט דאָס מיידל פאַר די ריכטער, און זיי האָבן זי פאַראורטיילט צו טויט שטראָף.

האָבן אַלע איינוואוינער זיך פאַרזאַמלט און אויסגעשמירט דאָס מיידל פון קאָפּ ביז די פיס מיט האָניק, און זי אַוועקגעשטעלט נעבן אַ בינשטאָק, און די בינען האָבן געלאָזט זייערע גיפטן אין איר. דאָס מיידל האָט געהאַלטן אין איין שרייען, אָבער קיין מענטש האָט אויף איר געהאַט רחמנות. אָבער איר געשריי איז אַרויפגעגאַנגען אין הימל אַריין און האָט דערגרייכט דעם כסא הכבוד, דעם הימלישן טראָן.

האָט דאָס, און אויך זייערע אַלע אַנדערע שלעכטע מעשים, שטאַרק דערצערנט דעם הייליקן, ברוך הוא, און נאָכמער דערפאַר, ווייל זיי האָבן דאָך געהאַט גענוג צו עסן און צו טרינקען און אַלדאָס גוטס, און האָבן אפילו אַ שטיקל ברויט ניט געוואָלט געבען אַן אָרעמאַן, און ער האָט געזאָגט: „אפילו איך זאָל שוין וועלן שווייגן, לאָזט דאָך מיך דעם מיידלס אורטייל ניט שווייגן!" און ער האָט זיי דאָך געוואָרנט גאַנצע צוויי און פופציק יאָר זיי זאָלן טאָן תשובה.

אברהם אַפּעלירט פאַר סדום, עמורה . . .

אָבער אַזוי ווי דער באַרעמהערציקער וויל דאָך קיינעם געפינען שולדיק, איז וואָס זשע טוט ער? ווייבאַלד די מענטשן זינדיקן און ער ווערט אין כעס, נישטערט ער און זוכט אַ פאַרטיידיקער וועלכער זאָל געפינען אויף זיי אַ זכות. אַזוי אויך מיט די סדומים. איז דער אויבערשטער געגאַנגען און האָט עס דערציילט אברהם'ן, און דעם גזר דין האָט ער נאָך ניט גע'חתמ'עט. וואָרום ער האָט זיך געטראַכט: איך האָב דאָך געגעבן אברהם'ן דאָס גאַנצע לאַנד אויף אייביק, און ער איז דאָך אַ פאָטער צו זיי אַלע. וואָלט ניט געפּאַסט פאַר מיר, איך זאָל פאַרניכטן די קינדער און ניט לאָזן וויסן זייער פאָטער. אַלץ האָב איך אים מודיע געווען. איך האָב אים אַנטפּלעקט מתן תורה, איך האָב אים אַנטפּלעקט גיהנום. און אָט אָט קומט פאַר סדום'ס אורטייל, און איך וועל אים ניט דערציילן! און אַ חוץ דעם, אברהם האָט דאָך מהרהר געווען פאַרוואָס דער אַלמעכטיקער האָט אומגעבראַכט דעם

דור המבול, און ער האט גע׳טענה׳ט אז עס איז ניט מעגלעך עס זאלען ניט האבן דאן געווען צוואנציק אדער צען צדיקים, וועמענס זכות עס האט געקאנט אפהאלטן דעם מבול. האט דערפאר דער אויבערשטער זיך געטראכט: איך וועל אים מודיע זיין, זאל ער שפעטער ניט האבן טענות, אז אפשר זיינען אין סדום געווען צדיקים.

און דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם׳ן: „איך וועל אראפנידערן און זען. אויב די איינוואוינער פון סדום האבן געטאן ווי עס איז דאס געשריי פון דעם מיידל, קומט זיי פארלענדונג, און איך וועל איבערקערן די שטאט מיט דעם פונדא־מענט ארויף און מיטן פנים אראפ. און אויב זיי וועלן תשובה טאן, וועלן זיי זיין גערעכטע״.

דערוויל זיינען די מלאכים, וועלכע האבן אויסגעזען ווי מענטשן, אוועקגעגאנגען פון דעם ארט ביז וואנען אברהם האט זיי באגלייט, און זיי האבן זיך געלאזט קיין סדום זי צו פארניכטן.

און אזוי ווי די שכינה האט געווארט אויף אברהם׳ן, האט ער אנגעהויבן צו בעטן פאר לוט׳ן, און באלד האט ער אנגעהויבן פארטיידיקן סדום און עמורה. ער האט זיך צוגעגרייט אויסצונוצן אלע מיטלען: צו ריידן שטרענג, צו בעטן און מתפלל זיין. און ער האט גע׳טענה׳ט:

„דעם צארן וואס דו ברענגסט אויף דער וועלט ווילסטו מיט אים אומברענגען סיי די צדיקים און סיי די רשעים! ניט גענוג וואס דו לאזט ניט לעבן די רשעים צוליב די צדיקים, נאר דו ווילסט נאך אומברענגען די צדיקים מיט די רשעים! אפשר געפינען זיך אין שטאט פופציק צדיקים וועלכע וועלן בעטן פאר דיר, צען פאר יעדער שטאט, נעמלעך, פאר די שטעט סדום, עמורה, אדמה, צבויים און צוער, וועט דיך דאך דיין כעס אנריידן, און דו וועסט זיי ניט פארגעבן אין דעם זכות פון די פופציק צדיקים וועלכע געפינען זיך דארט? א בשר ודם, א מענטש פון בלוט און פלייש, געוועלטיקט דער כעס איבער אים, ביזטו אפשר אויך אזוי! דו ווילסט אומברענגען דעם צדיק צוזאמען מיט דעם רשע! פונקט ווי דו משפט׳סט דעם רשע, אזוי ווילסטו אויך משפט׳ן דעם צדיק!

„דו וואס ביזט הייליק און דיינע מעשים זיינען הייליק, פאר דיר איז א חילול צו טאן אזא זאך, אדער אן ענלעכע זאך, און אפילו א זאך וואס איז מינדערוויכטיקער דערפון! מען וועט דאך זאגן ׳אט דאס איז שוין אזוי זיין ארבעט, ער פארפלייצט די צדיקים און די רשעים׳. אזוי האסטו געטאן דעם דור המבול און דעם דור הפלגה! דאס איז אבער ניט דיין וועג. אין פאל פון

אַ מלך פון בלוט און פלייש איז זיך דאָ צו ווענדן. געפעלט ניט דער אורטייל גייט מען פון איין געריכט צום אַנדערן, פון דעם קלענערן ריכטער צום גרעסערן. און דו, דערפאַר ווייל עס איז ניטאָ אַ העכערער ריכטער פון דיר, זאָלסטו ניט טאָן גערעכטיקייט!

„ווען דו האָסט געוואָלט משפּט'ן דיין וועלט, האָסטו זי איבערגעגעבן אין די הענט פון רומוס און רומילוס. אויב איינער פון זיי וועט וועלן עפּעס טאָן זאָל דער צווייטער אים צוריק־האַלטן. און אין דיין פאַל, נאָר דערפאַר ווייל עס איז ניטאָ ווער עס זאָל דיך צוריקהאַלטן, זאָלסטו ניט טאָן גערעכטיקייט! דו האָסט דאָך געשוואָרן אַז דו וועסט ניט ברענגען מער אויף דער וועלט אַ מבול, איז ווילסטו מיט דריידלעך זיך אויסדרייען פון דיין שבועה. דו וועסט, הייסט עס, טאַקע ניט ברענגען אַ מבול פון וואַסער, אָבער אַ מבול פון פייער וועסטו יאָ ברענגען. האָסטו אַלץ נאָך ניט מקיים געווען דיין שבועה!

„אויב דו ווילסט די וועלט, זאָלסטו זי ניט משפּט'ן. אויב אָבער דו זוכסט גערעכטיקייט, וועט קיין וועלט זיין אַ וועלט. דו כאַפּסט אָן און האַלטסט דעם שטריק ביי ביידע עקן. דו ווילסט די וועלט און דו ווילסט גערעכטיקייט! קלייב אויס איינס, און אויב דו וועסט ניט מוותר זיין אַביסעלע, אויב דו וועסט אַביסעלע ניט פאַרקוקן, וועט די וועלט ניט האָבן אַ קיום".

און אברהם האָט פאַרגעזעצט זיין פאַרטיידיקונג, און ער האָט געזאָגט:

„האַר פון דער וועלט! איך זע ברוח הקודש אַז אַן איין און איינציקע פּרוי (סרה, די טאָכטער פון אשר) וועט אַמאָל אַפּראַטעווען אַ גאַנצע שטאָט. און איך בין ניט ווערט צו ראַטעווען אָט די דאָזיקע פינף שטעט! יואב, אָבי נאָר ער האָט אַוועק־גענומען די לעבעדיקע, האָט ער איבערגעלאָזט די גאַנצע שטאָט אין אָרדענונג. און דו, וואָס ביזט אַזאַ בעל הרחמים, וועסטו חלילה גאָר אַלץ פאַרניכטן!"

האָט דער הייליקער, ברוך הוא, זיך געטראַכט: נאָר אברהם'ן וועל איך פאַרשווייגן, דערפאַר ווייל ער האָט געשוויגן. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז פון יצחק'ן וועט ער האָבן קינדער, היים איך אים מקריב זיין זיין זון און ער שווייגט. וועל איך אויך שווייגן, כאָטש ער האָט גערעדט צו מיר גאַנץ שאַרפע רייד.

און ער האָט געזאָגט צו אברהם'ן:

„האָסט דאָך געזאָגט אַז מענטשן וועלן זאָגן אַז איך ברענג אום אַלע דורות, איז קום זשע און זע. איך וועל דורכפירן פאַר דיר אַלע דורות וועלכע איך האָב אומגעבראַכט, און איך וועל

דיר ווייזן, אז איך האָב דיך געזאָלבט איבער זיי מיט דעם בוימל פון פרייד. ווערסטו נאָך אויך דאַן האַלטן אַז איך האָב ניט געהאַנדלט ווי עס באַדאַרף צו זיין?! איז לערן מיך, און איך וועל פון היינט אָן און ווייטער אַזוי טאָן. אויב דו ווערסט מיר זאָגן אַז איך בין באַגאַנגען אָן אומגערעכטיקייט, וועל איך אַזוי מער ניט טאָן".

אָבער אברהם האָט אים געענטפערט: „חס ושלום! אומזיסט באַשטראָפסטו קיין באַשעפעניש!"

האָט דער הייליקער געזאָגט צו אברהם'ן: „דו האָסט ליב צו רעכטפערטיקן מיינע באַשעפענישן, דו ווילסט ניט באַשולדיקן. דערפאַר האָב איך דיך געזאָלבט איבער זיי, איבער דיינע חברים מיט דעם בוימל פון פרייד. פון נח'ן ביז דיר זיינען געווען צען דורות, און מיט קיין איינעם פון זיי האָב איך גערעדט, נאָר מיט דיר".

און דער אויבערשטער האָט ווייטער געזאָגט צו אים:

„אויב איך וועל געפינען אין סדום פופציק צדיקים וועלכע וועלן בעטן ביי מיר, וועל איך פאַרגעבן אַלע שטעט".

און אברהם האָט געענטפערט:

„וואָלט אמרפל געווען מיך גע'הרג'עט, וואָלט דען פון מיר ניט געווען געוואָרן ערד? ווען נמרוד וואָלט מיך געווען פאַרברענט, וואָלט דען פון מיר ניט געווען געוואָרן אַש? איז אויב פון די פופציק צדיקים פעלט פינף צדיקים ווערסטו דען צוליב פינף צדיקים ווייניקער פאַרניכטן די שטעט?! ווערסטו דען צוליב דעם וואָס צוער האָט פינף צדיקים ווייניקער פאַרניכטן אַלע שטעט?! עס וועט דאָך נאָך דעמאָלט אַלץ זיין נייען צדיקים פאַר יעדער שטאָט. און דו ביזט דאָך דער צדיק פון דער וועלט. איז באַהעפט דו זיך מיט זיי, וועט זיין פופציק צדיקים!"

זאָגט דער אויבערשטער: „אויב איך וועל געפינען דאָרט פינף און פערציק צדיקים, וועל איך ניט פאַרניכטן".

האָט אברהם פאַרגעזעצט צו בעטן, און ער האָט געזאָגט:

„אפשר וועלן זיך דאָרט געפינען פערציק צדיקים, צען פאַר יעדער פון די פיר שטעט. און די פינפטע שטאָט צוער, אַזוי ווי אירע זינד זיינען לייכטע, ווערסטו איר פאַרגעבן צוליב דיין רחמנות".

און דער באַרעמהערציקער ענטפערט אים: „אין זכות פון פערציק צדיקים וועל איך ניט פאַרלענדן".

אָבער אברהם האָט פאָרגעזעצט: „איך בעט דעם האַר פון דער גאַנצער וועלט עס זאָל אים ניט פאַרדריסן, וועל איך ריידן. אויב עס וועלן זיך דאָרט געפינען דרייסיק צדיקים, צען

פאַר יעדער פון די דריי שטעט. און צבוים און צוער פאַרגיב צוליב דיין באַרעמהערציקייט״.

און דער אויבערשטער ענטפערט: „אויב איך וועל דאָרט געפינען דרייסיק צדיקים וועל איך ניט פאַרלענדן״.

בעט אברהם ווייטער און זאָגט: „איך דערלויב זיך צו ריידן פאַר דעם האַר פון אַלע וועלטן. אפשר וועלן זיך דאָרט געפינען צוואַנציק צדיקים, צען פאַר יעדער פון די צוויי שטעט, און די איבעריקע דריי שטעט וועסטו פאַרגעבן צוליב דיין רחמנות״.

„אין דעם זכות פון צוואַנציק צדיקים וועל איך ניט פאַר־דאַרבן״, ענטפערט דער אַלמעכטיקער.

„איך בעט פאַר דיר״, טענה׳ט אברהם, „עס זאָל דיך ניט פאַרדריסן האַר פון דער וועלט, וועל איך ריידן בלויז נאָך איינמאָל. אפשר וועלן זיך דאָרט געפינען צען צדיקים, וועלן איך און זיי בעטן רחמים אויף יעדער שטאָט, און דו וועסט זיי פאַרגעבן״.

און דער באַרעמהערציקער ענטפערט: „אין דעם זכות פון צען צדיקים וועל איך ניט פאַרניכטן״.

און געבעטן האָט אברהם אויף צען, ווייל ער האָט געשטעלט אויף לוט׳ן, זיין ווייב, זיינע פיר טעכטער און פיר איידעמס. און אויף ווינציקער פון צען האָט ער ניט געבעטן, ווייל אויף נייען צוזאַמען מיטן אויבערשטן עס זאָל מאַכן צען, האָט ער דאָך שוין פריער געבעטן, און עס איז ניט געגאַנגען. און בנוגע אַכט צדיקים, זיינען דאָך ביי דעם דור המבול געווען אַכט, נעמלעך, נח, זיינע דריי זין און זייערע ווייבער, און די וועלט איז ניט געהאָלפן געוואָרן אין זייער זכות.

און דער ריכטער, אַזוי לאַנג ווי דער פאַרטיידיקער האָט פאַרטיידיקט, האָט ער געוואַרט. ווי נאָר, אָבער, דער פאַרטיידיקער איז שטיל געבליבן, האָט דער ריכטער זיך געוואָלט פון אים אָפּשיידן. ער האָט, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, גענומען רשות פון אברהם׳ן, און ער איז אַוועקגעגאַנגען. און ווי נאָר דער ריכטער איז אַוועק, איז דער פאַרטיידיקער אַוועק, און דער אָנקלעגער האָט אָנגעהויבן מקטרג זיין.

און באַלד נאָכדעם ווי זיי זיינען געפונען געוואָרן שולדיק, האָט דער הייליקער, געלויבט איז ער, געזאָגט צו די מלאכים: „גייט און פאַרדאַרבט!״ האָבן זיי זיך געלאָזט אויספירן דעם באַפעל פון זייער באַשעפער.

און דער האַר פון דער וועלט האָט געשיקט די צוויי מלאכים, וועלכע האָבן באַזוכט אברהם׳ן, קיין סדום און אין אַלע אירע שטעט, זיי צו פאַרדאַרבן. און די מלאכים, כאָטש זיי האָבן פאַרלאָזט אברהם׳ס הויז צוועלף אַזייגער בייטאָג, זיינען זיי דאָך

געקומען קיין סדום פארנאכט. דאס איז דערפאר ווייל זיי זיינען געווען מלאכים פון רחמים, האבן זיי געווארט און זיך געטראכט, אפשר וועט זיך פארט געפינען עפעס א זכות וואס וועט זיי ביישטיין. אבער ווען זיי האבן איינגעזען אז עס איז פארפאלן, האבן זיי זיך געלאזט קיין סדום אויפן באשעפערס באפעל. גבריאל איז געגאנגען איבערקערן סדום, און רפאל איז געגאנגען מציל זיין לוט׳ן.

די מלאכים ביי לוט׳ן

אין יענעם טאג איז לוט געזעסן ביי דעם טויער פון סדום. ווייל פונקט יענעם טאג האט מען אים באשטימט פאר הויפט־ריכטער. ווען לוט האט דערזען די שכינה, דאס הייסט די שכינה האט ער טאקע ניט געקענט זען, נאר ער האט דערזען ווי א בליאסקענדיק ליכט לייכט אויף זייערע קעפ, האט ער זיך אויפגעשטעלט זיי צו באגעגענען. ווארום אין אברהם׳ס הויז האט ער זיך אויסגעלערנט צו באהאנדלען פיין געסט. און דערפאר וואס לוט האט זיך באהעפט מיט אברהם׳ן, האט ער זיך אויס־געלערנט מכניס אורח צו זיין. ער האט זיך פארבוקט פאר זיי, און ער האט גערעכנט אז אזוי ווי עס איז נאכט, וועלן די איינוואוינער גארניט מערקן, און ער האט געזאגט: „איך בעט אייך זעהר מיינע הארן, פארקירעוועט אייער וועג צו מיין הויז, אבער גייט אויפן קרומען וועג, כדי מען זאל ניט באמערקן אז איר גייט צו מיר. נעכטיקט איבער די נאכט און וואשט אייערע פיס״.

איז עס דען אבער דער שטייגער פון מענטשן פריער איבערצונעכטיקן און ערשט דערנאך זיך צו וואשן. און ווידער, אברהם האט דאך געזאגט צו זיי פריער „וואשט זיך״. נאר לוט האט זיך אזוי געטראכט: ווען די איינוואוינער פון סדום וועלן קומען און זען אז זיי האבן זיך שוין געוואשן זייערע פיס, וועלן זיי אויסקלערן אויף מיר א בלבול און זאגן „די דאזיקע מענטשן געפינען זיך ביי דיר אין הויז שוין צוויי אדער דריי טעג, און דו האסט אונז גארניט מודיע געווען״. האט ער זיך געטראכט אז עס איז גלייכער, אז זיי זאלן האבן דעם שטויב אויף זייערע פיס, עס זאל אויסזען ווי זיי זיינען ערשט נאר וואס געקומען.

אבער די מלאכים האבן געענטפערט לוט׳ן: „ניין, מיר וועלן איבערנעכטיקן אויף דער גאס״. דאס איז געווען דערפאר וואס אלע פרעמדע פלעגן דארט נעכטיקן אויפן גאס, ווייל מען פלעגט זיי ארייינלאזן אין קיין שום הויז אריין. האט לוט זיי שטארק

געבעטן, האָבן זיי פאַרקירעוועט דעם וועג אין דער ריכטונג פון זיין הויז. אָבער ווען ער האָט זיי געוואָלט אריינגעמען אין הויז אריין, האָט זיין ווייב אים ניט געלאָזט. זי האָט צו אים געזאָגט: „אויב דו ווילסט זיי אריינגעמען, פיר זיי אריין אין דיין חלק".

וואָס זשע האָט לוט געטאָן? ער האָט זיי אריינגעפירט אונטער זיין באַליק. ער האָט געמאַכט פאַר זיי אַ סעודה, און געבאַקן מצות, וואָרום עס איז דאַך געווען פסח, און לוט'ן האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זיי עסן. און לוט'ס ווייב איז אומישנע ארומגעלאָפן צו די שכנים און געזאָגט: „לייט מיר אַביסל זאַלץ, מיר האָבן געסט". און איר כוונה איז געווען אַז מען זאָל דערפון געוואָר ווערן אין שטאָט. דערווייל האָט אַ אינגל פון סדום זיי באַמערקט, איז ער געגאַנגען און האָט פאַרשפרייט די נייעס.

האָבן די מלאכים אים געפרעגט: „וואָס פאַר אַ סאָרט מענטשן זיינען די היגע איינוואוינער?" און לוט האָט זיי געענטפערט: „אומעטום זיינען פאַראַן אַלערליי מענטשן, גוטע און שלעכטע, אָבער דאָ זיינען אַלע שלעכטע". און לוט האָט זיי געפרעגט: „נאָך וואָס אייגענטלעך זייט איר געקומען אַהער?" האָבן זיי אים דערציילט אַז זיי זיינען פאַרניכטער. זיי האָבן אים נעמלעך דערציילט זייער סוד.

האָט לוט אָנגעהויבן בעטן רחמים, און זיי האָבן זיך צוגעהערט. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געבעטן. אָבער בעת זיי האָבן געהאַלטן אין ריידן, האָבן אַלע איינוואוינער פון סדום, אַלט און יונג, זיך פאַרזאַמלט אַרום לוט'ס הויז, און עס האָט זיך ניט געפונען אפילו איינער וועלכער זאָל זיי צוריקהאַלטן, און זיי האָבן געשריען צו לוט'ן: „וואו זיינען די לייט וועלכע זיינען היינט ביינאַכט געקומען צו דיר? ברענג זיי אַרויס צו אונז וועלן מיר פאַרקערן מיט זיי". וואָרום די מענטשן פון סדום זיינען געווען זעהר אויסגעלאַסן, גרויסע נואפים, משכב זכר'ניקעס (האָמאָ־סעקסואַ־ליסטן), און האָבן פאַרקערט אפילו מיט בהמות.

וואָס זשע האָט לוט געטאָן? פונקט ווי משה רבינו האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר דעם פאָלק ישראל, אַזוי האָט ער זיך מוסר נפש געווען פאַר די מלאכים. ער איז אַרויסגעגאַנגען צו זיי, און די טיר האָט דערווייל זיך פאַרמאַכט פון זיך אַליין. און ער האָט געזאָגט צו זיי: „איך בעט אייך, ברידער, טוט די מענטשן קיין שלעכטס! איך האָב צוויי טעכטער, וועלכע האָבן נאָך ניט געוואוינט מיט אַ מאַן. איך וועל זיי אַרויסברענגען צו אייך און טוט מיט זיי וואָס איר ווילט, אָבי נאָר איר זאָלט די פרעמדע מענטשן ניט טאָן הארבע זאַכן. טוט מיר, פאַר מיין

כבוד וועגן, די דאָזיקע טובה, וואָרום די מענטשן געפינען זיך אונטער מיין דאַך!"

האָבן זיי געענטפערט: „גיי ווייטער! דו אַליין ביזט אַ פרעמדער צווישן אונז! דו ביזט געקומען וואוינען צווישן אונז, און דו הויבסט גאָר אָן צו זאָגן אונז מוסר! דו פאַרשוועכסט דאָך אונזער געזעץ וואָס לויטעט, אַז יעדער פרעמדער וואָס קומט צו אונז, דאַרף מען ביי אים אַלץ אַוועקנעמען". און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו צעברעכן די טיר.

און די מלאכים האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט, אַריינ־גענומען לוט'ן אין הויז אַריין, און די טיר האָבן זיי פאַרשלאָסן. און זיי האָבן געזאָגט צו לוט'ן: „ביז איצט האָסטו געהאַט דאָס רעכט זיי צו פאַרטיידיקן. אָבער פון איצט אָן און ווייטער, האָסטו קיין רעכט זיי צו פאַרטיידיקן".

און די איינוואוינער פון סדום זיינען געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט, ביז עס איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגן שטערן, און זיי האָבן ניט געקענט מער געפינען די טיר. און די מלאכים האָבן געפרעגט לוט'ן: „וועמען נאָך האָסטו דאָ אין שטאָט אויסער דיין ווייב און דיינע טעכטער וועלכע געפינען זיך אין הויז? אויב דו האָסט אָן איידעמס, אַ זון און נאָך טעכטער, נעם זיי אַרויס, ווייל מיר פאַרניכטן דאָס דאָזיקע אָרט. זייער געשריי איז גרויס פאַר דעם אויבערשטן, האָט ער אונז געשיקט צו פאַרניכטן דאָס דאָזיקע אָרט".

און דערפאַר וואָס די מלאכים האָבן דערציילט לוט'ן דעם אויבערשטנס סוד, אַז זיי זיינען געקומען פאַרניכטן די שטאָט, און דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך געגרויסט און געזאָגט „מיר פאַר־דאַרבן", זיינען זיי אָפּגעשטופּט געוואָרן פון זייער מחיצה הונדערט און אַכט און דרייסיק יאָר.

איז לוט געגאַנגען און ער האָט געזאָגט צו זיינע איידעמס און צו זיינע צוקונפטיקע איידעמס: „קומט לאָמיר אַוועקגיין פון דעם דאָזיקן אָרט, וואָרום דער אַלמעכטיקער פאַרניכטעט די דאָזיקע שטאָט". האָבן זיי געמיינט אַז ער וויצלט זיך. און די איידעמס האָבן צו אים געזאָגט: „די גאַנצע שטאָט איז פול מיט פרייד און געלעכטער, אַלע זיצן זיך רואיק און פרייען זיך, קומסטו צו גיין און דערציילסט אַ מעשה, אַז די מדינה קערט זיך איבער! נאָר איינער וואָס דו ביזט, פידלען, האַרפן, קאַרנעטן שפּילן אין שטאָט, און דו זאָגסט אַז סדום קערט זיך איבער!"

די מלאָכים ראַטעווען לוט׳ן מיט זיין פאַמיליע

און ווי נאָר עס איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן, האָבן די מלאכים געאיילט צו לוט׳ן און געזאָגט צו אים: „שטיי אויף, נעם דיין ווייב און דיינע צוויי טעכטער וועלכע זיינען דיר אָנגעגרייט אין הויז דו זאָלסט זיי ראַטעווען. וואָרום דו קענסט נאָך אומקומען דורך די זינד פון די איינוואוינער פון דער שטאָט", כאָטש אויך לוט האָט פאַרדינט פאַרברענט צו ווערן צוזאַמען מיט זיי, ווען ניט אברהם׳ס זכות.

האָט, אָבער, לוט זיך ניט זעהר געאיילט. ער האָט זיך אַ ביסל פאַרזאַמט, כדי ער זאָל קענען ראַטעווען זיין פאַרמעגן. האָבן די מלאכים אים געגעבן אָנעם ביי דער האַנט, און די צוויי טעכטער ביי זייערע הענט — פונקט ווי ער האָט אָנגענומען זיי ביי די הענט קעגן זייער ווילן, און זיי אַריינגענומען צו זיך אין הויז — און זיי האָבן זיי אַרויסגעפירט אויסערהאַלב דער שטאָט.

און איין מלאך האָט זיך צוריקגעקערט קיין סדום זי צו פאַרניכטן, און דער אַנדערער איז געבליבן מיט לוט׳ן, און ער האָט צו אים געזאָגט: „זיי צופרידן וואָס דו ביזט מציל מענטשן, זאָרג זיך ניט וועגן געלט. דו האָסט געזינדיקט גלייך מיט זיי, און אין זכות פון אברהם׳ן ווערסטו ניצול. דו ביזט ניט ווערט צו זען דאָס אומגליק, און דו זאָלסט ניצול ווערן. בלייב ניט שטייען אין דעם גאַנצן פלאַץ פון דעם ירדן. אַנטלויף צו אברהם׳ן וועלכער וואוינט אויף דעם באַרג. דו ווערסט ניצול אין דעם זכות פון אָט דעם גרויסן באַרג אברהם. אַנטלויף זשע צו אים. און קוק זיך ניט אום, וואָרום דעם הייליקנס שכינה האָט אַראָפּ-געניִדערט צו רעגענען אויף סדום און אויף עמורה שוועבל און פייער".

האָט זיך לוט אָנגערופן: „הייסט מיר ניט אַנטלויפן צום באַרג. וואָרום איידער איך בין געגאַנגען צו אברהם׳ן האָט דער הייליקער געזען מיינע מעשים און די מעשים פון מיינע לאַנדסלייט, בין איך געווען דער צדיק צווישן זיי. איצט, אַז איך גיי צו אברהם׳ן און זיינע מעשים טובים זיינען דאָך מער פון מיינע, וועל איך דאָך זיין ווי אַ רשע. אָט האָסטו דאָרט די שטאָט צוער, נאָך אַ גאַנץ נייע שטאָט. אירע זינד זיינען נאָך ווייניק. איר מעסטל איז נאָך ניט פול. איז אָט די שטאָט קענסטו דאָך איבער-לאָזן, וועל איך דאָרט לעבן".

און דער מלאך ענטפערט אים: „ניט גענוג פאַר דיר וואָס דו ווערסט געראַטעוועט, נאָר דו ווילסט נאָך אַז די גאַנצע שטאָט

זאָל איך ראַטעווען צוליב דיר ! שנעל, אַנטלויף גיך אַהין, וואָרום איידער דו קומסט אַהין קען איך גאָרניט טאָן". און דער מלאך האָט פאַר זיי קירצער געמאַכט דעם וועג, וואָרום סדום האָט זיך געפונען אין אַ טאָל. די זון האָט אָנגעהויבן אויפגיין, און נייען אַזייגער איז לוט אָנגעקומען קיין צוער.

די פאַרניכטונג פון סדום און די אַנדערע שטעט

דעכצן טעג אין חודש ניסן ווען דער מאָרגנשטערן גייט אויף, אין דער צייט ווען די זון און די לבנה שטייען ביידע אין הימל, האָט דער אויבערשטער זיך אין זיי נוקם געווען. און אויסגעקליבן האָט ער די צייט, ווייל אַזוי ווי אַ טייל סדומים פלעגן דינען די זון און אַ טייל פון זיי פלעגן דינען די לבנה, האָט דער הייליקער, געלויבט איז ער, זיך געטראַכט, אויב איך וועל זיי באַשטראָפן בייטאָג, וועלן די זאָגן ווען די לבנה וואָלט געווען זיין, וואָלט זי דאָך אונז געווען באַשיצט; אויב, ווידער, איך וועל זיי באַשטראָפן ביינאַכט וועלן די אַנדערע זאָגן, ווען די זון וואָלט געווען זיין, וואָלט זי דאָך געווען אונז באַשיצט. האָט ער זיך נוקם געווען אין אַ צייט ווען ביידע, סיי די זון און סיי די לבנה זיינען אין הימל.

און דער אַלמעכטיקער האָט געמאַכט אַראָפּנידערן אויף סדום און עמורה אַ רעגן פון ברכה, אפשר וועלן זיי פאָרט תשובה טאָן. אָבער זיי האָבן ניט געטאָן תשובה. זיי האָבן גאָר געזאָגט, אַז פאַרן אויבערשטן איז ניט אַנטפּלעקט זייערע שלעכטע מעשים. האָט גבריאל, דער אויפזעער איבער פייער, געמאַכט רעגענען אויף סדום און עמורה שוועבל און פייער, דערפאַר ווייל זיי זיינען געווען זעהר פאַרשאַרט אין זנות. וואָרום אַלצדינג פאַרקוקט דער הייליקער, אָבער פאַר זנות באַשטראָפט ער שווער. און גע'משפט זיינען זיי געוואָרן מיט פייער, וואָס איז די האַרבסטע פון די פיר טויט שטראָפן וועלכע מען האָט איבערגעגעבן דעם בית דין.

די פינף שטעט האָבן זיך געפונען אויף אַ פעלז. האָט דער מלאך אויסגעשטרעקט זיין האַנט און האָט פיר פון זיי איבער־געקערט מיטן אויבן אַראָפּ. און צוועלף טויזנט מלאכי חבלה האָבן אַראָפּגענידערט אונטער דער פירערשאַפט פון דעם מלאך קמואל, און זיי האָבן חרוב געמאַכט סדום אין איין אויגנבליק. אַפילו די רעגנס זיינען געשלאָגן געוואָרן. און נאָך ביז היינט צו טאָג ווען

עמיצער זאָל נעמען אַ ביסל רעגן פון דעם אויר פון סדום און באַשפּריצן דערמיט אַ גאָרטן, וועט ניט וואַקסן.

דערווייל, אַנטלויפנדיק פון סדום האָט עדית, לוט׳ס ווייב, זיך שטאַרק געזאָרגט וועגן אירע טעכטער וועלכע זיינען איבער־געבליבן אין סדום, ווייל זיי זיינען ניט מיטגעגאַנגען מיט איר. האָט זי געכאַפּט אַ בליק פון אונטער דעם מלאך צו זען צי אירע טעכטער גייען נאָך איר. זי האָט דערזען אונטער זיך די שכינה און פון איר איז געוואָרן אַ זייל זאַלץ, דערפאַר ווייל זי האָט געזינדיקט דורך זאַלץ, ווען זי האָט באַקאַנט געמאַכט, אַז ביי איר אין הויז געפינען זיך פרעמדע. און דער זייל זאַלץ שטייט נאָך דאָרט ביז היינט צו טאָג. די אָקסן וועלכע גייען דאָרט פאַרביי אַלע טאָג, לעקן ביז די פינגער פון די פיס, און אינדערפרי שפּראָצט ווידער צוריק וואָס זיי האָבן אָפּגעלעקט, און ער וועט אַזוי שטייען ביז תחיית המתים.

און אין דער צייט ווען דער אַלמעכטיקער האָט פאַרניכטעט יענע שטעט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ווען אברהם האָט געזאָגט אויף זיין ווייב שרה „זי איז מיין שוועסטער”, האָט לוט געוואוסט, און ער האָט געשוויגן, און ער האָט ניט דערציילט, ווייל ער האָט רחמנות געהאַט אויף אברהם׳ן. האָט דערפאַר דער הייליקער, געלויבט איז ער, רחמנות געהאַט אויף אים, און ער האָט אים אַרויסגעשיקט פון דער איבערקערעניש. און לוט מיט זיינע צוויי טעכטער זיינען אַנטלאָפן אין דער הייל עדולם.

זייענדיק אין דער הייל, האָבן לוט׳ס טעכטער געמיינט אַז די וועלט איז חרוב געוואָרן ווי דער דור המבול. האָט די עלטערע טאָכטער געזאָגט צו דער אינגערער: „אונזער פאָטער איז אַלט, און אין לאַנד איז ניטאָ אַ מאַן וועלכער זאָל מיט אונז וואוינען ווי דער שטייגער איז, לאָמיר זשע אָנ׳שיכור׳ן דעם טאַטן און שלאָפן מיט אים און האָבן קינדער פון אים”. און דער אויבערשטער האָט אָנגעגרייט דאָרטן וויין פאַר זיי, כדי צוויי פעלקער זאָלן אַרויסקומען פון זיי. און אינעם זכות פון אברהם׳ן זיינען זייביידע שוואַנגער געוואָרן פון זייער פאָטער און זיי האָבן געבוירן אינגלעך. די עלטערע האָט גערופן איר זון מואב, און די אינגערע האָט גערופן איר זון בן־עמי. און בעת לוט האָט פשוט געזינדיקט, האָבן אָבער די טעכטער דאָס געטאָן לשם מצוה.

אבימלך נעמט אַוועק שרה׳ן פון אברהם׳ן

און ווען אברהם איז געגאַנגען גאַנץ פרי צום אָרט וואָס ער האָט באַשטימט פאַר תפילה טאָן דאָרט צום באַשעפער, וואָרום אברהם האָט שטענדיק געהאַט אַ באַשטימט אָרט צום דאַוונען, און ער האָט דערזען ווי די שטעט זיינען חרוב, און רייזנדע זעט מען ניט, האָט ער זיך אַ טראַכט געטאָן „וואָס, צדקה וועט אויפהערן פון מיין הויז!"

און ער האָט זיך טאַקע אויך געוואָלט דערווייטערן פון לוט׳ן, וואָרום עס איז אַרויס וועגן אים אַ „שם רע", אַז ער האָט געוואוינט מיט זיינע אייגענע טעכטער. איז אברהם אַוועקגעצויגן פון דאָרט, און נאָך פינף און צוואַנציק יאָר זיצנדיק אין דעם לאַנד כנען, זייענדיק אַ מאַן פון הונדערט יאָר, איז ער אַנגעקומען אין דעם לאַנד פלשתים, און ער האָט אויפגעשטעלט זיין געצעלט אין גרר.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין לאַנד אריין, האָט אברהם געזאָגט צו שרה׳ן קעגן איר ווילן: „דו זאָלסט זאָגן יעדן איינעם, וועלכער וועט דיך פרעגן וועגן מיר, אַז דו ביזט מיין שוועסטער, כדי מיר זאָלן זיך איינשפּאָרן אַ שלעכטע באַהאַנדלונג מצד די איינוואוי-נער פון דעם לאַנד". און ווי קומט עס טאַקע וואָס נאָכדעם ווי אברהם איז איין מאָל ניצול געוואָרן, און איז אַרויס פון מצרים, זאָל ער אַליין נאָכאַמאָל נעמען אויף זיך צרות ווי פריער און איר הייסן זאָגן אַז זי איז זיין שוועסטער! נאָר אברהם האָט זיך ניט פאַרלאָזט אויף אַ זכות. ער האָט געזען אַז די שכינה איז שטענדיק אין שרה׳ס וואוינונג, און זי טרעט גאָר ניט אָפּ פון דאָרט, האָט ער זיך פאַרלאָזט דאַרויף.

און ווי נאָר אברהם האָט זיך באַזעצט אין דעם לאַנד פלשתים, און די קנעכט פון אבימלך׳ן, דעם קעניג פון פלשתים, האָבן דערזען שרה׳ן, און אַז זי איז אַן אויסערגעוויינלעכע שיינהייט, האָבן זיי געפרעגט אברהם׳ן וועגן איר, און ער האָט געענטפערט „זי איז מיין שוועסטער". זיינען דעם קעניגס קנעכט אַוועק צום קעניג, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: „אַ מאַן פון דעם לאַנד כנען איז געקומען אַהער אין לאַנד וואוינען, און ער האָט אַ זעהר שיינע שוועסטער".

ווען דער רשע אבימלך האָט דערהערט די רייד פון זיינע קנעכט, ווי זיי האָבן געלויבט שרה׳ס שיינקייט, האָט ער באַלד געשיקט זיינע האַרן מען זאָל זי ברענגען צו אים. וואָרום אַלע

זיינע פרויען זיינען געווען עקרות, האָט ער פשוט גערעכנט צו האָבן קינדער פון איר.

דערזעענדיק ווי שיין שרה איז, איז זי אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער איז צוגענענטערט צו איר און געזאָגט: „וואָס געהערט דיר אָן דער מאַן מיט וועלכן דו ביזט געקומען אין אונזער לאַנד?" און שרה האָט געענטפערט: „ער איז מיין ברודער, און מיר זיינען געקומען פון דעם לאַנד כנען וואוינען וואו עס וועט זיך לאָזן". „מיין לאַנד איז פאַר דיר", האָט אבימלך געזאָגט, „דיין ברודער קען זיך באַזעצן וואו נאָר דו ווילסט אַליין, און מיר דאַרפן אים מאַכן זעהר גרויס איבער דעם גאַנצן לאַנד, וואָרום ער איז דאָך עפּעס דיין ברודער!"

און אבימלך האָט געשיקט נאָך אברהם'ן, און ער האָט צו אים געזאָגט: „איך האָב אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל דיר אָפּגעבן גרויס כבוד, ווי נאָר דו ווילסט אַליין, צוליב דיין שוועסטער שרה".

דערווייל איז געוואָרן נאַכט, און דער מלך, זיצנדיק אויף דעם טראָן, איז ער אַזוי איינגעדרעמלט און פעסט איינגעשלאָפן. און עס האָט זיך אים גע'חלומ'ט ווי אַ געטלעכער מלאך איז געקומען צו אים, מיט אַן אַרויסגעצויגענער שווערד אין דער האַנט, און ער האָט געוואָלט אים טויטן. האָט אבימלך אָנגעהויבן שטאַרק צו ציטערן אין חלום, און ער האָט געזאָגט צום מלאך: „מיט וואָס האָב איך אַזעלכעס געזינדיקט, וואָס דו ביזט געקומען מיך טויטן מיט דיין שווערד?"

האָט דער מלאך געענטפערט: „דו וועסט שטאַרבן דורך דער דאָזיקער פרוי, וועלכע דו האָסט געבראַכט צו דיר אין הויז אַריין! וואָרום זי איז אַ פאַרהייראַטע פרוי, אברהם'ס ווייב, דער אברהם וועלכער איז געווען ביי דיר. אַלזאָ קער אום די פרוי פון יענעם מאַן, וואָרום זי איז זיין ווייב, און אויב דו ווילסט זי ניט אומקערן, זאָלסטו וויסן, אַז דו און אַלע דייניקע וועלן שטאַרבן אַ זיכערן טויט".

און אין יענער נאַכט זיינען די געוואַלדן געווען שטאַרק גרויס אין דעם לאַנד פון די פלשתים. און אַלע איינוואוינער פון דעם לאַנד האָבן געזען דאָס געשטאַלט פון אַ מענטשן מיט אַ שאַרפער שווערד אין האַנט און ער שלאָגט אַלע איינוואוינער. אַזוי האָט דער מלאך געשלאָגן אַ גאַנצע נאַכט דאָס גאַנצע לאַנד פלשתים, און דער ליאַרעם איז געווען שרעקלעך גרויס.

אינדערפרי האָט אבימלך אין גרויס ציטערניש און אין בהלה'דיקער שרעק באַלד געשיקט רופן אַלע זיינע קנעכט, און ער האָט זיי דערציילט זיין חלום. האָבן זיינע קנעכט זעהר שטאַרק

מורא געהאט. ווארום זיי האבן געזען דעם רויך פון סדום, וואס איז ארויפגעגאנגען ווי פון א קאלך-אויוון, האבן זיי זיך געטראכט, אפשר זיינען די מלאכים וועלכע זיינען געשיקט געווארן קיין סדום געקומען צו זיי.

האט זיך אנגערופן איינער פון דעם קעניגס קנעכט, און ער האט צו אים געזאגט:

„אדוני קעניג, איך ראט דיך דו זאלסט אומקערן די דאזיקע פרוי צו איר מאן, ווארום ער איז איר מאן. דאס זעלביקע האט אויך געטראפן מיט פרעה'ן, דעם קעניג פון מצרים, ווען דער דאזיקער מאן איז געקומען קיין מצרים און האט געזאגט אויף זיין ווייב 'זי איז מיין שוועסטער'. אזוי איז זיין שטייגער צו טאן ווען ער קומט אין א לאנד אריין דארט צו וואוינען. ווען ער איז געקומען קיין מצרים האט פרעה געשיקט און גענומען די דאזיקע פרוי צו זיך פאר א ווייב, האט דער אויבערשטער אנגעשיקט אויף אים שרעקלעכע מכות. ביז מען האט אומגעקערט די פרוי צו איר מאן. און איצט, אדוני קעניג, דו ווייסט דאך וואס עס האט נעכטן געטראפן דעם גאנצן לאנד. עס איז געווען א גרויסע מהומה, גרויסע שמערצן און געשרייען, ווייסן מיר אז דאס איז נאר דורך דער פרוי וועלכע דו האסט געבראכט צו דיר. איז פאלג זשע מיך און קער אום די דאזיקע פרוי צוריק צו איר מאן, עס זאל ניט טרעפן אונז, ווי עס האט געטראפן פרעה'ן דעם קעניג פון מצרים און זיינע קנעכט, און מיר זאלן ניט שטארבן".

ווארום אזוי ווי אבימלך האט גענומען שרה'ן צו זיך, האט דער אלמעכטיקער פארשטאפט אבימלך'ס אלע קוואלן און די קוואלן פון אלע זייניקע, סיי פון די דערוואקסענע און סיי פון די קליינע, סיי פון מענער און סיי פון פרויען, און אויך די קוואלן פון זיינע קנעכט האט ער פארשטאפט. זיי האבן ניט געקענט שפייען, רייניקן די נאז, לאזן א טרער. זיי זיינען אלע געווען פארשטאפט. אפילו די הינער האבן ניט געלייגט אייער. און אלץ נאר צוליב שרה'ן.

אזוי, למשל, ווי באלד איינער האט באגעגנט אינדערפרי א מענטשן, זאגט ער צו אים: „דו ווייסט גארניט וואס עס האט מיט מיר געטראפן היינט ביינאכט", און ער דערציילט אים. ענטפערט אים דער צווייטער: „מיט מיר האט אויך געטראפן פונקט דאס זעלבע!" אוןביידע שמועסן אזוי און ענדיקן: „אוי! נאך איין נאכט אזוי און מיר וועלן פשוט אומקומען!"

דערווייל האט דער מלאך מיכאל ארפגענידערט מיט א שארפער שווערד אים צו טויטן. האט אבימלך אנגעהויבן זאגן:

„האַר פון דער וועלט! פאַר דיר זיינען דאָך אַנטפּלעקט אַלע אָפענע און פאַרבאָרגענע זאַכן. איך האָב אין איר ניט דערקענט, אַז דו ווילסט מיך טויטן. כאָטש איך בין אַ גוי, בין איך פונדעסטוועגן אַ ירא שמים. אויב דו הרג'עסט אַ גוי, זאָלסטו אויך הרג'ענען אַ צדיק! אויב דו הרג'עסט אבימלך'ן, הרג'ע זשע אויך אברהם'ן. איך האָב אים געפרעגט 'ווער איז זי? דיין ווייב?' האָט ער געענטפערט 'זי איז מיין שוועסטער'. בין איך געגאַנגען און איך האָב זי געפרעגט 'ביזטו זיין ווייב?' האָט זי געענטפערט 'ניין, איך בין זיין שוועסטער'. האָב איך זיך נאָך אַלץ ניט צופרידנגעשטעלט און איך האָב געפרעגט זיינע מענטשן, האָבן זיי געזאָגט 'זי איז זיין שוועסטער'. נו, איצט אַז זיי האָבן ביידע געזאָגט אַז זיי זיינען שוועסטער און ברודער, האָב איך דאָך מיט אומשולדיקע הענט און מיט אַ גאַנץ האַרץ דאָס געטאָן! איז דאָס גערעכטיקייט אַז דו זאָלסט מיך הרג'ענען פאַר אַ זאַך פאַר וועלכער איך בין ניט שולדיק!”

האָט דער הייליקער, געלויבט איז ער, צו אים געזאָגט: „אויך איך ווייס, אַז מיט דער ערלעכקייט פון דיין האַרץ האָסטו דאָס געטאָן. און אויך איך האָב דיך ניט געלאָזט זי אָנרירן. אָבער איצט, קער אום די פרוי פון דעם מאַן, וואָרום ער איז אַ נביא. ער וועט בעטן פאַר דיר און דו וועסט בלייבן לעבן. בעט אים ער זאָל דיר מוחל זיין, כדי דו זאָלסט בלייבן לעבן. און אויב ניט, זיי וויסן אַז דו וועסט זיכער שטאַרבן”.

האָט אבימלך זיך זעהר געאיילט און גערופן שרה'ן צו זיך. ער האָט אויך באַלד געשיקט נאָך אברהם'ן, און ער האָט צו זיי געזאָגט:

„וואָס פאַר אַ שטיקל האָט איר עם מיר אָפּגעטאָן! מיט וואָס האָב איך זיך קעגן אייך פאַרזינדיקט, וואָס איר האָט געבראַכט אויף מיר און אויף מיין לאַנד אַזאַ גרויסע זינד? מכות מיט וועלכע קיין שום באַשעפעניש איז געשלאָגן געוואָרן זיינען געקומען אויף אונז, דורך אייך! די קישקעס, די אויערן, די נעז, און אַלע אַנדערע קוואַלן פון קליין און גרויס זיינען פאַרשטאָפּט! מיט וואָס בין איך שולדיק? איר האָט געזאָגט אַז איר זייט שוועסטער און ברודער האָב איך געוואָלט נעמען די פרוי פאַר אַ ווייב! ביזטו געגאַנגען קיין מצרים האָסטו מיט איר געהאַנדלט און געקראָגן מתנות דורך איר, ביזטו געקומען אַהער, האַנדלסטו ווידער! אויב דו ווילסט געלט, איז נאַ דיר געלט!”

דערויף האָט אברהם אים געענטפערט: „איך האָב אַזוי געזאָגט, ווייל איך האָב מורא געהאַט אַז מען וועט מיך טויטן”. און אין אמת'ן איז זי טאַקע מיין שוועסטער, פון איין טאַטן.

און כדי איבערצובעטן אברהם׳ן האָט אבימלך אים געגעבן שאָף און רינדער, קנעכט און דינסטן, און טויזנט שטיק זילבער, און ער האָט אים אומגעקערט שרה׳ן. און כדי קיינער זאָל זיך ניט טשעפּען צו שרה׳ן, האָט ער זי אָנגעטאָן אין קעניגלעכע קליידער, און זי געמאַכט פאַר אַ מטרונה. וואָרום אַז מען וועט הערן, אַז זי איז אַ קעניגין וועט מען מורא האָבן פאַר איר. און אַלץ וואָס פּרעה האָט געגעבן שרה׳ן, האָט אויך אבימלך איר געגעבן.

דאַן האָט ער געזאָגט צו שרה׳ן: „דו זעסט, איך טו דיר אָן אַ סך כבוד. איך האָב געגעבן רייכקייט דעם אויף וועלכן דו האָסט געזאָגט אַז ער איז דיין ברודער. אָט דאָס גאַנצע רייכקייט און דער כבוד זיינען דיינס. איך האָב דאָס אומישנע געטאָן, כדי אַלע זאָלן וויסן, אַז איך קער דיך אום קעגן מיין ווילן. און דו אברהם, דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַר אייך, וואו איר ווילט מעגט איר זיך באַזעצן". אָבער זיי האָבן אים מוחל געווען די טובה.

און אברהם און שרה האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד. און פּונקט ווי שרה איז גענומען געוואָרן אין פּרעה׳ס הויז און אין אבימלך׳ס הויז אַ ריינע, אַזוי איז זי פון דאָרט אַרויס אַ ריינע. זיי האָבן זיך באַזעצט אין דעם לאַנד גרר.

אָבער אַזוי ווי אַלע איינוואוינער פון דעם לאַנד פּלשתים, און דעם מלך׳ס קנעכט האָבן נאָך שטאַרק געליטן פון די יסורים מיט וועלכע דער מלאך האָט זיי געשלאָגן אַ גאַנצע נאַכט צוליב שרה׳ן, האָט אבימלך געשיקט נאָך אברהם׳ן און צו אים געזאָגט: „איך בעט דיך, בעט צו דיין האר פאַר דיינע קנעכט, ער זאָל אָפּטאָן פון אונז דעם דאָזיקן טויט".

אברהם בעט פאַר אבימלך׳ן

האָט אברהם געבעטן פאַר אבימלך׳ן און זיינע קנעכט, און ער האָט געזאָגט: „האַר פון אַלע וועלטן! דו האָסט באַשאַפן דעם מענטשן ער זאָל זיך פּרוכטבאַרן און מערן, זאָלן זשע אבימלך און זיין הויז-געזינד זיך מערן". האָט דער אויבערשטער באַלד דערהערט אברהם׳ס געבעט, און אויף שרה׳ס אַ וואָרט האָט ער אויסגעהיילט אבימלך׳ן און זיינע קנעכט. ניט נאָר האָט די פאַר־שטאָפּונג אויפגעהערט, נאָר די פרויען זיינען מעוברת געוואָרן, און האָבן געווינען, געבוירן, אינגלעך.

ווען די מלאכים האָבן דאָס דערזען האָבן זיי געשריען און געזאָגט: „רבונו של עולם! אָט די אַלע יאָרן איז שרה געווען

אַן עקרה און אבימלך׳ס ווייב איז געווען אַן עקרה. און איצט, אַז אברהם האָט געבעטן פאַר אבימלך׳ן און זייניקע, זיינען אבימלך׳ס ווייב און זיינע דינסטן טראָגעדיק געוואָרן, און שרה איז נאָך אַלץ אַן עקרה! לוט׳ס טעכטער פאַרקערן מיט זייער פאָטער און ווערן שוואַנגער פון דעם ערשטן מאָל און געווינען ממזרים, און דער צדיק אברהם דאַרף זיך מצטער זיין אָט די אַלע יאָרן! עס איז דאָך ניט מער ווי רעכט אַז אויך זיי זאָלן געהאָלפן ווערן און האָבן קינדער!״

איז טאַקע דערפאַר וואָס אברהם האָט מגייר געווען מענער און שרה האָט מגייר געווען פרויען און זיי האָבן געבראַכט די מענטשן אונטער די פליגלען פון דער שכינה, האָט דער הייליקער געזאָגט צו זיי: „ביי אייער לעבן, איר האָט מיר געגעבן נפשות וועל איך אייך באַצאָלן מיט נפשות; איך וועל אָנוואַרפן אייער שרעק אויף אַלע פעלקער פון דער וועלט זיי זאָלן מער ניט שרייען אַז זי איז אַן עקרה״. און טאַקע ראש השנה איז שרה טראָגעדיק געוואָרן, און אַלע עקרות וועלכע זיינען געווען אויף דער וועלט זיינען צוזאַמען מיט איר טראָגעדיק געוואָרן. דער אויבערשטער, נעמלעך, איז געזעסן און ער האָט גע׳משפט, און ער האָט געזאָגט צו די מלאכים: „שרה איז ווערט אַז זי זאָל געבוירן אַ זון״. האָבן אַלע מלאכים מסכים געווען, און זיי האָבן געזאָגט „יאָ״. האָט דער הייליקער, געלויבט איז ער, באַלד גע׳חתמ׳עט.

יצחק׳ס געבורט

און דער אַלמעכטיקער האָט געטאָן מיט שרה׳ן נסים. איר לייב איז געוואָרן זייער איידל, די קנייטשן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן. זי איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך שיין. די יוגנט האָט זיך אומגעקערט צו איר, זי איז געוואָרן ווי אַ בתולה. און דער הייליקער האָט געבראַכט איר טראַכט אין אָרדענונג. וואָרום דריי שליסלען האָט דער אויבערשטער געטרויט קיין שום מענטשן און קיין שום מלאך, נאָר זיי זיינען אונטער זיין האַנט, נעמלעך דער שליסל פון רעגן, דער שליסל פון תחיית המתים און דער שליסל פון דער מוטערס טראַכט. און אויך אברהם איז געוואָרן צוריק יונג ווי אַ בחור. און אַזוי ווי אַלע מענטשן האָבן זיך פאַר־זאַמלט אַרום זיי און האָבן זיי געפרעגט וואָס אייגנטלעך האָבן זיי אַזעלכעס געטאָן, וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט אַזוינס. האָט אברהם זיך באַלד אַנידערגעזעצט און זיי דערציילט אַלץ וואָס ער האָט דורכ־

געמאכט זינט מען האט אים אריינגעווארפן אין קאלך אויוון ביז איצט.

אזוי ווי שרה איז שוואנגער געווארן אין דער צייט ווען זי איז גענומען געווארן פריער אין מצרים צו פרעה׳ן און דערנאך צו אבימלך׳ן, האבן די פעלקער פון דער וועלט געזאגט: איז עס דען מעגלעך אז א מאן פון הונדערט יאר זאל קענען ווערן א פאטער! מסתמא איז זי שוואנגער געווארן פון אבימלך׳ן אדער פון פרעה׳ן! וואס זשע האט דער אויבערשטער געטאן? ער האט א זאג געטאן צום מלאך מיטן נאמען לילה וועלכער איז דער אויפזעער אויף דאס פארמירן די קינדער: „מאך אז דאס קינד זאל אויסזען פונקט ווי דער טאטע, כדי יעדער איינער זאל זען, אז ער איז אברהם׳ס זון״.

און פסח פונקט אין מיטן דער נאכט, האט שרה געבוירן צו זיבן חדשים א אינגל, און זי איז געבענטשט געווארן מיט מילך. און ווען שרה איז געלעגן געווארן, זיינען אלע עקרות מיט איר געלעגן געווארן, אלע בלינדע זיינען געווארן זעענדיק, אלע הינקעדיקע זיינען גלייך געווארן, אלע שטומע זיינען ריידעוודיק געווארן, אלע נאראנים זיינען אויסגעהיילט געווארן, אלע טויבע זיינען געווארן הערענדיק. און אלע האבן געקוקט, זיך געוואונדערט און ניט געוואלט גלויבן. ווארום זינט די וועלט איז באשאפן געווארן, האט קיין שום פרוי געווינען צו נייענציק יאר, ביז אונזער מוטער שרה איז געקומען.

און אין דער שעה ווען דאס קינד האט דערזען די ליכטיקע שיין, האבן זיך אלע געפרייט — הימל און ערד, די זון, די לבנה, די שטערן און די פלאנעטן. ווארום ווען ניט צוליב דעם קינד וואלט די וועלט קיין קיום געהאט. און דער אלמעכטיקער האט יענעם טאג פארגרעסערט דאס ליכט פון דעם ראד פון דער זון אכט און פערציק מאל אזויפיל. איז דאס ליכט פון דער לבנה געווען אזוי ווי דאס ליכט פון דער זון, און דאס ליכט פון דער זון איז געווען זיבן מאל אזויפיל ווי דאס ליכט פון זיבן טעג.

האט אברהם א נאמען געגעבן זיין זון „יצחק״ — די „יוד״ צען, קעגן די „עשרת הדברות״; „צ״ קעגן די „נייענציק״ יאר וואס שרה איז אלט געווען; „ח״ קעגן די „אכט״ טעג ווען מען איז מל א אינגל, און „ק״ קעגן די „הונדערט״ יאר וואס אברהם איז אלט געווען. און יצחק איז איינער פון די וועלכע מען האט געגעבן א נאמען נאך איידער זיי זיינען געבוירן געווארן. אברהם האט באלד געוואלט אים בענטשן. האט ער אבער געזען אז עשו וועט ארויסקומען פון אים, האט ער אים ניט געבענטשט.

ער האָט זיך געטראַכט: זאָל קומען דער אייגנטימער פון דער וועלט און בענטשן ווען ער וויל.

יצחק׳ס ברית

דעם אַכטן טאָג האָט אברהם מל געווען יצחק׳ן אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט אים געבאָטן. און צום סוף פון פיר און צוואַנציק חדשים האָט ער אים אָנטוווינט. ער האָט איינגע־אָרדענט אַ גרויסע סעודה. אָבער אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבן זיך געשושקעט: „איר האָט געזען דעם אַלטן און די אַלטיטשקע וועלכע האָבן געפונען אַ קינד אין גאַס און זאָגן ׳עס איז אונזער קינד׳? און נאָכמער, צו באַשטעטיקן זייערע רייד מאַכן זיי נאָך אַ גוואַלדאָוונע סעודה!"

וואָס זשע האָט אונזער פאָטער אברהם געטאָן? ער איז געגאַנגען און האָט איינגעלאַדן אַלע גרעסטע פון זיין דור. עס זיינען געקומען שם, עבר, אבימלך דער קעניג פון פלשתים, זיין פעלדמאַרשאַל פיכל און אַלע זיינע קנעכט. אויך תרח, אברהם׳ס פאָטער, און נחור אברהם׳ס ברודער זיינען געקומען פון חרן מיט זייעריקע. אויך עוג און אַלע גרויסע לייט מיט אים, די איין און דרייסיק מלכים פון יריחו וועלכע יהושע האָט שפּעטער גע׳הרג׳עט און די איין און דרייסיק מלכים פון סיסרא׳ס צייטן זיינען דאָרט געווען. און דער „גרויסער" פון די וועלטן איז דאָרט געווען און ער האָט זיך געפרייט.

האָבן זיך די געסט אָנגערופן צו עוג׳ן: „דו פלעגסט דאָך זאָגן אַז אברהם איז אַן אימפּאָטענטער מויל־אייזל און וועט קיינמאָל האָבן קינדער, נו?" האָט ער זיי געענטפערט: „מ׳שטיינס געזאָגט וואָס פאַר אַ מתנה דאָס איז! ווען איך זאָל בלויז אַרויפלייגן מיין פינגער אויף אים, צעקוועטש איך אים דאָך". דערויף האָט דער הייליקער אים געזאָגט: „ביי דיין לעבן, ווי דו וועסט נאָך זען אַז טויזנטער און צענדליקער טויזנטער וועלן אַרויסקומען פון זיינע קינדס קינדער!"

און שרה האָט איינגעלאַדן זייערע פרויען. האָבן די פרויען אָפּגעטאָן אַזאַ שטיקל. אַזוי ווי מען האָט שוין געוואוסט אַז אברהם איז יצחק׳ס פאָטער, האָבן אָבער אַלע געזאָגט אַז ניט שרה, נאָר איר דינסט הגר, איז זיין מוטער. וואָס זשע האָבן די ווייבער געטאָן? יעדע איינע פון זיי האָט מיטגענומען איר קינד, און די אַם האָט זי איבערגעלאָזט אינדערהיים. ווען די קינדער האָבן אָנגעהויבן צו וויינען, האָט יעדע איינע געזאָגט „איך האָב

פארגעסן מיטצונעמען די אם". וואס זשע האט דער הייליקער געטאן? ער האט אויסגעטריקנט די בריסטן פון די ווייבער. זיינען די מטרונה'ס געקומען און האבן געקושט דעם שטויב פון שרה'ס פיס און געזאגט צו איר: „האב א מצוה און זויג אונזערע קינדער.

איז דאך אונזער מוטער שרה געווען א געוואלדיקע צנועה. האט אברהם צו איר געזאגט: „איצט איז ניט די צייט פון צו זיין א צנועה, טו דאס, כדי אלע זאלן וויסן אז דער אלמעכטיקער האט אנגעהויבן טאן נסים. הייליק זיין נאמען, און זעץ זיך אנידער אין מארק און זויג אן זייערע קינדער. און א נס איז געשען מיט שרה'ן, און זי האט אנגעזויגן די פרעמדע קינדער. האבן אלע געזאגט, אז זיי זיינען ניט ווערט אז זייערע קינדער זאלן זויגן די מילך פון אזא צדקת. און אלע קינדער וועלכע שרה האט געזויגן, האבן זיך מגייר געווען. און די סעודה וואס אברהם האט געמאכט איז געווען זעהר גרוים. תרח און נחור האבן זיך שטארק געפרייט, און זיי האבן געוואוינט מיט אים אין דעם לאנד פלשתים א לאנגע צייט.

אברהם שיקט אוועק הגר'ן מיט ישמעאל'ן

דערווייל איז ישמעאל, אברהם'ס זון, אונטערגעוואקסן, און ווען יצחק איז געבוירן געווארן איז ער שוין אלט געווען פערצן יאר. פלעגן מענטשן זאגן, אזוי ווי אברהם'ן איז געבוירן געווארן א זון, וועט ער ירש'ענען פון אברהם'ן צוויי חלקים. פלעגט אבער ישמעאל לאכן און זאגן „איך בין דער בכור, וועל איך נעמען צוויי חלקים". און אזוי ווי ער איז דערצויגן געווארן מיט פייל און בויגן און פלעגט האלטן אין איין שיסן עופות, איז איינמאל ווען יצחק איז אלט געווען שוין פינף יאר, און איז געזעסן מיט ישמעאל'ן ביי דער טיר פון דעם געצעלט, האט ישמעאל אויף אים געשאסן מיט דער כוונה אים צו טויטן.

האט זיך אבער אזוי געמאכט, אז שרה האט דאס גראד געזען. האט זי באלד געשיקט רופן אברהם'ן, און זי האט צו אים געזאגט: „טרייב ארוים די דאזיקע דינסט מיט איר זון! איר זון וועט ניט ירש'ענען צוזאמען מיט מיין זון, ווארום אזוי און אזוי האט ער אים היינט געוואלט טאן. שרייב אפ יצחק'ן אלץ וואס דער אלמעכטיקער האט דיר געשווארן צו געבן דיר און דיינע קינדער. ביי דיין לעבן, אז דער זון פון דער דאזיקער דינסט וועט ניט ירש'ענען מיט מיין זון יצחק.

ווארום שרה פלעגט אויך זען ווי ישמעאל בויט במות און

אָפּפערט הייִשעריקן צו דער עבודה זרה. ער פלעגט אַריין אין פרעמדע גערטנער, כאַפּן פרעמדע ווייבער און זיי פּייניקן. ער פלעגט אויך ברענגען אין הויז אַריין אָפּגעטער און זיי דינען פונקט ווי ער פלעגט זען פון אַנדערע.

אָבער פון אַלע צרות וואָס זיינען געקומען אויף אברהם׳ן, איז דאָס וואָס שרה האָט אים געהייסן אַוועקשיקן ישמעאל׳ן געווען די שווערסטע. וואָרום ער האָט דאָך שוין געבעטן דעם אויבערשטן וועגן אים. אָבער אין יענער נאַכט האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן צו אים און געזאָגט: „אברהם! ווייסטו דען ניט אַז שרה איז דיין ווייב, זי איז דיין פריינט און די פרוי פון דיין יוגנט. הגר איז ניט דיין ווייב, און שרה איז ניט דיין דינסט. אַלץ וואָס שרה האָט גערעדט, האָט זי גערעדט מיט אמת. נעם דיר ניט צום האַרצן וועגן דעם אינגל, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן דיין לערע, און וועגן דיין דינסט וואָס דו שיקסט אַוועק. אַלץ וואָס שרה זאָגט דיר זאָלסטו פאָלגן, וואָרום זי איז אַ נביאה. פון יצחק׳ן וועסטו האָבן קינדער. דער זון פון דער דאָזיקער דינסט וועט זיך מיט דיר מתיחס זיין. אָבער אויך דער דינסט׳ס זון וועל איך מאַכן פאַר אַ רויבער פאָלק.

איז אברהם, וועלכער איז געווען אין נביאות קלענער פון שרה׳ן, אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, האָט אָנגעשריבן אַ גט און געגעבן הגר׳ן. ער האָט גענומען אַ לאָגל און אים צוגעבונדן צו אירע לענדן, ער זאָל זיך נאָכשלעפּן נאָך איר, כדי מען זאָל וויסן אַז זי איז אַ דינסט, און אויך כדי אַז ווען אברהם וועט וועלן זיך זען מיט ישמעאל׳ן, וועט ער אַזוי אַרום וויסן אויף וועלכן וועג זיי זיינען געגאַנגען. ער האָט איר מיטגעגעבן צוועלף ברויט און אַ לאָגל וואַסער. און ער האָט אַרויפגעגעבן ישמעאל׳ן אויף אירע אַקסלען. וואָרום שרה האָט אים געגעבן אַ גוט אויג, האָט ער געקראָגן היץ און ניט געקענט אַליין גיין, און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט. און אין אברהם׳ס זכות איז דאָס וואַסער פון דעם לאָגל ניט אויסגעגאַנגען.

הגר אין דער מדבר

אָבער ווי נאָר הגר איז געקומען אין דער מדבר, האָט זי אָנגעהויבן בלאָנדזשען נאָך אָפּגעטער, ווי זי איז געוואוינט געווען פון איר פאָטערס הויז, האָט דאָס וואַסער זיך באַלד אויסגעלאָזט פון דעם לאָגל. ישמעאל האָט שטאַרק געברענט פון היץ, האָט זי אים געטראָגן. און ווען זי איז מיד געוואָרן, האָט זי אים אַוועקגעלייגט

אונטער א בוים, דארט וואו מלאכים האבן מיט איר גערעדט. זי האט זיך אנידערגעזעצט פון ווייטן, און געוויינט, ווארום זי האט ניט געקענט צוזען ווי דאס קינד גייט אוים.

זי האט אנגעהויבן צו ריידן קעגן דעם אויבערשטן און געזאגט: „האר פון דער וועלט! ביזטו דען גלייך צו מענטשן וועלכע זאגן עפעס צו, און דערנאך האבן זיי חרטה! דו האסט דאך מיר געזאגט ׳איך וועל מערן דיינע קינדער׳, און איצט זע, ער גייט דאך אוים פון דארשט!״

און אויך ישמעאל איז געווארן שטארק מיד. האט ער זיך אנידערגעווארפן אונטער די דערנער, און ער האט געזאגט: „האר פון די וועלטן, אויב עס איז פאראן פאר דיר א ווילן מיך אנ־צוטרינקען מיט וואסער, טרינק זשע מיך אן, און לאז מיין נשמה ניט אויסגיין דורך דארשט, ווארום דער טויט דורך דארשט איז א משונה׳דיקער טויט, ער איז ערגער פון אלע טויטן״.

האט דער אלמעכטיקער דערהערט זיין געבעט אין אברהם׳ס זכות. און דער ברונעם וואס איז באשאפן געווארן דעם פרייטיק פארנאכט פונעם וועלט־באשאף האט זיך פאר זיי דארט געעפנט. א געטלעכער מלאך האט זיך אנגערופן צו הגר׳ן, אין אברהם׳ס זכות, און ער האט געזאגט צו איר: „וואס איז דיר אזוינס הגר? האב קיין מורא, דער אלמעכטיקער האט געהערט דעם אינגלס קול. און ער וועט אים ניט משפט׳ן לויט זיינע שלעכטע מעשים וואס ער וועט אמאל טאן. אין אברהם׳ס זכות האט ער אויף אים רחמנות״. און דער אויבערשטער האט באלד א וואונק געטאן צום מלאך ער זאל איר ווייזן דעם ברונעם.

האבן די מלאכים גענעבן א שפרונג מקטרג צו זיין, און זיי האבן פאר אים געזאגט: „האר פון דער וועלט! פאר א מאן וועלכער וועט שפעטער טויטן דיינע קינדער דורך דארשט, ברענגסטו דעם ברונעם?!״ ווארום ווען נבוכדנצר הרשע האט פארטריבן די אידן קיין בבל, האט ער געקאוועט זייערע הענט פון הינטן אין אייזערנע קייטן, און ער האט זיי געטריבן נאקעט ווי בהמות. ווען זיי זיינען דורכגעגאנגען דורך ישמעאל׳ס קינדער, האבן זיי געזאגט צו די אויפזעער: „האט רחמנות אויף אונז און פירט אונז צו אונזערע ברידער, די קינדער פון אונזער פעטער ישמעאל״. האבן זיי אזוי געטאן. זיינען ישמעאל׳ס קינדער זיי אנטקעגן געגאנגען און האבן זיי געגעבן געזאלצן ברויט מיט ליאק. זיי האבן אויפ־געהאנגען אויף די טויערן פון זייערע געצעלטן ליידיקע לאגלען וועלכע האבן געהאט א קאליר גלייך ווי זיי וואלטן געווען אנגעפילט מיט וואסער. און זיי האבן געזאגט צו די אידן: עסט דאס ברויט, און דאן וועלן מיר אייך געבן וואסער. נאכדעם ווי זיי האבן

אָפּגעגעסן, האָבן די ישמעאלים געזאָגט אַז זיי האָבן קיין וואַסער. האָבן די אידן איינגעביסן מיט די ציין די לאַגלען, און די הייסע לופט איז אַריין אין זייערע געדערים און זיי זיינען געשטאָרבן.

אָבער דער הייליקער האָט געזאָגט צו די מלאכים, וואָס איז ער איצט אַ צדיק אָדער אַ רשע?״ האָבן זיי געענטפערט „אַ צדיק״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך אורטייל דעם מענטשן ווי ער איז צו דער באַטרעפנדיקער צייט, און ניט לויט דעם וואָס ער וועט זיין אַמאָל״.

און הגר און ישמעאל האָבן זיך אָנגעטרונקען, און אָנגעפילט דעם לאָגל מיט וואַסער. זיי האָבן דאָרט איבערגעלאָזט דעם ברונעם, און אָנגעהויבן וואַנדערן אין דער מדבר ביז זיי זיינען געקומען אין דער מדבר פּארן. זיי האָבן דאָרט געפונען וואַסער קוואַלן. האָבן זיי זיך דאָרט באַזעצט. ישמעאל פלעגט ליב האָבן צו זיצן אויף דעם שייד־וועג, און באַראַבעווען מענטשן, און זיי האָבן דאָרט אָפּגעוואוינט אַ לאַנגע צייט.

נאָכדעם איז ישמעאל אַוועקגעצויגן מיט זיין מוטער קיין מצרים, און זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט. הגר האָט גענומען פאַר אים אַ ווייב פון איר פאָטערלאַנד — וואַרף אַ שטעקן אין דער לופט, און ער וועט צוריק אַראָפּפאַלן אויף דער ערד — מיט דעם נאָמען מריסה. זי האָט אים געבוירן פיר זין און אַ טאָכטער. און ישמעאל האָט גענומען זיין ווייב, קינדער און הגר׳ן און איז צוריקגעצויגן אין דער מדבר. דאָרט האָבן זיי געהאַלטן אין איין וואַנדערן, אויפגעשטעלט געצעלטן, אָפּגעוואוינט אַ חודש און ווייטער געוואַנדערט. אין אברהם׳ס זכות איז ישמעאל רייך געוואָרן, און ער האָט פאַרמאָגט פיל שאָף און רינדער.

אברהם באַזוכט ישמעאל׳ן

נאָכדעם ווי עס איז אַריבער אַ לאַנגע צייט, האָט אברהם געזאָגט צו שרה׳ן: „איך וואָלט זעהר געוואָלט גיין זען ישמעאל׳ן. איך האָב אים ניט געזען אַזאַ לאַנגע צייט״. און ער האָט איר געגעבן אַ שבועה, אַז ער וועט ניט אַראָפּגידערן פון דעם קעמל דאָרט וואו ישמעאל וואוינט. און אברהם האָט זיך אויפגעזעצט אויף אַ קעמל און אָנגעהויבן אַרומפאָרן זוכן ישמעאל׳ן.

אין אַ שיינעם מיטן טאָג איז ער געקומען צו ישמעאל׳ס געצעלט. ישמעאל׳ס ווייב און די קינדער זיינען געווען אין געצעלט, אָבער ישמעאל און הגר זיינען ניט געווען. פרעגנדיק אויף ישמעאל׳ן האָט זי אים געענטפערט, אַז ער איז אַוועק אין פעלד אַריין

פאַנגען חיות. און אברהם איז די גאַנצע צייט געזעסן אויפן קעמל און איז ניט אַראָפּגעגאַנגען, אַזוי ווי ער האָט געשוואוירן שרה'ן.

דערווייל האָט אברהם געזאָגט צו איר: „טאָכטער מיינע, גיב מיר אַ ביסל וואַסער ווארום איך בין זעהר מיד פון דעם וועג". האָט זי אים געענטפערט אַז זי האָט קיין וואַסער און אויך קיין ברויט, און זי האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף אים און אַפילו אים ניט געפרעגט ווער ער איז. זי האָט דאַן געשלאָגן און געשאָלטן די קינדער, און אויך געלעסטערט איר מאַן ישמעאל.

דאָס האָט אברהם'ן שטאַרק פאַרדראָסן, האָט ער זי אַרויסגערופן צו זיך זיצנדיק אויף דעם קעמל, און ער האָט געזאָגט צו איר: „אַז דיין מאַן וועט צוריקקומען, זאָלסטו אים זאָגן אַזוי:

„אַ זעהר אַלטער מאַן איז געקומען אַהער פון דעם לאַנד פלשתים, אַזוי און אַזוי האָט ער אויסגעזען, ער האָט אויף דיר געפרעגט, און איך האָב אים ניט געפרעגט ווער ער איז. און ווען ער האָט געזען אַז דו ביזט ניטאָ, האָט ער צו מיר געזאָגט: אַז דיין מאַן ישמעאל וועט קומען, זאָלסטו אים זאָגן, דער מאַן האָט געזאָגט אַז אַזוי ווי דו וועסט צוריקקומען זאָלסטו אָפּטאָן דעם פלאָקן פון דעם דאָזיקן געצעלט, און אַריינשטעלן אַן אַנדערן". און נאָכדעם ווי אברהם האָט פאַרענדיקט, האָט ער פאַרקירעוועט דאָס קעמל און זיך אומגעקערט אַהיים.

ווען ישמעאל איז צוריקגעקומען אַהיים, מיט זיין מוטער, פון דעם פאַנגען, האָט זיין פרוי אים איבערגעגעבן וואָרט פאַר וואָרט ווי אברהם האָט איר געהייסן. ווען ישמעאל האָט דערהערט זיין ווייבס ווערטער, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען זיין פאָטער און אַז זיין ווייב האָט אים ניט אויפגענומען פיין. ער האָט אויך פאַרשטאַנען וואָס אברהם האָט געמיינט, ווארום דער זון פון אַ חכם איז ווי אַ האַלבער חכם. ישמעאל האָט געפאָלגט אברהם'ס ווערטער. ער האָט אַוועקגעשיקט זיין ווייב און זי איז אַוועקגעגאַנגען.

אברהם'ס צווייטער באַזוך ביי ישמעאל'ן

און ישמעאל איז אַוועקגעצויגען אין דעם לאַנד כנען. דאָרט האָט ער גענומען אַן אַנדער ווייב, און זי געבראַכט אין זיין געצעלט אויף דעם אָרט פון יענער פרוי.

אַזוי זיינען אַריבער דריי יאָר. און אברהם האָט זיך ווידער פאַרבענקט נאָך ישמעאל'ן. האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט צו שרה'ן אַז ער וויל גיין זען ישמעאל'ן, און ער האָט איר געשוואוירן, ווי

דאָס ערשטע מאָל, אַז ער וועט ניט אַראָפּשטייגן פון דעם קעמל, דאָרט וואו ישמעאל וואוינט.

איז אברהם אַוועקגעריטן אין דער מדבר, און ער איז אָנגעקומען צו ישמעאל׳ס געצעלט אין מיטן טאָג. ווען ער האָט געפרעגט אויף ישמעאל׳ן איז אַרויסגעקומען צו אים ישמעאל׳ס ווייב, און זי האָט צו אים געזאָגט: „ער איז ניטאָ איצט אין דער היים, מיין האַר, ער איז אַוועקגעגאַנגען אין פעלד אַריין מיט זיין מוטער פּאַשן די קעמלען, און פאַנגען חיות. קום אַריין, מיין האַר, אין געצעלט אַריין וועסטו עפּעס עסן, וואָרום דו ביזט דאָך אַוודאי זעהר מיד פון דעם וועג״.

אָבער אברהם האָט איר געענטפערט אַז ער קען ליידער ניט, וויל ער איילט זיך זעהר, „אָבער״, האָט ער געזאָגט, „גיב מיר, איך בעט דיך, אַ ביסל וואַסער וויל איך בין זעהר דאָרשטיק״. איז די פרוי גיך אַריינגעלאָפן אין געצעלט אַריין און האָט אַרויסגעבראַכט וואַסער און ברויט און האָט אים געגעבן און האָט אים שטאַרק געבעטן ער זאָל עסן און טרינקען.

האָט אברהם געגעסן, געטרונקען און געבענטשט זיין זון, און ישמעאל׳ס הויז איז געוואָרן פול מיט אַלדאָס גוטס.

און אברהם האָט געזאָגט צו איר: „אַז ישמעאל וועט צוריקקומען זאָלסטו אים זאָגן אַזוי: עס איז געווען דאָ אַ זעהר אַלטער מאַן פון דעם לאַנד פלשתים, אַזוי און אַזוי האָט ער אויסגעזען, און ער האָט מיר געזאָגט: „אַז ישמעאל וועט קומען זאָלסטו אים זאָגן אַז דער אַלטער מאַן האָט געזאָגט, אַז דער פלאָקן וואָס דו האָסט אַריינגעשטעלט דאָ אין געצעלט איז זעהר גוט, און דו זאָלסט אים ניט אָפּטאָן״. נאָכדעם ווי אברהם האָט געענדיקט, האָט ער פאַרקירעוועט דאָס קעמל, און זיך צוריקגעקערט אַהיים.

ווען ישמעאל איז צוריקגעקומען, איז זיין ווייב געלאָפן אים אַנטקעגן מיט גרויס פרייד און האָט אים איבערגעזאָגט אַלץ, וואָרט פאַר וואָרט, וואָס אברהם האָט איר אָנגעזאָגט. ישמעאל האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען זיין פאָטער, און אַז זי האָט אים אויפגענומען זעהר פיין, און ער האָט געלויבט דעם אויבערשטן.

אין יענער צייט האָט ישמעאל גענומען זיין ווייב, זיינע זין, זיין פי און אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם לאַנד פלשתים צו זיין פאָטער. אברהם האָט דאַן דערציילט ישמעאל׳ן ווי אַזוי זיין ערשט ווייב האָט אים באַהאַנדלט, און ווי זי האָט זיך אויפגעפירט. און ישמעאל און זיינע זין האָבן געוואוינט מיט אברהם׳ן אַ לאַנגע צייט, אַן ערך פון זעקס און צוואַנציק יאָר.

דער אברהם און אבימלך בונד

נאכדעם האט אברהם גענומען אלע זיינע קנעכט, און אלץ וואס ער האט פארמאגט, און ער האט פארלאזט דאס לאנד פלשתים. ער איז אוועקגעצויגן ווייט פון דעם לאנד, און איז אנגעקומען נאענט צו חברון. ער האט זיך דארט באזעצט. זיינע קנעכט האבן דארט געגראבן ברונעמס, און אברהם האט געוואוינט דארט, נעבן דעם וואסער.

דערווייל האבן די קנעכט פון אבימלך'ן, דער קעניג פון די פלשתים, דערהערט אז אברהם'ס קנעכט האבן געגראבן ברונעמס אויף דער גרעניץ פון דעם לאנד, זיינען זיי געקומען און האבן פארפירט א געקריג מיט אברהם'ס קנעכט. אבימלך'ס פאסטעכער האבן גע'טענה'ט, אז די ברונעמס געהערן צו זיי, און אברהם'ס פאסטעכער האבן גע'טענה'ט, אז די ברונעמס געהערן צו זיי. האבן אברהם'ס פאסטעכער פארגעשלאגן: מיר וועלן זען פאר וועמענס שאף וועגן דאס וואסער וועט זיך אויפהויבן פון זיך אליין, דעם געהערן די ברונעמס.

ווי נאר דאס וואסער האט דערזען אברהם'ס שאף, האט עס זיך באלד אויפגעהויבן. אבער דאס האט ניט געהאלפן, און אבימלך'ס פאסטעכער האבן צוגע'גזל'ט דעם גרויסן ברונעם וואס אברהם'ס קנעכט האבן געגראבן.

ווען אבימלך, דער קעניג פון פלשתים, איז דערפון געוואר געווארן, איז ער געקומען צו אברהם'ן אין דער באגלייטונג פון זיין פעלדמארשאל פיכל און נאך צוואנציק הארן. ווען אבימלך האט פארפירט מיט אברהם'ן א שמועס וועגן זיינע קנעכט, האט אברהם אים פארגעהאלטן פארוואס זיינע פאסטעכער האבן גע'גזל'ט ביי אים די ברונעמס.

האט אבימלך פארזיכערט אברהם'ן אז ער הויבט ניט אן צו וויסן דערפון: „איך שווער ביי דעם וועלכער האט באשאפן די גאנצע וועלט, אז היינט איז דאס ערשטע מאל וואס איך הער אז מיינע קנעכט האבן דיר אזוי געטאן". האט אברהם גענומען זיבן לעמעלעך, קעגן די זיבן מצוות וואס די בני נח זיינען געבאטן געווארן. ער האט זיי געגעבן אבימלך'ן און צו אים געזאגט: „נעם זיי פון מיר, און דאס זאל זיין א צייכן אז דו ביזט אן עד (ניט עדות), אז איך האב געגראבן דעם דאזיקן ברונעם".

אבימלך האט גענומען די זיבן לעמעלעך, און ער האט געשוואוירן אברהם'ן, אז אברהם האט געגראבן דעם ברונעם. אט דערפאר רופט מען דאס דאזיקע ארט ביז היינט צו טאג „באר שבע", ווייל דארט האבן זיי ביידע געשוואוירן, און דארט האבן

זיי געשלאָסן אַ בונד. און אבימלך און זיינע מענטשן זיינען צוריק־געגאַנגען קיין פלשתים.

האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו אברהם׳ן: „דו האָסט געגעבן זיבן לעמלעך אָהן מיין ווילן, שוועך איך ביי דיין לעבן, אַז דערפאַר וועל איך פאַרציען די שמחה פון דיינע קינדער אויף גאַנצע זיבן דורות. די אידן וועלן אַריינגיין אין ארץ ישראל ערשט נאָך זיבן דורות. דו האָסט געגעבן זיבן לעמלעך אָהן מיין ווילן, שוועך איך ביי דיין לעבן אַז קעגן דעם וועט מען אוים־הרג׳ענען פון דיינע קינדער זיבן צדיקים, נעמלעך, חפני, פנחס, שמשון, שאול און זיינע דריי זין. דו האָסט אים געגעבן זיבן לעמלעך אָהן מיין ווילן, וועלן זיינע זין חרוב מאַכן קעגן דעם דיינע קינדערס זיבן משכן׳ס. דו האָסט אים געגעבן זיבן לעמלעך אָהן מיין ווילן, קעגן דעם וועט מיין אָרון זיך אַרומדרייען אין דעם פעלד פון די פלשתים זיבן חדשים״.

און אברהם איז געבליבן וואוינען אין באר שבע אַ לענגערע צייט. ער האָט אויפגעבויט אַ גרוים גאַסט הויז מיט פיר טויערן אין אַלע פיר זייטן; און ער האָט פאַרפלאַנצט דאָרט אַ וויינגאָרטן, כדי אַז פון וועלכער זייט דער רייזנדיקער אָדער פוס־גייער וועט אָנקומען, זאָל זיין פאַר אים אָפן אַ טיר. האָבן אַלע דורכרייזנדיקע אָפּגעשטיגן ביי אברהם׳ן. ווער עס איז אַריינגע־קומען אַ הונגעריקער, אַ דאָרשטיקער איז אַרוים פון דאָרט אַ זאַטער. ווער עס איז אַריינגעקומען אָפּגעריסן, אָפּגעשלים, איז אַרויסגעגאַנ־גען אַ באַקליידעטער, און נאָך מיט אַ פּאָר זילבערנע און גאָלדענע מטבעות. נאָכן עסן פלעגט ער זיי הייסן בענטשן און לויבן דעם אַלמעכטיקן, און ער האָט זיי געלערנט תורה.

דערווייל איז יצחק אַלט געוואָרן זיבן און דרייסיק יאָר. איז שמועסנדיק איינמאָל מיט יצחק׳ן, האָט ישמעאל זיך אָנגעהויבן פאַר אים באַרימען, און ער האָט געזאָגט צו אים: „זעסטו, ווען איך בין געווען אַ דרייצן יאָריק אינגל, האָב איך שוין געטאָן דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט געהייסן. ער האָט געהייסן מל זיין, האָב איך געפאָלגט״.

דאַרויף האָט יצחק אים געענטפערט, אַזוי צו זאָגן: וואָס באַרימסטו זיך אַזוי פאַר מיר וועגן אַ פּיצעלע פלייש וואָס דער אויבערשטער האָט געהייסן אַראָפּנעמען פונעם קערפּער. איך שוועך ביים אויבערשטן פון מיין פאָטער אברהם אַז ווען ער זאָל זאָגן מיין פאָטער: נעם יצחק׳ן און ברענג אים אַלס קרבן עולה פאַר מיר, וואָלט איך זיך ניט געוועדט קעגן דעם, און איך וואָלט געלאָזט מקריב זיין מיין גאַנצן קערפּער מיט שמחה, מיט פרייד.

דער שטן קלאָגט אָן אברהם'ן

אין אַ שיינעם טאָג זיינען די מלאכים געקומען פאַרן האַר, און צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען דער שטן וועלכער איז געקומען ריידן שלעכטס אויף די מענטשן. האָט דער אויבערשטער געפרעגט דעם שטן: „פון וואַנען קומסטו?" און דער שטן האָט געענטפערט און געזאָגט: „איך האָב ארומגעשוועבט איבער דער וועלט". „איז וואָס זשע האָסטו עפּעס צו זאָגן וועגן די מענטשן?" האָט דער האַר פון די וועלטן געפרעגט. און דער שטן האָט געענטפערט: „איך האָב באַאָבאַכטעט די מענטשן וועלכע דינען דיך, און דערמאָנען דיך, אָבער דאָס טוען זיי בלויז ווען זיי דאַרפן דיך, ווען זיי פאַרלאַנגען עפּעס פון דיר. ווי נאָר, אָבער, דו דערפילסט זייער פאַרלאַנג, און דו גיסט זיי וואָס זיי בעטן דיך, פאַרגעסן זיי באַלד אין דיר, און זיי דערמאָנען דיך ניט מער. אָט נעם אברהם'ן. צום אָנהויב, ווען ער האָט געהאַט קיין קינדער, האָט ער דיך געדינט. אומעטום וואו ער האָט זיך געפונען, האָט ער געבויט מזבחות און מקריב געווען אויף זיי קרבנות צו דיר, און אויפגעפאָדערט די מענטשן זיי זאָלן דיך דינען. און איצט, נאָכדעם ווי זיין זון יצחק איז אים געבוירן געוואָרן, האָט ער דיך פאַרלאָזט. ער האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַר אַלע מענטשן, אָבער דיך האָט ער פאַרגעסן. וואָרום אָט האָט ער דאָך ניט מקריב געווען אַ קרבן עולה, אָדער אַ קרבן שלמים, אפילו ניט אַן אָקס, אָדער אַ שעפּעלע, אָדער גאָר אַ ציגעלע. אָט זיינען שוין אוועק גאַנצע זיבן און דרייסיק יאָר זינט יצחק איז געבוירן געוואָרן, האָט ער די גאַנצע צייט ניט געבויט פאַר דיינעטוועגן אַ מזבח און ניט מקריב געווען אַ קרבן, וואָרום דו האָסט דאָך אים שוין געגעבן וואָס ער האָט פון דיר פאַרלאַנגט. אָט דער דאָזיקער אַלטער, צו הונדערט יאָר האָסטו אים געשאָנקען אַ זון, איז פון דער גרויסער סעודה וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער ניט געפונען פאַר נויטיק מקריב צו זיין צו דיר אפילו אַ טייבעלע. נאָכמער, ער האָט נאָך געשלאָסן אַ בונד מיט ערלים, און עובר געווען אויף דעם געבאָט ניט צו שליסן מיט זיי אַ בונד. דו רופסט אים „מיין פריינט", כאָטש ער האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע, אפילו פאַר אַלע חיות און עופות, אָבער אין דיר האָט ער פאַרגעסן".

האָט דער אויבערשטער אים געענטפערט: „האָסטו זיך גוט צוגעקוקט צו מיין קנעכט אברהם! עס איז דאָך ניטאָ זיין גלייכן אין דער וועלט. ער איז דאָך אַן ערלעכער, גערעכטער מענטש וועלכער האָט מורא פאַר מיר, און טוט קיין שלעכטס. אָט דאָס אַלץ

וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער דאָך געטאָן בלויז צוליב זיין זון. און פונדעסטוועגן ווען איך זאָל אים זאָגן 'שעכט דיין זון פאַר מיינעטוועגן', וועט ער אים באַלד שעכטן. איך שווער, אַז ווען איך זאָל אים זאָגן: 'זיי מקריב יצחק'ן פאַר אַ קרבן עולה', וועט ער אים ניט צוריקהאַלטן פון מיר. אַ פשיטא שוין ווען איך זאָל אים הייסן מקריב זיין זיינע שאָף אָדער רינדער".

האָט דער שטן געזאָגט: „איך בעט דיך מיין האַר, הייס אים דאָס טאָן, וועלן מיר זען צי ער וועט פאָלגן. פּרואוו אים באַלד אויס!"

אָט נאָך די דאָזיקע רייד מיט דעם שטן, האָט דער אויבערשטער גענומען אויספּרובירן דעם צדיק אברהם. רשעים פּרואווט ניט דער אויבערשטער, ווייל זיי קענען דאָך ניט אויסהאַלטן דעם נסיון. נעמט, למשל, פלאַקס. אַז דאָס פלאַקס איז געראָטן, קען מען דאָס קלאַפּן, אָבער אַז דאָס פלאַקס איז שוואַך, קען מען דאָס ניט קלאַפּן. אָדער נעמט, למשל, איינעם וועלכער האָט צוויי בהמות, אַ שטאַרקע און אַ שוואַכע; אויף וועלכער לייגט ער אַרויף די שווערע משא, ניט אויף דער שטאַרקערער? אַזוי אויך דער אויבערשטער. די צדיקים וועלכע קענען אויסהאַלטן, זיי שטעלט ער פאַר נסיונות, אָבער ניט די רשעים, ווייל זיי קענען דאָך ניט אויסהאַלטן.

דער צענטער נסיון

אין יענער נאַכט האָט דער הייליקער, געלויבט איז ער. זיך באַוויזן צו אברהם'ן און ער האָט געזאָגט צו אים: „נייען מאָל האָב איך דיך שוין אויספּרובירט, און דו האָסט אויסגעהאַלטן. האַלט אויס נאָך דעם איצטיקן נסיון, כדי מענטשן זאָלן ניט זאָגן אַז יענע זיינען געווען בלויז קליינינקייטן, דערפאַר האָט ער אויס-געהאַלטן".

„וואָס פאַר אַ מין נסיון איז דאָס?" האָט אברהם געפרעגט.

און דער אויבערשטער האָט אים געענטפערט: „איך וויל דיך בעטן דו זאָלסט נעמען דיין זון".

„האַר פון דער וועלט", ענטפערט אברהם, „איך האָב דאָך צוויי זין, וועלכן מיינסטו, דעם וועלכער איז מיר געבוירן געוואָרן איידער איך האָב זיך מל געווען, אָדער נאָכדעם?"

„דיין איינציקן זון", ענטפערט דער אויבערשטער.

„אָבער", טענה'ט אברהם, „זיי זיינען דאָך ביידע איינציקע, יצחק איז אַ בן יחיד ביי זיין מוטער שרה, און ישמעאל איז אַ בן יחיד ביי זיין מוטער הגר".

און ער האָט באַקומען אַן ענטפער: „דעם וועלכן דו האָסט ליב".

„איך האָב דאָך זיי ביידע ליב", זאָגט אברהם.

„דעם וועלכן דו האָסט זעהר שטאַרק ליב", זאָגט אים דער באַשעפער פון דער וועלט.

„איז דען פאַראַן אַ גרעניץ? לאָזט זיך דען אַזאַ זאַך אָפּמעסטן?" פרעגט אברהם.

„יצחק'ן", ענטפערט דער אויבערשטער.

און דאָס וואָס דער אַלמעכטיקער האָט אים ניט באַלד געזאָגט אַז ער מיינט יצחק'ן, איז געווען בלויז צוליב דעם כדי ער זאָל קענען אים געבן שכר פאַר יעדער וואָרט, און אויך כדי ער זאָל אים ניט איבערשרעקן פּלוצים. ווארום אַ פאָטער קען דאָך נאָך אַראָפּ פון זינען פון אַזאַ בשורה.

און אברהם האָט באַלד אויסגעשריען: „איך בין גרייט! וואָס זאָל איך טאָן?"

און דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט: „גיי קיין ירושלים, און ברענג אים דאָרט פאַר אַן עולה אויף איינעם פון די בערג".

„האַר פון די וועלטן, אויף וועלכן באַרג?" פרעגט אברהם.

„דאָרט וואו דו וועסט זען מיין כבוד שטייט און וואַרט אויף דיר. דער באַרג אויף וועלכן דו וועסט זען ליכטיקייט, און אַ וואָלקן איז צוגעבונדן צו אים. דאָס איז די שכינה, און דאָרט איז דער פּלאַץ פון דער עבודה".

„אָבער, האַר פון דער וועלט, קען מען דען ברענגען אַ קרבן אָהן אַ כהן? און בין איך דען גענוג כשר אים מקריב צו זיין? בין איך דען אַ כהן?" פרעגט אברהם.

„איך האָב דיך שוין לאַנג באַשטימט אַלס כהן", ענטפערט אים דער אויבערשטער.

האָט אברהם דאָס באַלד אָנגענומען באהבה. און ער האָט גענומען טראַכטן ווי אַזוי אַוועקצונעמען יצחק'ן פון זיין מוטער שרה. זאָל ער איר דערציילן, זיינען דאָך ווייבער לייכטזיניק אפילו ביי קלייניקייטן, בפרט ביי אַזאַ גרויסע זאַך. זאָל ער איר ניט דערציילן, און ער זאָל אים אַוועקנעמען אָהן איר וויסן, איז אַז זי וועט געוואַר ווערן דערנאָך, קאָן זי דאָך זיך נאָך „אַ מעשה אָנטאָן".

איז אברהם אַריינגעגאַנגען צו שרה'ן אין געצעלט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן איר און צו איר אַזוי געזאָגט: „ווען איך בין אַלט געווען דריי יאָר, האָב איך שוין דערקענט דעם באַשעפער. און אונזער זון יצחק איז שוין גרויס, און ער האָט נאָך ניט געלערנט ווי צו דינען דעם באַשעפער. וועל איך מאָרגן אים אַוועקפירן צו שם און זיין זון עבר, ער זאָל ביי זיי לערנען".

האָט שרה געענטפערט: „דו ביזט גערעכט. גיי מיין האַר, און טו ווי דו האָסט געזאָגט. אָבער זע אַז מיין זון זאָל ניט זיין לאַנג אַוועק פון מיר, וואָרום מיין ליב איז צוגעבונדן מיט זיין ליב".

און יענע נאַכט האָט יצחק פאַרבראַכט מיט שרה'ן. זי האָט אים געקושט און געהאַלזט און געהאַלטן אין איין זאָגן צו אים: „מיין קינד, ווי קען זיך מיין ליב אָפּשיידן פון דיין ליב?" און צו אברהם'ן האָט זי געזאָגט: „איך בעט דיך מיין האַר, גיב אַכטונג אויף אים, ווייל איך האָב דאָך קיין אַנדער קינד. ער איז דאָך ביי מיר אַן איין און איינציקער. זע פאַרלאָז אים ניט. אַז ער וועט ווערן הונגעריק, גיב אים צו עסן, און אַז ער וועט זיין דאָרשטיק, גיב אים צו טרינקען. לאָז אים ניט גיין צופוס, לאָז אים ניט זיצן אין דער זון, לאָז אים ניט איבער אַליין. און אַז ער וועט דיך עפּעס בעטן, זאָלסטו אים צוליב טאָן". און שרה איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און האָט געהאַלטן אין איין וויינען.

און אברהם איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, וואָרום צו אַ מצוה דאַרף מען זיך דאָך פעדערן, און ער אַליין האָט איינגעשפּאַנט דאָס אייזל. ער האָט ניט געהייסן איינעם פון זיינע קנעכט דאָס טאָן, ווייל די מצוה איז געווען ביי אים שטאַרק אָנגעלייגט. און אָט דאָס אייזל איז באַשאַפן געוואָרן פרייטיק פאַרנאַכט ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. עס איז אויך דאָס זעלביקע אייזל אויף וועלכן משה איז געריטן קיין מצרים, און אויף וועלכן משיח בן דוד וועט רייטן. ער האָט מיטגענומען מיט זיך ישמעאל'ן און זיין קנעכט אליעזר. וואָרום ער האָט זיך געטראַכט, אַז אין דער צייט ווען ער וועט אים מקריב זיין, וועלן זיי דערווייל אָפּהיטן די כלים. און אַ חוץ דעם טאָר דאָך אַן אָנגעזעענער מענטש זיך ניט לאָזן אין וועג אַריין אַליין, אָהן צוויי באַגלייטער.

און שרה האָט גענומען פון די טייערע מלבושים וואָס אבימלך האָט איר געגעבן, און זי האָט אויסגעפּוצט יצחק'ן, אים אָנגעטאָן אַ קאַשקעט אויפן קאָפּ, און אין דעם קאַשקעט האָט זי אַריינגעזעצט אַ טייערן דימענט. און זי האָט זיי מיטגעגעבן שפּייז אויף דעם וועג.

און שרה, און פילע פון אברהם'ס מענטשן האָבן זיי באַגלייט. שרה האָט שטאַרק געוויינט. אויך אברהם און יצחק האָבן געוויינט. און שרה האָט ווידער אַרומגעכאַפּט יצחק'ן, אים געהאַלזט און געקושט, אים געדריקט צו זיך און געשריען: „ווער ווייסט, צי איך וועל דיך נאָך זען, מיין קינד!" זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט, און אברהם און יצחק, אין דער באַגלייטונג פון ישמעאל'ן און אליעזר'ן, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויספאָלגן דעם אויבערשטנס געבאָט.

אויפן וועג צו דער עקידה

גייענדיק אויף דעם וועג, איז דערווייל אויסגעבראכן א קריג צווישן ישמעאל'ן און אליעזר'ן. ישמעאל האט זיך אנגערופן צו אליעזר'ן: „מיין פאטער אברהם גייט דאך מקריב זיין יצחק'ן. איז נאכדעם ווי ער וועט זיך אומקערן, וועט ער דאך מיך מאכן פאר זיין יורש, ווארום איך בין דאך זיין עלטסטער זון".

רופט זיך אבער אן אליעזר: „אברהם האט דאך ארויס־געטריבן דיך און דיין מוטער, און ער האט דאך געשוואוירן אז דו זאלסט אים ניט ירש'ענען, איז ווען זשע וועט ער איבערלאזן זיין פארמעגן, אויב ניט זיין געטרייען און איבערגעגעבענעם קנעכט, וועלכער האט אים געדינט טאג און נאכט". אבער דער רוח הקודש האט זיי געענטפערט: „ניט דער און ניט דער וועלן ירש'ענען. די ירושה וועט געהערן צו איר אייגענטימער".

גייענדיק אזוי אויפן וועג, האט זיך באוויזן דער שטן אין דער געשטאלט פון אן אלטן מענטשן, אן עניו, א דערשלאגענער, און ער האט געפרעגט אברהם'ן: „וואוהין לאזט דו זיך?" „תפילה טאן", ענטפערט אברהם. „אז מען גייט דאווענען, צו וואס זשע דארף מען מיטנעמען א מעסער און האלץ?" פרעגט דער אלטער. „איך ווייס", ענטפערט אברהם, „טאמער קומט אונז אוים זיך צו פארזאמען א טאג אדער צוויי, וועט מען דאך דארפן עפעס שעכטן און קאכן".

זאגט דער שטן: „אלטער! בין איך דען ניט געווען דערביי ווען דער הייליקער, ברוך הוא, האט דיר געזאגט דו זאלסט מקריב זיין דיין זון. און דו אלטער, דו גייסט דער'הרג'ענען א זון וועלכער איז דיר געבוירן געווארן צו הונדערט יאר! און רעכנסטו דען צו האבן נאך א זון! טאמער ברענגסטו אום אט די נשמה, וועסטו דאך דארפן אפגעבן דין!" אבער אברהם האט ניט געוואלט אים הערן.

דער שטן האט געהאלטן אין איין איינריידן אברהם'ן, אז ער זאל דאס ניט טאן, אבער אברהם האט זיך ניט צוגעהערט. ווען דער שטן האט געזען אז זיינע רייד זיינען ארויסגעווארפן, האט ער געזאגט צו אים: „איך האב געהערט מאחורי הפרגוד, פון הינטער דעם הימלישן פארהאנג, אז אנשטאט יצחק'ן וועט א שעפעלע געאפפערט ווערן". אבער אברהם האט אים געענטפערט: „אט דאס איז די שטראף פון א ליגנער, אז אפילו ווען ער זאגט שוין אמת, גלויבט מען אים אויך ניט". און אברהם האט אויף אים אנגעשריען, און ער איז אוועקגעגאנגען.

דערנאָך האָט דער שטן זיך צוריק אומגעקערט, אָבער דאָס מאָל צו יצחק'ן. ער איז פאַר אים דערשינען אין דער געשטאַלט פון אַ יונגן, שיינעם בחור. ער האָט זיך געשטעלט אין יצחק'ס רעכטער האַנט, און ער האָט אים געפרעגט: „וואוהין גייסטו?" „לערנען תורה", ענטפערט יצחק. „ביי דיין לעבן, צי נאָך דיין טויט?" פרעגט אים דער שטן. „וואָס הייסט?" פרעגט יצחק, „איז דען פאַראַן אַ מענטש וואָס לערנט נאָכן טויט?"

און דער שטן האָט אויסגערופן: „אָה דו אומגליקלעכער זון פון אַן אומגליקלעכער מוטער! וויפל תעניתים האָט דיין מוטער צוליב דיר געפאַסט! וויפל תפילות האָט זי געבעטן, ביז זי האָט דיך געבוירן. און איצט קומט אָט דער אַלטער, וואָס פון אַלטקייט איז ער פון זינען אַראָפּ, און פירט דיך שעכטן! צי ווייסטו דען ניט, צי האָסטו דען ניט געהערט, אַז דיין אַלטער נאַרעשער פאָטער פירט דיך היינט שעכטן פאַר גאַרנישט מיט נישט! אַלזאָ, מיין קינד, פאָלג אים ניט, וואָרום דער אַלטער איז אַ נאַר, און זאָל אַזאַ שיינע געשטאַלט ווי דו, אַזאַ טייערע נשמה ווי דו ניט אומקומען פון דער וועלט".

נאָכדעם ווי יצחק האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט, האָט ער געענטפערט: „און פונדעסטוועגן וועל איך דאָך ניט עובר זיין אויף מיין באַשעפערס פאַרלאַנג און אויף מיין פאָטערס געבאָט". און גלייכצייטיק האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיין פאָטער און אַ זאָג געטאָן: „זע, טאַטע, וואָס וויל אָט דער דאָזיקער מאַן,"

„היט זיך פאַר אים", האָט אברהם געענטפערט, „הער זיך ניט צו צו זיינע רייד, און פאָלג אים ניט, וואָרום ער איז אַ שטן וואָס וויל אונז שטערן אויסצופאָלגן היינט דעם אויבערשטנס געבאָט! קוק ניט אויף אים, וואָרום ער איז געקומען בלויז אונז אויסצומאַטערן". אברהם האָט ווידעראַמאָל אָנגעשריען אויפן שטן, און ער איז אַוועק פון זיי. און אברהם און יצחק האָבן פאַר־געזעצט זייער גיין. אברהם איז געגאַנגען בינדן, און יצחק איז געגאַנגען געבונדן ווערן. אברהם איז געגאַנגען שעכטן, און יצחק איז געגאַנגען געשאָכטן ווערן.

ווען דער שטן האָט דערזען אַז ער קען זיי ניט בייקומען, איז ער פאַרשוואונדן. ער איז אַוועק אַ שטיק וועג פאַראויס, פאַר זיי, און ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן טייך אויף דעם וועג אויף וועלכן זיי דאַרפן גיין. ווען אברהם, יצחק, און די צוויי יונגען זיינען געקומען צו יענעם אָרט, האָבן זיי דערזען פאַר זיך אַ גרויסן, ברייטן טייך מיט רוישיקן וואַסער.

האָט אברהם געמאַכט קיינע לאַנגע שהיות, און ער איז גלייך אַריין אין וואַסער, ביז צו די קניעס. „גייט נאָך מיר!" האָט

ער באפוילן די יונגען, און זיי האבן געפאלגט. זיינען זיי אזוי געגאנגען אין וואסער ביז דאס וואסער האט שוין דערגרייכט ביז די העלזער. דערווייל האט אברהם דערקענט דאס ארט, און ער האט געוואוסט אז אויף דעם ארט דארף גאר ניט זיין א טייך.

האט אברהם זיך אנגערופן צו יצחק'ן: „איך קען דעם דאזיקן פלאץ זעהר גוט, און איך ווייס אז דא דארף זיין קיין טייך און קיין וואסער. עס איז ניט אנדערש, נאר ווי דאס מוז זיין דער שטן, וועלכער ווענדעט אן אלע מעגלעכקייטן כדי אונז צו שטערן, מיר זאלן ניט קענען אויספאלגן היינט דעם אויבערשטנס באפעל". אין יענעם מאמענט האט אברהם אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל, און ער האט געזאגט:

„רבונו של עולם! דו האסט מיך אויסגעקליבן און האסט זיך צו מיר אנטפלעקט און געזאגט צו מיר: 'איך בין איינער און דו ביזט איינער, און דורך דיר וועט מיין נאמען באקאנט ווערן אין דער וועלט, און גיי ברענג דיין זון יצחק פאר א קרבן עולה פאר מיר'. האב איך זיך ניט צוריקגעהאלטן, און איך בין איצט זיך עוסק מיט דיין מצוה. אבער דאס וואסער דערגרייכט שוין ביז צום האלז. איז אויב איך אדער מיין זון יצחק ווערט דערטרונקען, ווער זשע וועט דערפילן דיין געבאט? ווער וועט פאראייביקן דיין נאמען?!"

האט דער הייליקער אים געענטפערט: „ביי דיין לעבן, ווי דורך דיר וועט מיין נאמען פאראייביקט ווערן אויף דער וועלט". און טאקע באלד האט דער אויבערשטער אנגעשריען אויפן קוואל. דער טייך איז אויסגעטריקנט געווארן, און זיי זיינען געשטאנען אויף טרוקן לאנד.

אויף דעם דריטן טאג — ניט דעם ערשטן אדער דעם צווייטן, כדי די פעלקער פון דער וועלט זאלן ניט קענען זאגן „ער האט אים פארטומלט, צעמישט פלוצים און אים אראפגעפירט פון זינען. ווען ער זאל געווען האבן צייט זיך מיישב צו זיין וואלט ער דאס ניט געווען געטאן" — האט ער דערזען דאס ארט א מייל פון וויטן.

ווארום פריער איז אט דאס ארט גאר געווען א טאל. נאר אזוי ווי דער הייליקער האט באשלאסן צו מאכן רוען די שכינה אויף אים און צו מאכן א מקדש, האט ער ביי זיך געטראכט, אז עס פאסט ניט פאר א מלך צו רוען אין א טאל, נאר אויף א הויכן, שיינעם ארט, וואס יעדער איינער קען זען. האט ער טאקע באלד א וואונק געגעבן צו דער אומגעגנט פון דעם טאל, אז אלע בערג זאלן זיך פארזאמלען אויף איין ארט און מאכן אן ארט פאר דער שכינה. אויף אט דעם ארט האט אברהם דערזען א

זייל פון פייער אַרויפגיין פון דער ערד ביז צום הימל, און אַ שווערן וואָלקן אויפן באַרג, און דעם אויבערשטנס כבוד אין דעם וואָלקן.

האָט אברהם זיך אָנגערופן צו יצחק׳ן: „האָסטו געזען אויף אָט יענעם באַרג דאָס וואָס איך האָב געזען?" און יצחק האָט אים געענטפערט: „איך האָב געזען אַ פייערדיקן זייל, אַ וואָלקן און דעם אַלמעכטיקנס כבוד אין דעם וואָלקן". האָט אברהם באַלד געוואוסט אַז יצחק איז באַוויליקט געוואָרן אַלס אַן עולה פאַרן אויבערשטן.

און דאַן האָט אברהם זיך געווענדעט צו אליעזר׳ן און צו ישמעאל׳ן: „האָט אויך איר געזען דאָס וואָס מיר האָבן געזען אויף יענעם באַרג?" אָבער זיי האָבן געענטפערט „מיר האָבן געזען קיין שום זאַך, אויסער אַ באַרג ווי אַלע אַנדערע געוויינלעכע בערג".

האָט אברהם פאַרשטאַנען אַז זיי זיינען ניט באַוויליקט פאַרן באַשעפער זיי זאָלן מיטגיין מיט אים. האָט ער צו זיי געזאָגט: „אַזוי ווי איר זעט גאָרניט, און דער דאָזיקער אייזל זעט אויך גאָרניט, איז זיצט זשע דאָ מיטן אייזל, און איך און יצחק וועלן גיין צו יענעם באַרג. מיר וועלן זיך דאָרט בוקן פאַרן אַלמעכטיקן, און דערנאָך וועלן מיר זיך אומקערן". ער האָט אַלזאָ נביאות געזאָגט אַז אויך יצחק וועט זיך אומקערן. ווייל ער האָט דאָך געזאָגט: דערנאָך וועלן מ י ר זיך אומקערן.

זיינען אליעזר און ישמעאל געבליבן אויף יענעם אָרט, אַזוי ווי אברהם האָט זיי געהייסן. אברהם און יצחק זיינען געגאַנגען איבער טאָלן און איבער בערג ביז זיי זיינען געקומען צו יענעם אָרט. און געגאַנגען זיינען זיי ביידע ווי איין מאַן. אברהם וועלכער האָט געוואוסט אַז ער גייט שעכטן זיין זון, איז געגאַנגען מיט דער זעלביקער שמחה ווי יצחק וועלכער האָט פון גאָרניט געוואוסט.

גייענדיק אַזוי אויפן וועג רופט זיך אָן יצחק צו אברהם׳ן: „טאַטע, פייער און האָלץ האָבן מיר, נו און וואו איז דאָס שעפעלע פאַר דעם קרבן?"

ענטפערט אים אברהם: „מיין קינד, דער אויבערשטער האָט דיך אויסדערוויילט פאַר דעם קרבן אויפן אָרט פון דעם שעפעלע".

„אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט דיר געהייסן וועל איך טאָן מיט גרויס פרייד", האָט יצחק זיך אָנגערופן. „איך שווער ביים באַשעפער און ביי דיר, טאַטע, אַז טיף אין הארצן האָב איך גאָרניט קעגן דעם וואָס ער האָט דיר געהייסן. אַ ביין פון מיינע ביינער און פלייש פון מיין פלייש וועט ניט אָפּווייכן פון אַלץ וואָס ער האָט דיר געזאָגט. אדרבה, איך בין געוואַלדיק

צופרידן, און געלויבט איז דער אויבערשטער וואס ער האט מיך אויסדערוויילט פאר דעם קרבן". האט אברהם זיך שטארק געפרייט מיט יצחק'ס ווערטער, און זיי זיינען ביידע ווייטער געגאנגען.

די עקידה

אזוי גיך ווי זיי זיינען געקומען צו יענעם ארט, האט דער הייליקער, געלויבט איז ער, זיך באוויזן צו אברהם'ן און צו אים געזאגט: „אט דאס איז דער מזבח; אויף אים האבן אדם הראשון, קין, הבל, נח און זיינע זין מקריב געווען".

האט יצחק זיך אנגערופן צו אברהם'ן: „טאטע, אייל זיך צו. פארקאטשע די ארבל און בינדט גוט מיינע הענט און מיינע פיס, ווארום איך בין דאך א בחור פון זיבן און דרייסיק יאר, און דו ביזט אלט. איז אז איך וועל דערזען דאס מעסער אין דיין האנט, וועל איך זיך דערשרעקן פון פחד, און קען דיר נאך דערלאנגען, און דערווייל אליין באקומען א מום און פסול ווערן פאר א קרבן. בעט איך דיך, טאטע, אייל זיך צו און טו דעם ווילן פון דיין באשעפער, האלט ניט אויף. גארט אן דיינע לענדן און פארברען מיך גוט. דאס אש מיינס זאלסטו אוועקפירן צו מיין מוטער שרה. לייג עס אריין אין א קעסטל און שטעל עס אוועק אין איר צימער. איז ווען זי וועט אריינגיין אין איר צימער, וועט זי מיט געוויין זיך דערמאנען אן איר זון יצחק".

דערהערנדיק די דאזיקע רייד האט אברהם זיך שטארק צעוויינט. אויך יצחק האט אנגעהויבן וויינען, און ער האט ווידער געבעטן אברהם'ן זיך צו צואיילן צו דערפילן דעם אויבערשטנס ווילן.

האט אברהם געבונדן יצחק'ן די הענט און די פיס פון אונטן, און אלץ צוגעגרייט. יצחק האט אויסגעשטרעקט דעם האלז. דער אויבערשטער איז געזעסן און צוגעקוקט ווי א פאטער בינדט א קינד, און ווי א קינד לאזט זיך בינדן מיט דעם גאנצן הארצן.

אבער ווי נאר אברהם האט גענומען דאס מעסער, איז געקומען דער שטן, האט א שטופ געטאן אברהם'ס האנט, און דאס מעסער איז אים ארויסגעפאלן פון דער האנט.

דערווייל האבן די מלאכים פון רחמים אנגעהויבן בעטן: „אה! הער פון רחמים און גנאד! דו האסט באשאפן הימל און ערד, דו דערהאלטסט דאך אלע ביים לעבן! לייז אוים דיין קנעכט יצחק. דערבארעם זיך אויף אברהם'ן און אויף זיין זון יצחק! דו זעסט דאך ווי יצחק, דער זון פון דיין קנעכט אברהם, ליגט געבונדן

אויף דעם מזבח ווי אַ בהמה געשאָכטן צו ווערן, איז האָב רחמנות אויף אים״.

און די דינסט־מלאכים האָבן געשריען און געוויינט: „האַר פון דער וועלט! דו ווערסט אָנגערופן אַ דערבאַרעמדיקער, ווייל דו האָסט רחמנות אויף אַלצדינג, האָב זשע רחמנות אויף יצחק׳ן. ער איז דאָך אַ מענטש און דאָס קינד פון אַ מענטשן. און ער ליגט גאַר געבונדן פאַר דיר ווי אַ בהמה״.

זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט שורות־ווייז אין הימל און איינע האָט געזאָגט צו דער אַנדערער: זעט, דער איינציקער שעכט, און דער איינציקער ווערט געשאָכטן. און זיי האָבן געזאָגט צום אויבערשטן: ווער וועט זאָגן פאַר דיר ביים ים סוף „זה א־לי ואנוהו״, דאָס איז מיין אויבערשטער, און איך וועל אים באַשיינען. וואָס וועט ווערן פון דיין שבועה „כה יהיה זרעך״, אַזוי (פיל) וועלן זיין דיינע קינדער.

און זיי האָבן געשריען פאַר דעם הייליקן: „וואו איז אברהם׳ס שכר דערפאַר וואָס ער האָט מודיע געווען דיין נאָמען צו די רייזנדיקע? וואו איז אברהם׳ס שכר דערפאַר וואָס ער האָט אַריינגענומען צו זיך אין הויז מענטשן פון אַלע עקן וועלט, זיי געקאָרמעט אומזיסט, נאָר כדי זיי זאָלן מאַכן אַ ברכה? מאַכסטו בטל דעם בונד וואָס דו האָסט געשלאָסן מיט אברהם׳ן, אַז דעם בונד וועסטו מקיים זיין דורך יצחק׳ן! אָט ליגט דאָך דאָס מעסער אויף זיין האַלז! ביז ווען וואַרטסטו?״

אין יענעם מאָמענט האָט אברהם אויפגעעפנט זיין מויל, און ער האָט געשריען מיט גרויס ליאַרם. זיינע אויגן האָבן געשוועבט און געקוקט צו דער שכינה. „אשא עיני אל ההרים, מאין יבוא עזרי, עזרי מעם ה׳ עושה שמים וארץ״, איך הויב אויף מיינע אויגן צו די בערג. פון וואַנען וועט קומען מיין הילף. מיין הילף איז פונעם אויבערשטן, באַשעפער פון הימל און ערד.

און יצחק האָט געזאָגט: טאַטע, דו זאָלסט עס ניט דערציילן דער מאַמען בעת זי שטייט אויפן דאָך אָדער לעבן אַ גרוב, ווייל זי קען נאָך באַגיין זעלבסטמאָרד, און די נשמה איז אים אַרויסגעפלויגן.

טרערן זיינען געפאַלן פון אברהם׳ס אויגן, אוים פאָטערלעכן רחמנות, און זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין יצחק׳ס אויגן. אָבער זיין האַרץ האָט זיך געפרייט צו טאָן דעם באַשעפערס ווילן.

אָבער אַזוי ווי דאָס מעסער האָט דערגרייכט זיין האַלז, איז יצחק׳ס נשמה אַרויסגעפלויגן. דריי טרערן פון די דינסט־מלאכים זיינען אַרונטערגעפאַלן און האָבן פאַרדאַרבן דאָס מעסער. האָט

דער הייליקער באלד א זאג געטאן צו דעם מלאך מיכאל: „וואס שטייסטו! לאז אים ניט!"

האט דער מלאך מיכאל אנגעהויבן רופן: „אברהם! אברהם! וואס טוסטו?!" און געשריען האט ער מיט אזא קול ווי איינער שרייט ווען ער געפינט זיך אין א צרה.

און ער האט געשריען „אברהם, אברהם", צוויי מאל, ווייל דאס איז אן אויסדרוק פון ליבשאפט, באליבקייט אין די הימלישע ספערן. און אויך דערפאר ווייל אברהם איז געווען אזוי פארטיפט, אזוי אריינגעטאן מיט לייב און לעבן מקיים צו זיין די מצוה, אז ער האט פשוט ניט געהערט דאס ערשטע מאל, האט דער מלאך געמוזט אים רופן נאך א מאל.

אברהם האט אויסגעדרייט דאס פנים צו אים, און מיכאל שרייט ווייטער: „וואס טוסטו? טשעפע ניט דאס אינגל".

„ווער ביזטו?" פרעגט אברהם. „איך בין א מלאך", ענטפערט מיכאל. טענה'ט אברהם: „ווען מען האט מיר געזאגט 'נעם דיין זון און ברענג אים פאר א קרבן עולה', האט דער אויבערשטער אליין מיר עס געזאגט. און איצט, אויב דאס איז זיין ווילנטש, זאל ער אליין מיר עס זאגן".

און ער האט געזאגט צו אים: „אפשר ביזטו דער שטן, און דו ווילסט מיך פארפירן". האט מיכאל אים געענטפערט: ניין, איך בין דעם אויבערשטנס שליח. דער הייליקער, געלויבט זיין נאמען, וויל קיין מענטש-קרבן. און דער שטן אליין האט זיך טאקע אנגערופן: „אזוי האב איך געהערט מאחורי הפרגוד, פון אונטער דעם הימלישן פארהאנג, 'שה לעולה', א שעפעלע פאר א קרבן עולה, אבער ניט יצחק'ן פאר א קרבן עולה". אבער אברהם האט אים געענטפערט: „א ליגנער אפילו ווען ער זאגט שוין אמאל אמת, גלויבט מען אים ניט".

„און אויב שוין ניט קוילענען, וועל איך ארויסציען פון אים כאטש א טראפן בלוט". דערויף האט דער מלאך אויסגערופן „ואל תעש לו מאומה", און טו אים גארניט.

און ווי דערקלערט זיך עס טאקע וואס מקריב צו זיין יצחק'ן, האט דער אויבערשטער אליין געזאגט צו אברהם'ן „קח נא את בנך", און אפצושטעלן דאס שעכטן האט ער געזאגט דורך א מלאך?

האט שוין ר' יצחק דינאווער ז"ל געענטפערט דערויף: אויף „אפצושעכטן" א אידן טאר מען קיינעם פאלגן, אפילו ניט א מלאך. דאס מוז מען הערן נאר פונעם אויבערשטן אליין. אבער ווען עס האנדלט זיך וועגן אפראטעווען א אידן מעג מען פאלגן אויך א מלאך.

און אין יענעם מאמענט האט אברהם געזאגט צום אויבערשטן: „האר פון די וועלטן! איין מענטש פרוווט אוים דעם

צווייטן, ווייל ער ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך ביי אים אין הארצן. אָבער דו ווייסט דאָך וואָס דער מענטש טראַכט און פילט, דאַרפסטו אַזוי טאָן? איז דען ניט געווען אָנטפּלעקט פאַר דיר, אַז אויב דו וועסט מיר הייסן מקריב זיין מיין קינד, וועל איך זיך איילן דאָס צו טאָן מיט דעם גאַנצן האַרצן!"

און כאָטש דער מלאך האָט געזאָגט אברהם'ן „אל תשלח ידך", שטרעק ניט אויס דיין האַנט צום אינגל. האָט ער דאָך באַדאַרפט זאָגן „ואל תעש לו מאומה", טו אים גאָרניט, ווייל מען האָט אויבן געוואוסט ווי שטאַרק אברהם'ס ליבשאַפט איז פאַרן אויבערשטן. ער איז אַזוי אייפריק, אַז ער וועט וועלן אונטער אַלע אומשטענדן מקיים זיין די מצוה, און אַפילו איגנאָרירן דעם „אל תשלח ידך". האָט מען פאַרשטאַרקט די וואָרנונג מיטן „ואל תעש לו מאומה", טו אים גאָרניט.

אָבער אברהם האָט גע'טענה'ט צום אַלמעכטיקן: דו האָסט מיר געהייסן שעכטן מיין זון יצחק, און איצט זאָגסטו מיר טו אים גאָרניט! עס שטייט דאָך געשריבן „לא איש א־ל ויכזב", דער אויבערשטער איז דאָך קיין מענטש, ער זאָל זאָגן ליגן!

און דער אויבערשטער האָט אים געענטפערט: איך האָב דען דיר געזאָגט „ושחטהו" און דו זאָלסט אים שעכטן. איך האָב דאָך דיר געזאָגט „והעלהו", דו זאָלסט אים אַרויפברענגען אויפן באַרג. איצט אַז דו האָסט אים אַרויפגעבראַכט, נידער אים אַראָפּ.

איך האָב דיר געזאָגט „כי ביצחק יקרא לך זרע", וואָרום אין יצחק'ן וועט גערופן ווערן דיין זאָמען „לא אחלל את בריתי", וועל איך ניט פאַרשוועכן מיין בונד. איך האָב דיר געזאָגט „קח נא"... נעם דיין זון... „ומוצא שפתי לא אשנה", אָבער דעם אַרויס־קום פון מיינע לעפצן וועל איך ניט ענדערן. איך האָב דיר געזאָגט: נעם אים... אָבער איך האָב דיר ניט געזאָגט שעכט אים. „ולא עלתה על לבי", עס איז מיר אַפילו ניט אַרויפגעקומען אויפן זינען.

האָט דער הייליקער באַלד אויפגעעפנט דעם הימל און דעם נעפּל, און ער האָט געזאָגט: „עס איז פאַר מיר אַנטפּלעקט, אַז ווען איך זאָל דיר הייסן מקריב זיין זיך אַליין, וועסטו דאָס טאָן".

„איז פאַרוואָס זשע האָסטו מיר אַזעלכעס געטאָן?" פרעגט אברהם.

„איך האָב געוואָלט דיך באַקאַנט מאַכן אין דער וועלט, מען זאָל זען אַז ניט אומזיסט האָב איך דיך אויסגעקליבן פון אַלע פעלקער", ענטפערט דער אויבערשטער.

אָבער אברהם באַשטעהט: „איך וועל ניט אַראָפּנידערן פון דעם מזבח, ביז איך וועל זאָגן אַלץ וואָס איך האָב צו זאָגן".

און דער אויבערשטער זאָגט אים: „זאָג וואָס דו האָסט צו זאָגן".

און אברהם הויבט אָן. „האָסטו מיר ניט געזאָגט אַז פון מיר וועסטו אויפשטעלן אַ גאַנצע וועלט?"

„יאָ", ענטפערט דער אויבערשטער.

„פון וועמען?" פרעגט אברהם. און דער אויבערשטער ענטפערט „פון יצחק'ן".

„זעסטו", זאָגט אברהם, „האר פון דער וועלט, דו האָסט געוואוסט אַז ווען דו האָסט מיר געהייסן מקריב זיין יצחק'ן, האָב איך געהאַט וואָס דיר צו ענטפערן. און ווען איך זאָל דיר געוועןענטפערן, וואָלסטו ניט געוועןגעהאַט וואָס מיר צוריק צו ענטפערן. וואָרום איך האָב דאָך געקאָנט דיר זאָגן: נעכטן זאָגסטו מיר 'פון יצחק'ן וועסטו האָבן קינדער' און איצט הייסטו מיר אים שעכטן! אָבער איך האָב דיר ניט געענטפערט. נאָר איך האָב זיך געמאַכט ווי אַ טויבער וואָס הערט ניט און ווי אַ שטומער וואָס עפנט ניט דאָס מויל. איז דערפאַר ווען יצחק'ס קינדער וועלן גע'משפט ווערן פאַר דיר אין דעם טאָג, ראש השנה; וויפל אָנקלעגער עס זאָלן אויף זיי ניט אויפשטיין, איז פונקט ווי איך האָב געשוויגן און דיר ניט געענטפערט, אַזוי אויך זאָלסטו זיך ניט צוהערן צו זיי. ווען יצחק'ס קינדער וועלן זינדיקן און פאַרקריכן אין אַ צרה, זאָלסטו זיי געדענקען יצחק'ס עקידה, און דו זאָלסט עס פאַררעכענען גלייך ווי זיין אַש ליגט אויפן מזבח, זיי פאַרגעבן און זיי אויסלייזן פון זייער אומגליק".

האָט דער הייליקער זיך אָנגערופן: „דו האָסט געזאָגט דאָס דייניקע, און איך וועל זאָגן דאָס מייניקע. יצחק'ס קינדער וועלן זינדיקן, און איך וועל זיי משפט'ן ראש השנה. איז אויב זיי ווילן אַז איך זאָל געפינען אַ זכות אויף זיי און זיי געדענקען די עקידת יצחק, זאָלן זיי בלאָזן שופר!"

„וואָס איז אַזעלכעס אַ שופר?" פרעגט אברהם. „דו ווייסט ניט?" זאָגט דער אויבערשטער. „ניין", ענטפערט אברהם. „דריי זיך אוים", זאָגט דער אויבערשטער, און אויסדרייענדיק זיך דערזעט אברהם אַ ווידער פאַרטשעפּעט מיט די הערנער אין די דערנער. און אָט דער ווידער איז איינער פון די צען זאַכן וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן פרייטיק פאַרנאַכט פון דער וועלט-שאַפונג.

דערווייל, אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט געלאָזט הערן זיין שטימע, האָט די נשמה זיך צוריק אומגעקערט צו יצחק'ן. און אברהם האָט געמאַכט די ברכה ברוך אתה... מחיי המתים. אברהם האָט אים צוריק אויפגעבונדן, און יצחק האָט זיך אויפגעשטעלט. אָבער אַזוי ווי אברהם האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין אָהן אַ קרבן, האָט דער אויבערשטער אים געהייסן מקריב זיין

דעם ווידער. דער שטן האָט זיך אַפילו אַריינגעמישט און געוואָלט שטערן. וואָס זשע האָט דער ווידער געטאָן? ער האָט אויס־געשטרעקט די לאַפּע צו אברהם׳ן און אים אָנגעכאַפּט ביים מלבוש. איז געגאַנגען אברהם און האָט אים באַפרייט פון די דערנער, אים מקריב געווען אָנשטאָט יצחק׳ן, און ביי יעדער צערעמאָניע האָט ער געזאָגט: „יהי רצון, אז דאָס זאָל זיין גלייך ווי איך האָב מקריב געווען מיין זון".

אברהם האָט געזאָגט: „האַר פון דער וועלט, דו זאָלסט באַ־טראַכטן (ה׳ יראה) דעם ווידערס בלוט גלייך ווי עס וואָלט זיין מיין זון יצחק׳ס בלוט. דעם ווידערס טיילן, וועלכע איך בין מקריב, זאָלסטו באַטראַכטן ווי מיין זון יצחק׳ס טיילן. דו זאָלסט עס (זען) באַטראַכטן פונקט ווי איך וואָלט פריער מקריב געווען מיין זון יצחק, און דערנאָך האָב איך געאָפּפערט דעם ווידער אויף זיין אָרט".

אגב, ווען מען זאָגט „הרי זו תחת זו, הרי זו תמורת זו, הרי זו חלופי זו", דאָס זאָל זיין פאַר דעם, דאָס זאָל ערזעצן דאָס, דאָס זאָל פאַרבייטן דאָס, איז דאָס פאַרבייטן, ערזעצן גילטיק.

און קיין זאַך פונעם איל איז געגאַנגען פאַרלוירן. זיין אַש איז דער יסוד וואָס איז אויפן אינעווייניקסטן מזבח. זיינע צען אָדערן (פעדעם) זיינען די צען סטרונעס פון דוד המלך׳ס פידעלע. זיין פעל האָט געדינט אַלס גאַרטל פאַר אליהו הנביא׳ס לענדן. זיין לינקער האָרן האָט געלאָזט הערן זיין קול ביים באַרג סיני. זיין רעכטער האָרן, וואָס איז גרעסער פונעם לינקן, וועט בלאָזן ביי קיבוץ גליות, ווען אַלע אידן וועלן איינגעזאַמלט ווערן קיין ארץ ישראל.

און ער ווערט אָנגערופן איל און ניט כבש, ווייל כבש מיינט אַ יונגאַ, און איל מיינט אַן עלטערער כבש. און אויך ווייל איל איז אַן אָנדייט אויפן פאָלק ישראל וואָס ווערט אָנגערופן אילת השחר.

האָט דער אויבערשטער געזאָגט דעמאָלט צו אברהם׳ן: זעסטו, ווען דיינע קינדער וועלכע וועלן אויפשטיין נאָך דיר וועלן זיך פאַרטשעפּען אין עבירות, און זיי וועלן נעמען די הערנער פון אַ ווידער און בלאָזן, וועל איך געדענקען עקידת יצחק און וועל זיי גע־רעכט מאַכן ביים דין. און פונקט ווי דער שופר, מען בלאָזט אַריין דורך איין זייט און דאָס קול גייט אַרויס דורך דער אַנדערער זייט, אַזוי אויך דיינע קינדער, וויפל אָנקלעגער עס זאָלן אויפשטיין קעגן זיי, וועל איך דורך איין זייט אַריינפירן און דורך דער אַנדערער זייט אַרויספירן.

אין יענעם מאָמענט האָט אברהם געזאָגט צום אויבערשטן: „האַר פון דער וועלט! איך ריר זיך ניט פון דאַנען ביז דו וועסט מיר שווערן, אַז דו וועסט מיך קיינמאָל מער פרואוון! וואָרום

ווען איך וואלט דיך ניט געווען געהערט, וואלט איך דאך געווען פארלוירן אלץ וואס איך האב זיך דערווארבן מיין גאנץ לעבן". „ביי דיין לעבן אז אזוי איז דאס", ענטפערט אים דער אלקעגנווארטיקער, „ווען דו וואלסט מיך ניט געווען געפאלגט, וואלסטו איצט גארניט געהאט". און אין אט יענעם מאמענט האט דער אויבערשטער אים געשווואירן, אז ער וועט אים קיינמאל מער פארגעסן. „ביי דיין לעבן", זאגט ער צו אים, „אז שווערע יסורים און פארשידענע נסיונות האבן באדארפט קומען אויף דיר. אבער איצט ביזטו פון זיי באפרייט. די יסורים וועלכע וועלן אנגעשיקט ווערן אויף איוב'ן, האבן באדארפט קומען אויף דיר אבער איצט ביזטו באפרייט פון זיי".

און ער האט אים געגעבן צוויי ברכות, איינע פאר אים און איינע פאר יצחק'ן. איך וועל בענטשן און מערן דיינע קינדער ווי די שטערן אין הימל און ווי דאס זאמד אויפן ברעג ים און דיין זאמען וועט ירש'נען דעם טויער פון זיינע פיינט. אין דיינע קינדער וועלן זיך בענטשן אלע פעלקער פון דער וועלט דערפאר וואס דו האסט זיך צוגעהערט צו מיין קול. ווען ניט דאס וואלט אלץ פארלוירן געגאנגען, וואלטן הימל און ערד ניט געקענט עקזיסטירן.

און דער הייליקער האט אים געוויזן דאס בית המקדש פארניכטעט און געבויט, פארניכטעט און געבויט. און אברהם האט גערופן דאס בית המקדש „יראה". האט דער אלקעגנווארטיקער זיך געטראכט: אויב איך וועל עס רופן „שלם" ווי שם (נח'ס זון) האט עס גערופן, וועל איך דאך איגנארירן דעם נאמען „יראה" וואס דער צדיק אברהם האט אים געגעבן. וואס זשע האט דער אויבערשטער געטאן? ער איז געגאנגען און האט באהעפטביידע ווערטער צוזאמען, און ער האט עס גערופן „ירושלים". און נאכדעם ווי אברהם האט געענדיקט די עבודה, האבן מלאכים אוועקגעפירט יצחק'ן אין שם'ס בית המדרש אריין, ער זאל דארט לערנען, און ער איז דארט פארבליבן גאנצע דריי יאר.

[אגב, עס זיינען פאראן מיינונגס-פארשידנהייטן:

אברהם האט אים גענומען אהיים, און ער אליין האט געלערנט מיט אים תורה;

ער האט אים אוועקגעפירט אין עבר'ס ישיבה;

מלאכים האבן אים אוועקגעפירט אין דער ישיבה פון שם בן נח;

ער איז געבליבן דריי יאר ביים בארג מוריה ביז ער איז אלט געווארן פערציק יאר, און האט חתונה געהאט מיט רבקה'ן;

דער אויבערשטער האָט אים אַריינגענומען אין גן עדן אריין אויף דריי יאָר].

אברהם האָט זיך אומגעקערט צו ישמעאל'ן און אליעזר'ן, און זיי האָבן זיך געלאָזט צוריק קיין באר שבע.

און אומגעקערט האָט אברהם זיך פונעם באַרג מוריה אינעם זכות פון „ונשתחוה", פון בוקן זיך.

אויפן וועג אַ היים פונעם באַרג מוריה האָט אברהם געטראַכט וואָס יעדער פאָטער טראַכט ווען ער האָט אַ דערוואַקסענעם זון. ער האָט געטראַכט וועגן אַ שידוך פאַר יצחק'ן. כאָטש, שטייענדיק נאָך ביים באַרג מוריה אויף וועלכן ער האָט געזאָלט אָפּפערן יצחק'ן פאַר אַ קרבן, איז אים אָנגעזאָגט געוואָרן די בשורה אַז רבקה, יצחק'ס באַשערטע, איז געבוירן געוואָרן.

דערווייל, בעת אברהם און יצחק זיינען געווען אויפן באַרג מוריה, האָבן ישמעאל און אליעזר זיך געשפּאַרט. ישמעאל האָט געזאָגט אַז נאָך אברהם'ס שעכטן יצחק'ן וועט ער אים ירש'ענען. אליעזר האָט אים געזאָגט: ניין, דיין פאָטער האָט דיך שוין לאַנג אַרויסגעטריבן. איך בין זיין הויפּט-פאַרוואַלטער, וועל איך אים ירש'ענען. ווען אברהם האָט זיך אומגעקערט אַליין (וישב) אָהן יצחק'ן, האָבן זיי געמיינט אַז ער האָט אים געשאָכטן. אויף זייער פראַגע „וואו איז יצחק?" האָט ער זיי געענטפערט אַז ער איז אין שם'ס ישיבה.

שרה'ס פטירה

אין צווישן איז דער שטן אַוועק צו שרה'ן. ער האָט זיך באַוויזן פאַר איר אין דער געשטאַלט פון אַן אַלטן מאַן, און ער האָט געזאָגט צו איר: „ווייסטו גאָרניט וואָס אברהם האָט היינט געטאָן יצחק'ן? ער האָט גענומען יצחק'ן, אים געבונדן אויף דעם מזבח. יצחק שרייט און וויינט, אָבער קיינער קוקט זיך ניט אום אויף אים. קיינער דערבאַרעמט זיך ניט אויף אים". אָט אַזוי האָט דער שטן איבערגע'חזר'ט זיינע רייד צו שרה'ן, און ער איז פאַרשוואונדן.

ווען שרה האָט דאָס געהערט, האָט זי געמיינט, אַז דאָס איז טאַקע אַ געוויינלעכער מענטש, וועלכער האָט זיך געפונען נעבן איר זון, און ער איז ספּעציעל געקומען איר דאָס דערציילן. האָט שרה אָנגעהויבן צו וויינען און צו קלאָגן. זי האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד, געשאָטן ערד אויף איר קאָפּ, און זי

האט געזאגט: „מיין קינד, הלואי וואלט איך היינט געשטארבן אויף דיין ארט. ווי צו מיר וואס איך האב דיך אויסגעהאדעוועט. אז מיין פרייד זאל פארוואנדלט ווערן אין טרויער. נייענציק יאר בין איך אלט געווען ווען איך האב דיך געבוירן, און איצט ביזטו פארצערט געווארן פון מעסער און פייער. מיין איינציקע טרייסט איז וואס דו האסט דערפילט זיין ליבן נאמענס ווילן. ווארום ווער קען עס עפעס עובר זיין אויף דעם אויבערשטנס רייד. יעדנס לעבן איז דאך ביי אים אין דער האנט. דו ביזט גערעכט, גרויסער פאטער אין הימל, און דיינע מעשים זיינען גערעכטע. איך פריי זיך מיט דיין געבאט. בלויז מיין אויג וויינט ביטער, אבער דאס הארץ פרייט זיך".

און דאן האט זי זיך אויפגעהויבן און איז געגאנגען ארום פרעגן צי מען האט ניט געזען איר זון יצחק. זי איז געגאנגען קיין חברון, און יעדן איינעם וואס זי האט באגעגנט האט זי געפרעגט. אבער קיינער האט געקאנט איר עפעס זאגן. זי האט ארויסגעשיקט אירע דינסטן און קנעכט זוכן אברהם'ן און יצחק'ן, האבן זיי געזוכט אומעטום און ניט געפונען.

אין צווישן האט דער שטן זיך נאכאמאל באוויזן פאר שרה'ן אין דער געשטאלט פון א מענטשן, און ער האט צו איר געזאגט: „איך האב דיר געזאגט ליגן, איך האב דיך אפגענארט. אברהם האט יצחק'ן ניט געשאכטן, און יצחק לעבט".

ווען שרה האט דאס דערהערט איז זי אזוי שוואך געווארן פון שמחה, אז די נשמה איז איר אויף דער שטעלע אויסגעגאנגען. זי איז אלט געווען הונדערט און זיבן און צוואנציק יאר ווען זי איז געשטארבן, אין חודש מרחשון.

זי האט בעדארפט לעבן אברהם'ס יארן, נעמלעך הונדערט און פינף און זיבעציק. אבער דערפאר וואס זי האט געזאגט „ישפוט ה' ביני ובינך", זאל דער אויבערשטער משפט'ן צווישן מיך און דיך, איז איר לעבנס-שפאן פארמינערט געווארן אויף אכט און דרייסיק יאר.

ווען אברהם איז צוריקגעקומען פון דעם בארג מוריה, האט ער געטראפן שרה'ן א טויטע. ער האט זי באוויינט און געזאגט „אשת חיל", און ער האט זיך אויפגעהויבן צו גיין זוכן א קבר פאר אירט וועגן. און כאטש דער אויבערשטער האט אים געזאגט: „שטיי אויף, צי אין לאנג אין דער לייטג און אין דער ברייט, ווארום דיר וועל איך עס געבן", פונדעסטוועגן אין דעם מאמענט ווען ער האט ניט געהאט א פלאץ צו באערדיקן שרה'ן, האט ער געפרעגט קיין קשיות אויפן אויבערשטן.

אברהם קויפט די מערת המכפלה

אברהם איז אַוועק צו די קינדער פון חת, די איינוואוינער פונעם לאַנד, און ער האָט צו זיי געזאָגט: „איך בין דאָ אַ פרעמדער, פון אַן אַנדער לאַנד. איך האָב זיך דאָ באַזעצט מיט אייך, גיט זשע מיר אַ שטיקל פּלאַץ צו באַערדיקן מיין טויטן. איך בעט פּלאַץ בלויז פאַר איין מת״.

און אברהם האָט געגלוסט צו דער מערת המכפלה פאַר פאָלגענדיקן אינצידענט:

ווען ער האָט איינגעלאַדן די דריי מלאכים צום עסן, איז דער „בן בקר״, יונגרינד, אַנטלאָפן, און ער איז אַריין אין דער מערת המכפלה. „ואל הבקר רץ אברהם״, און אברהם איז אים נאָכגעלאָפן. ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער מערת המכפלה, האָט ער געזען ווי אדם הראשון און חוה ליגן אויף בעטן און זיי שלאָפן. עס ברענען ליכט איבער זיי, און אַ גאָר גוטער ריח האָט געשמעקט. האָט ער דערפאַר געגלוסט די מערת המכפלה פאַר אַ קבר.

אגב, דער פּסוק זאָגט „ואל הבקר רץ אברהם״, הבקר אַנטהאַלט די אותיות קברה (אויך הקבר). אַ רמז, אַן אָנדייט אַז דאָס דאָזיקע אָרט איז פאַר קבורה.

האָבן די קינדער פון חת אים געענטפערט: „דו ביזט אַ קעניג איבער אונז, דו ביזט אַ האַר איבער אונז, דו ביזט אַ גאָט איבער אונז! אין די בעסטע פון אונזערע קברים קענסטו באַגראָבן דיינע מתים, קיין מענטש פון אונז וועט דיר אָפּזאָגן זיין קבר״.

אָבער אברהם האָט זיי געענטפערט: „די וועלט האָט אַ מלך און אַן אויבערשטן״. און ער האָט זיך פאַר זיי פאַרבוקט און געזאָגט: „אויב איר ווילט איך זאָל באַערדיקן מיין מת, איז בעט עפרון׳ען. זייט מעקלערס צווישן אונז, און ווירקט ער זאָל מיר געבן די מערת המכפלה, וואָס געפינט זיך צום סוף פון זיין פעלד, און איך וועל אים דערפאַר באַצאָלן וויפל ער וויל״.

אין יענעם טאָג האָבן זיי באַשטימט עפרון׳ען פאַר אַן עלצטן. וואָרום עס פּאַסט דאָך ניט, אַז אַזאַ גרויסע פּערזענלעכקייט ווי אברהם זאָל קויפן פון אַ געוויינלעכן מענטשן, און זיי האָבן געזאָגט צו עפרון׳ען: „פאַרקויף די מערת המכפלה אברהם׳ען״. האָט ער געענטפערט: „איך וועל זי אים ניט פאַרקויפן״. „אויב דו פאַרקויפסט זי אים ניט, מאַכן מיר דיך פאַר אויס עלצטן״, האָבן זיי אים געוואָרנט.

האט עפרון געזאגט צו אברהם'ן: „אלץ וואס דו פאר־לאנגסט וועט דיין קנעכט טאן. פאר געלט אבער קענסטו דאס ניט קויפן. איך גיב עס דיר אזוי".

„אומזיסט וועל איך ניט נעמען, איך וויל פון דיר אפקויפן פאר געלט די מערת המכפלה און דאס פעלד, צו באנוצן עס פאר א קבר", האט אברהם געזאגט.

„נעם דיר די הייל און דאס פעלד, און וויפל דו ווילסט אזויפיל גיב", זאגט עפרון.

„איך וויל דאס קויפן פאר דעם פולן פרייז סיי פון דיר און סיי פון דיינע קינדער און פון אלע איינוואוינער אויף אייביק", זאגט אברהם.

האט עפרון געזאגט צו אברהם'ן: „מיין האר, הער מיך צו, וואס פאר א ראלע שפילט א שטיקל לאנד וואס איז ווערט פיר הונדערט זילבער שטיק צווישן אזעלכע פריינט ווי מיר ביידע! איז פארגעס וועגן דעם פרייז און באערדיק דיין מת".

האט אברהם אים אפגעוואויגן פיר הונדערט זילבער שטיק. זיי האבן אפגעשריבן א קאנטראקט און פיר עדים, נעמלעך אמיגל דער זון פון אבישוע החתי, אליחורף דער זון פון אשונש דער חוי, עבדון דער זון פון אחירע פון גרר, און עקדיל דער זון פון אבודיש דער צידוני, האבן אים גע'חתמ'עט. דעם קאנטראקט האט אברהם באהאלטן. און געשריבן איז אין אים געווען אז: אברהם האט אפגעקויפט די הייל און דאס פעלד פון עפרון החתי און אויך פון זיינע קינדער, פון אלע איינוואוינער פון דער שטאט און פון זייערע קינדער אויף אייביק, פאר זיך און פאר זיינע נאכקומענדיקע פאר א קבר. דער משא ומתן איז געשלאסן געווארן אין קעגנווארט פון אלע. און באלד איז דאס פעלד געשטיגן. ווארום עס איז איבערגעגאנגען פון די הענט פון א פשוט'ן מענטשן אין די הענט פון אזא גרויסע פערזענלעכקייט ווי אברהם.

די מערת המכפלה איז איינע פון די דריי זאכן וועגן וועלכע די פעלקער פון דער וועלט קענען ניט זאגן אז די אידן האבן זיי גע'גזל'ט. די אנדערע צוויי זאכן זיינען יוסף'ס קבר און דאס בית המקדש. אונזער פאטער יעקב איז געווען זעהר קלוג. ער האט פאראויסגעזען אז די ניט־אידישע שכנים אין ארץ ישראל וועלן אוועקנעמען די מערת המכפלה, האט ער באשריבן מיט אלע איינצלהייטן די טראנזאקציע וועלכע זאל באווייזן אז זי געהערט אונז.

פאר זיין פטירה האט יעקב אנגעזאגט זיינע קינדער:

„קברו אותי אל אבותי אל המערה אשר בשדה עפרון החתי. במערה אשר בשדה המכפלה אשר על פני ממרא בארץ כנען,

אשר קנה אברהם את השדה מאת עפרן החתי לאחזת קבר. שמה קברו את אברהם ואת שרה אשתו, שמה קברו את יצחק ואת רבקה אשתו, ושמה קברתי את לאה. מקנה השדה והמערה אשר בו מאת בני חת״.

„קברו אותי אל המערה״, באַגראָבט מיך נאָר אין דער מערה, הייל, „אשר בשדה עפרון החתי״, וועלכע געפינט זיך אין עפרון החתי׳ס פעלד, און ניט אין איינער פון די אַנדערע מערות, היילן, וועלכע געפינען זיך דאָרט.

אָבער אַזוי ווי עס איז שוין זיבעצן יאָר אַז איך האָב פאַרלאָזט ארץ ישראל. קען דאָך זיין אַז עפרון׳ס יורשים האָבן עס דערווייל אַוועקגענומען. זאָלט איר ווייזן דעם קאָנטראַקט, נעמלעך „אשר קנה אברהם את השדה״, אַז אברהם האָט געקויפט דאָס פעלד.

טאָמער, ווידער, וועלן זיי טענה׳ן אַז דער פאַרקויפער האָט געהאַט קיין רעכט עס צו פאַרקויפן. זאָלט איר וויסן אַז עס איז געקויפט געוואָרן פון „עפרן החתי״. און ער איז געווען דער נשיא, דער הויפּט, דער פירער, דער הערשער.

און אויב זיי וועלן טענה׳ן אַז דער פּלאַץ איז פאַרקויפט געוואָרן צו באַאַרבעטן, ניט אויף אַ קבר. זאָלט איר וויסן אַז עס איז געווען „לאחוזת קבר״. עס איז געווען בפירוש, אויס־דריקלעך פאַר אַ בית הקברות.

וועלן זיי, ווידער, טענה׳ן אַז דער מסחר, די טראַנזאַקציע איז ניט גילטיק מער, ווייל די גאַנצע צייט האָבן די קויפערס עס ניט באַנוצט. זאָלט איר זיי זאָגן אַז „שמה קברו את אברהם ואת שרה אשתו״, דאָרט האָט מען באַערדיקט אברהם׳ן און זיין ווייב שרה.

קען זיך דאָך מאַכן אַז ישמעאל׳ס קינדער זאָלן טענה׳ן אַז זיי זיינען גלייכבאַרעכטיקטע יורשים. זאָלט איר זיי זאָגן אַז „שמה קברו את יצחק ואת רבקה אשתו״, אַז דאָרט האָט מען באַערדיקט יצחק׳ן און זיין ווייב רבקה. דאָס באַווייזט דאָך קלאָר, אַז ישמעאל׳ס קינדער האָבן פאַרציכטעט, אָפּגעטראָטן זייער רעכט צו יצחק׳ס קינדער.

און אויב עס וועלן קומען עשו׳ס קינדער מיט דער זעלבער טענה אַז זיי זיינען גלייכבאַרעכטיקטע יורשים. זאָלט איר זיי דערקלערן „ושמה קברתי את לאה״, דאָרט האָב איך באַערדיקט לאה׳ן. נעמלעך, דאָס רעכט איז איבערגעגאַנגען צו מיר.

און אויב די אַלגעמיינע איינוואוינער וועלן טענה׳ן אַז עפרון האָט גאָרניט געהאַט דאָס רעכט צו פאַרקויפן. ער האָט אַזוי געטאָן ווייל ער איז געווען דער הערשער. אָבער דאָס רעכט צו

פארקויפן האט ער ניט געהאט. זאלט איר ווימן אז „מקנה השדה והמערה אשר בו מאת בני חת", אז דער מסחר איז געקומען צו שטאנד אין קעגנווארט פון אלע. אלע איינוואוינער האבן צוגעשטימט צו דער טראנזאקציע, צום מסחר.

און אברהם האט געבראכט שרה'ן צו קבורה מיט גרויס כבוד, פונקט ווי מען באערדיקט א קעניג. מען האט זי מקבר געווען אין שיינע, טייערע קליידער. און ביי דער מטה האבן זיך געפונען שם דער זון פון נח, זיין זון עבר, אבימלך, ענר, אשכול, ממרא, און אלע גרעסטע פערזענלעכקייטן. אברהם האט געמאכט א רירנדיקן הספד, און ער איז געזעסן שבעה נאך איר.

אברהם בעט אַלטקייט

ביז אברהם אבינו'ס צייטן איז ניט געווען אזא מין זאך ווי אלטקייט, און מען פלעגט ניט דערקענען צווישן א פאטער און א זון. ווארום א מענטש פלעגט לעבן הונדערט און צוויי הונדערט יאר און פלעגט ניט אלט ווערן. איז טאקע ווער עס האט געזען אברהם'ן פלעגט מיינען אז דאס איז יצחק, און ווער עס פלעגט זען יצחק'ן פלעגט מיינען אז דאס איז אברהם.

האט אברהם אנגעהויבן בעטן דעם אויבערשטן אז עס זאל זיין אזא מין זאך ווי עלטער, כדי מען זאל דערקענען צווישן א פאטער און א זון. ער האט גע'טענה'ט: „האר פון די וועלטן! א טאטע און א זון קומען אן אין אן ארט, ווייסט דאך קיין מענטש וועמען ער זאל צוטיילן כבוד. ווייל ער ווייסט דאך ניט ווער עס איז דער טאטע, און ווער עס איז דער זון! אבער אז דו וועסט אים באשיינען מיט עלטער, וועט א מענטש וויסן וועמען ער דארף אפגעבן כבוד. דו דארפסט מאכן אן אונטערשייד צווישן פאטער און זון, צווישן יונג און אלט, אז דער איינגערער זאל אפגעבן כבוד דעם עלטערן".

האט דער הייליקער אים געענטפערט: „ביי דיין לעבן, ווי דו מאנסט א גוטע זאך, און טאקע מיט דיר וועל איך אנהויבן". און אברהם איז טאקע געווארן גרייז גרוי. ער האט זיך געלייגט שלאפן. און ווען ער איז אויפגעשטאנען אינדערפרי, האט ער געזען ווי די האר פונעם קאפ און פון דער באָרד זיינען ווייס. האט ער געזאגט: „רבונו של עולם! האסט מיך געמאכט פאר א ביישפיל!" האט דער אלמעכטיקער אים געענטפערט: „עלטער איז די קרוין פון שיינקייט". און דערפאר וואס אברהם

האָט געגעבן צדקה, האָט ער זוכה געווען צו עלטער, און ער האָט זיך אויך קונה געווען ביידע וועלטן.

נאָך שרה'ס טויט, האָט דער אויבערשטער געבענטשט אברהם'ן, כדי מען זאָל ניט זאָגן, אַז ביז איצט פלעגט אים דער אויבערשטער בענטשן נאָר צוליב שרה'ן. און געבענטשט האָט ער אים דערפאַר, ווייל ער פלעגט געבן מעשר פון אַלצדינג, און עס איז ניט געווען אַ ברכה אין דער וועלט, מיט וועלכער ער האָט אים ניט געבענטשט. אדרבה, אויף דער עלטער האָט ער אים געמאַכט נאָך גרעסער ווי אין זיין יוגנט. ער האָט אים געגעבן אַ טאָכטער מיט דעם נאָמען בכל. ער האָט אים געגעבן כוח ביייצוקומען דעם יצר הרע. ער האָט אים געבענטשט מיט חכמה, פאַרשטאַנד, וויסן, שכל, מיט רייכקייט, מיט קינדער און קינדס-קינדער. ער האָט אים געגעבן די וועלט און יענע וועלט. ער האָט אים געבענטשט אַז עשו זאָל ניט ווידערשפעניקן ביי זיין לעבן, אַז ישמעאל זאָל תשובה טאָן ביי זיין לעבן, אַז אין זיינע אוצרות זאָל גאָרניט פעלן, און ער וועט אים שוין מער ניט שטעלן צו נסיונות, פּרוּוואוּנגען.

די צען נסיונות

מיט צען נסיונות האָט דער אויבערשטער געפּרוּווט אַב-רהם'ן, און ער האָט אויסגעהאַלטן, ער איז בייגעשטאַנען אַלע צען:

א) ווען אברהם איז געבוירן געוואָרן האָבן נמרוד'ס האַרן געוואָלט אים דערמאָרדן. מען האָט אים אויסבאַהאַלטן אונטער דער ערד דרייצן יאָר. און ער האָט ניט געזען די זון און די לבנה. נאָך דרייצן יאָר צייט איז ער אַרויסגעגאַנגען פונעם באַהעלטעניש. ער האָט פאַר'מיאוס'ט די אָפּגעטער און זיך פאַרזיכערט אינעם שאָטן פון זיין באַשעפער. ער האָט געזאָגט „ה' צבאות אשרי אדם בוטח בך", אויבערשטער פון צבאות, וואויל דעם מענטשן וועלכער פאַרזיכערט זיך אין דיר.

ב) מען האָט אים איינגעזעצט אין טורמע אויף צען יאָר, דריי יאָר אין כותא און זיבן יאָר אין קרדו, לויט אַן אַנדער מיינונג דריי יאָר אין קרדו און זיבן יאָר אין כותא. פון דאָרט האָט מען אים געבראַכט און אַריינגעוואָרפן אין קאַלך-אויוון, און דער מלך הכבוד האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט, און האָט אים אַרויסגעראַטעוועט. ווי אין פסוק שטייט „ויאמר אליו אני ה' אשר הוצאתיך מאור כשדים", און ער האָט געזאָגט צו אים, איך בין ה' וועלכער האָט דיך אַרויסגעפירט פון אור כשדים.

ג) „לך לך", ער האט באדארפט פארלאזן זיין לאנד, זיין געבורטס-ארט, זיין פאטערס הויז. קומענדיק קיין חרן איז אים אפגעשטארבן זיין פאטער תרח און זיין מוטער אמתלאי. און וואנדערונג איז דאך פארן מענטשן שווערער פון אלץ.

ד) זינט הימל און ערד זיינען באשאפן געווארן איז ניט געווען א הונגער ביז אברהם'ס צייטן, און ניט אין אלע לענדער, נאר בלויז אינעם לאנד כנען, כדי אים אויסצופרואוון, און אים מאכן ציען קיין מצרים. ווי אין פסוק שטייט „ויהי רעב בארץ וירד אברם מצרימה", און עס איז געווען א הונגער אין לאנד, און אברם האט גענידערט קיין מצרים.

ה) פרעה האט אוועקגענומען פון אים זיין ווייב שרה. איז דען פאראן א מאן וועלכער זעט ווי א פרעמדער נעמט אוועק זיין ווייב, און ער צעררייסט ניט זיינע קליידער?!

ו) ווען אמרפל און אלע זיינע חברים האבן געוואלט אים דערמארדן, פריער לוט'ן און דערנאך אים.

ז) ווען דער אויבערשטער האט אים געזאגט „אל תירא אברם", האב קיין מורא, אברם. איך בין דיין באשיצער, דיין שכר איז זעהר פיל. און ווען ער זאגט אים אז ער איז דאך קינדערלאז, ענטפערט אים דער אויבערשטער אז זיינע קינדער וועלן זיין אזוי פיל אז מען וועט ניט קענען זיי איבערציילן, פונקט ווי מען קען ניט איבערציילן די שטערן. און אברהם האט געגלויבט אין ה'.

ח) ווען דער אלמעכטיקער האט געהייסן דעם נייען און נייענציק יאריקן אברהם'ן מל זיין זיך און זייניקע.

ט) ווען שרה האט געפאדערט פון אברהם'ן ער זאל אוועקשיקן הגר'ן מיט ישמעאל'ן, איז דאס אים זעהר ניט געווען צום הארצן. האט דער אויבערשטער געזאגט צו אים „כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה", אלץ וואס שרה זאגט דיר זאלסטו פאלגן.

י) ווען דער אויבערשטער האט געהייסן אברהם'ן פירן יצחק'ן צו דער עקידה.

אליעזר ברענגט רבקה'ן

אין אט יענע טעג האט אברהם מהרהר געווען. ער האט זיך געטראכט: ווען יצחק וואלט געווען געשטארבן אויפן בארג מוריה, וואלט איך דאך געווען געבליבן קינדערלאז. איצט אז עס איז געשען א נס און יצחק איז געבליבן לעבן וועל איך אים חתונה מאכן מיט ענר'ס, אדער אשכול'ס, אדער ממרא'ס א טאכטער.

זיי זיינען דאָך צדקניות. אַ יחוס, וואָס גייט עס מיך אָן! האָט דער אויבערשטער אים געזאָגט: דאַרפסט זיך ניט קימערן, זאָרגן, וועגן דעם. יצחק׳ס זיווג, רבקה, איז שוין געבוירן געוואָרן.

ער האָט מהרהר געווען, ער האָט זיך געטראַכט: מיין זון יצחק איז דאָך הייליק. ער איז דאָך אינגאַנצן „עולה". ווי זשע קען ער חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון כנען?!

איז שטייענדיק נאָך ביים באַרג מוריה איז אים אָנגעזאָגט געוואָרן די בשורה אַז רבקה, יצחק׳ס זיווג, איז געבוירן געוואָרן.

ער האָט מורא געהאַט פאַר יסורים. האָט דער אַלמעכטיקער אים געזאָגט: זאָרג זיך ניט וועגן דעם, האָב קיין מורא. עס איז שוין דאָ ווער עס זאָל זיי מקבל זיין, נעמלעך איוב.

ער האָט זיך געטראַכט: אפשר איז געפונען געוואָרן אין יצחק׳ן אַ פסול, דערפאַר איז ער ניט אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ קרבן. איז אַרויסגעגאַנגען אַ בת קול און האָט געזאָגט „לך אכול בשמחה לחמך", גיי עס מיט פרייד דיין ברויט.

אין יענע טעג האָט אברהם גערופן אליעזר׳ן, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אברהם, האָט געוועלטיקט איבער זיין יצר הרע ווי אברהם, איז געווען אַ פאַרשטאַנדיקער קנעכט און דער אויפזעער איבער אברהם׳ס הויז. איז אליעזר אַריינגעקומען צו אים, און אברהם האָט געזאָגט צו אים:

„איך בין שוין אַלט, און ווייס ניט ווען איך וועל שטאַרבן. וויל איך אַז דו זאָלסט ברענגען יצחק׳ן אַ ווייב פון מיין פאָטערס הויז פון חרן. איך באַשווער דיך אַז דו זאָלסט ניט נעמען פאַר אים אַ ווייב פון דעם לאַנד פון די טעכטער פון כנען, צווישן וועלכע מיר וואוינען. דו זאָלסט גיין אין מיין געבורטסלאַנד, און דער אויבערשטער וועלכער האָט מיך אַהער געבראַכט און מיר צוגעזאָגט דאָס לאַנד, ער וועט שיקן זיין מלאך פאַר דיר, און דו וועסט מצליח זיין". און ער האָט אים געוואָרנט ניט צו גיין צו די טעכטער פון ענר, אשכול און ממרא.

האָט אליעזר זיך געטראַכט צי זיין אייגענע טאָכטער איז ווערט צו זיין יצחק׳ס ווייב. און אויב דאָס מיידל וואָס ער וועט וועלן פאַר יצחק׳ן וועט ניט וועלן גיין, וועט ער אים געבן זיין טאָכטער. האָט אָבער אברהם געזאָגט צו אים: „דו ביזט פאַרשאָלטן, און מיין זון איז געבענטשט, און אַ פאַרשאָלטענער קען זיך ניט באַהעפטן מיט אַ געבענטשטן".

„אָבער וואָס וועט זיין אַז זי וועט ניט וועלן מיטגיין", פרעגט אליעזר, „זאָל איך אומקערן דיין זון אין דיין געבורטס-לאַנד?"

„דו זאלסט זיך ניט דערוועגן אומצוקערן מיין זון אין מיין געבורטסלאנד, ווארום דער אלמעכטיקער פאר וועלכן איך גיי, וועט דיר שיקן א מלאך, און ער וועט באגליקן דיין וועג", ענטפערט אים אברהם. „און טאמער וועט זי ניט וועלן מיטגיין, ביזטו פריי פון מיין שבועה, און נעם פאר זיינעטוועגן א ווייב פון די טעכטער פון ענר, אשכול און ממרא. אבער מיין זון אהין זאלסטו ניט צוריקפירן".

און טאקע אין דעם מאמענט ווען אברהם אבינו האט געזאגט „ער וועט שיקן פאר דיר זיין מלאך", האט דער אויבערשטער אנגעגרייט צוויי מלאכים, איינער וועלכער זאל ארויסברענגען רבקה'ן, און איינער וועלכער זאל באגלייטן אליעזר'ן.

אליעזר האט געטאן ווי אברהם האט אים געהייסן. ער האט אויך געשוואוירן. אליעזר האט גענומען צען קעמלען, און אברהם האט אים געגעבן א כתב, א דאקומענט, אז אלץ וואס ער פארמאגט געהערט יצחק'ן. דאס האט ער געטאן, כדי עס זאלן זיך געפינען בעלנים וועלכע וועלן וועלן געבן זייער טאכטער יצחק'ן פאר א ווייב. און אליעזר האט אויך מיטגענומען צען פון זיין הארם קנעכט.

אליעזר און די צען קנעכט האבן זיך געלאזט קיין חרן, די שטאט וואו נחור און תרח האבן געוואוינט. פון קרית ארבע קיין חרן געדויערט געווינלעך זיבעצן טעג, אבער אליעזר האט עס געמאכט אין דריי שעה. דער אויבערשטער האט געוואלט טאן חסד מיט יצחק'ן, האט ער געשיקט א מלאך פאר אליעזר'ן, איז דער וועג אים אנטקעגן געשפרונגען, און פון הימל האט מען אים געלויכטן מיט פונקן און מיט בליצן. אליעזר האט זיך טאקע געוואונדערט און געזאגט: זע נאר, ערשט היינט בין איך ארויס אין וועג, און היינט בין איך אנגעקומען אהער!

אזוי ווי אליעזר האט זיך אוועקגעלאזט אין וועג אריין, האט אברהם געשיקט צו שם ועבר, און מען האט געבראכט יצחק'ן אהיים קיין באר שבע.

ווען אליעזר איז אנגעקומען, האט ער געלאזט די קעמלען רוען אויסערהאלב דער שטאט נעבן א ברונעם, פארנאכט צו, ווען די שעפערינס קומען צום ברונעם. און ער האט געבעטן צום אויבערשטן: „האר פון מיין האר אברהם, איך בעט דיך שיק מיר צו דאס רעכטע. טו חסד מיט מיין האר און שיק מיר צו היינט א ווייב פון זיין משפחה פאר זיין זון. איך שטיי היינט ביים קוואל וואסער, און די טעכטער פון די איינוואוינער פון דער שטאט קומען שעפן וואסער. איז דאס מיידל, וועלכער איך וועל

זאָגן: ׳בויג איין, איך בעט דיך, דיין קרוג און איך וועל טרינקען׳, און זי וועט זאָגן ׳טרינק און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען׳, איז אַ סימן אַז זי איז ווערט צו זיין יצחק׳ס ווייב, און אַריינגעבראַכט צו ווערן אין אברהם׳ס הויז אַריין״. און כאָטש אליעזר האָט ניט געבעטן ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָרום וואָס וואָלט ער געווען געטאָן, ווען אַ דינסטמיידל קומט אַרויס און טרינקט אים אָן, וואָלט ער אויך זי געווען גענומען פאַר אַ ווייב פאַר יצחק׳ן? אָבער דער אַלמעכטיקער האָט אים צוגעשיקט די רעכטע. און געבעטן האָט ער „חסד״ פאַר אברהם אָבינו, ווייל אַפילו אברהם אָבינו אין ווען־מענס זכות „חסד״ עקזיסטירט אויף דער וועלט, האָט אויך באַדאַרפט חסד.

און ווען אליעזר איז אַזוי געשטאַנען און געבעטן, איז רבקה, די טאָכטער פון בתואל דער זון פון מלכה וועלכע איז געווען דאָס ווייב פון נחור, אברהם׳ס ברודער, אַרויסגעקומען מיט דעם קרוג אויפן אַקסל. דאָס מיידל איז געווען אַ זעהר שיינע און אַן אַנשטענדיקע, ניט ווי די אַנדערע מיידלעך פון יענער צייט, און זי האָט זיך געלאָזט צום ברונעם. ווי נאָר דאָס וואַסער האָט זי דערזען, האָט עס זיך אויפגעהויבן. האָט זי אָנגעפילט דעם קרוג, און זיך געלאָזט צוריקגיין.

ווען אליעזר האָט דערזען ווי דאָס וואַסער האָט זיך אויפגעהויבן פאַר אירעטוועגן, איז ער געלאָפן איר אַנטקעגן, און האָט געזאָגט צו איר: „גיב מיר, איך בעט דיך, אַ זופּ וואַסער פון דיין קרוג״. האָט זי געענטפערט: „טרינק, מיין האַר״. זי האָט גיך אַראָפּגעלאָזט דעם קרוג פון איר אַקסל אויף איר האַנט, אים אָנגעטרונקען און געזאָגט צו אים: „אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען״, און זי האָט אַזוי געטאָן.

איז אליעזר געשטאַנען און האָט זיך שטאַרק געוואונדערט. ער האָט געזען אַז ער האָלט ביים מצליח זיין. אָבער ער האָט ניט געוואוסט, צי זי איז פון אברהם׳ס משפחה צי ניט.

נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעטרונקען די קעמלען, האָט ער איר געגעבן גאָלדענע און זילבערנע מתנות, אויך צוויי בראַסלעטן קעגן די צוויי לוחות, צען שטיקער גאָלד קעגן די עשרת הדברות. דאַן האָט ער זי געפרעגט וועמענס טאָכטער זי איז, און צי עס איז פאַראַן פּלאַץ אין איר פאָטערס הויז איבערצונעכטיקן איין נאַכט. ער איז געווען זיכער אַז אין אברהם׳ס זכות וועט ער מצליח זיין.

האָט זי געענטפערט אין דער אָרדענונג ווי ער האָט גע־פרעגט. זי האָט אים געזאָגט אַז זי איז בתואל׳ס טאָכטער, און אַז

עס איז אויך פאראן פלאץ איבערצונעכטיקן מערערע נעכט און אויך האבער און שטרוי פאר די קעמלען.

האט אליעזר געדאנקט דעם אויבערשטן וואס ער האט אים צוגעשיקט דעם רעכטען זיווג. דאס מיידל איז געלאפן אהיים און האט דערציילט וואס מיט איר האט געטראפן. ווען איר ברודער לבן האט דערזען דעם נאז-באנד, האט ער א זאג געטאן אז דאס מוז זיין א רייכער מאן, און ער האט געווארפן אן אויג אויפן געלט. איז ער אים אנטקעגן געלאפן און האט אים געזאגט: „געבענטשטער זאל זיין דיין קומען, וואס שטייסטו אויפן גאס? עס איז דאך ניט פאר דיין כבוד צו שטייען אויף דער גאס. איך האב דאך אויסגערוימט דאס הויז פון עבודה זרה!” און לבן האט אים אזוי פיין אויפגענומען, ווייל ער האט געמיינט אז דאס איז אברהם, ווארום אליעזר האט אויסגעזען ווי אברהם.

האט אליעזר אנגענומען די איינלאדונג. מען האט אויפגע-צוימט די קעמלען, זיי געגעבן עסן, און אליעזר'ן און זיינע מענטשן האט מען געגעבן וואסער אפצוואשן די פיס. מען האט אויך געגעבן אים א מאלצייט, אבער עס איז געווען אין אים סם צו טויטן אליעזר'ן. האט אליעזר אבער געזאגט אז צו ערשט וויל ער אפזאגן וואס ער דארף, און ער האט זיי דערציילט דעם גאנצן ענין.

האט לבן זיך אנגערופן, ווארום א רשע שפרינגט ארויס און רעדט פארן טאטן, און דאן בתואל: אזוי ווי עס איז נגזר געווארן ביי דעם בארג מוריה אז רבקה זאל זיין יצחק'ס ווייב, קענען מיר ניט זיין דאגעגן. אט האסטו רבקה'ן, נעם זי און זאל זי ווערן דאס ווייב פון דיין הארס זון. דערווייל האט דער מלאך גבריאל איבערגערוקט אליעזר'ס שיסל צו בתואל'ן. בתואל האט פארזוכט פון דעם עסן, און ער איז באלד געשטארבן.

דערהערנדיק זייערע ווערטער, האט אליעזר זיך שטארק געפרייט און געלויבט דעם אויבערשטן. און ער האט געגעבן רבקה'ס מוטער דבורה און איר ברודער לבן זילבערנע און גאלדענע מתנות, אויך קליידער, זאנגען, נים, און זיי האבן געגעסן.

גאנץ פרי האט אליעזר דערזען ווי א מלאך ווארט אויף אים אויף דער גאס. האט ער געוואלט זיך לאזן אהיים, האבן רבקה'ס מוטער און ברודער געזאגט: „זאל דאס מיידל זיין מיט אונז נאך א יאר אדער צען חדשים, און דאן וועט זי גיין”. אבער אליעזר האט געבעטן מען זאל אים ניט צוריקהאלטן. האבן זיי געענטפערט מען זאל פרעגן רבקה'ן, און רבקה האט געזאגט: „איך גיי קעגן אייער ווילן”. רבקה איז דאן אלט געווען דריי

יאָר (לויט אַן אַנדער מיינונג צען יאָר), און זיי האָבן מיט איר מיטגעשיקט איר אַם דבורה, די טאָכטער פון עוץ.

צוועלף אַזייגער ביי טאָג איז אליעזר אַרויס פון חרן. און כדי רבקה זאָל ניט זיין אַ נאַכט מיט דעם קנעכט, איז אים דער וועג אַנטקעגן געשפּרונגען, און דריי אַזייגער ביי טאָג, אַרום מנחה צייט איז ער אָנגעקומען קיין חברון מיט רבקה'ן.

יצחק און רבקה

און יצחק איז אַרויסגעגאַנגען אין פעלד אַריין דאַוונען מנחה, און ער האָט דערזען ווי קעמלען קומען אָן. ווען רבקה האָט דערזען ווי ער שטייט פאַרטיפט אין דאַוונען, האָט זי זיך געטראַכט אַז דאָס מוז אַודאי זיין אַ גרויסער מענטש, בפרט נאָך ווען זי האָט דערזען אַז ער זעט אויס ווי אַ מלאך. האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט פון דעם קעמל, אָבער די ערד האָט זי ניט באַרירט, און זי האָט אַ פרעג געטאָן אליעזר'ן: „ווער איז אָט דער שיינער מאַן וועלכער גייט אונז אַנטקעגן?" „דאָס איז מיין האַר", האָט אליעזר געענטפערט. האָט רבקה זיך פאַרדעקט מיט דעם שלייער.

און אליעזר האָט דערציילט יצחק'ן אַלע נסים וועלכע האָבן מיט אים פּאַסירט, אַז דער וועג איז אים אַנטקעגן געשפּרונגען, און רבקה איז אים צוגעשיקט געוואָרן.

יצחק האָט געבראַכט רבקה'ן אין זיין מוטערס געצעלט אַריין, און באַלד האָט ווידער אָנגעהויבן לייכטן דאָס ליכט וואָס איז אויסגעגאַנגען ווען שרה איז געשטאָרבן.

יצחק האָט גענומען רבקה'ן פאַר אַ ווייב. ער האָט זי ליב געהאַט, ווייל זי האָט זיך געפירט ווי זיין מוטער, און אַלץ איז געוואָרן אַזוי ווי עס פלעגט זיין ביי שרה'ס לעבצייטן. אַזוי לאַנג ווי שרה האָט געלעבט, איז אַ וואָלקן געווען אָנגעבונדן צו דער טיר פון איר געצעלט. און ווען שרה איז געשטאָרבן, האָט דער וואָלקן זיך אָפּגעטאָן. אָבער ווען רבקה איז געקומען, האָט דער וואָלקן זיך אומגעקערט. אַזוי לאַנג ווי שרה האָט געלעבט, זיינען די טירן געווען ברייט אָפן. ווען זי איז געשטאָרבן האָט אויפגעהערט די ברייטקייט. און ווען רבקה איז געקומען, זיינען די טירן ווידער געשטאַנען ברייט אָפן. אַזוי לאַנג ווי שרה האָט געלעבט, פלעגט הערשן אַ ברכה אינעם טייג. מיט שרה'ס טויט איז די ברכה פאַרשוואונדן. מיט רבקה'ס אָנקומען האָט די ברכה זיך אומגעקערט. אַזוי לאַנג ווי שרה האָט געלעבט, האָט אַ ליכט געברענט פון איין שבת ביי נאַכט ביז צום אַנדערן. מיט איר טויט האָט דאָס ליכט אויפגעהערט צו ברענען. מיט רבקה'ס אָנקומען האָט דאָס ליכט ווידעראַמאָל אָנגעהויבן צו ברענען.

און נאכדעם ווי יצחק האט געטרויערט נאך זיין מוטער שרה דריי יאר, האט ער גענומען רבקה'ן פאר א ווייב. ווארום אזוי לאנג ווי א מוטער לעבט, איז מען צוגעבונדן צו איר, און אז זי שטארבט געפינט מען א טרייסט אין דער ווייב. און יצחק איז אלט געווען פערציק יאר ווען ער האט חתונה געהאט מיט דער צען יאריקער (לויט אן אנדער מיינונג, דריי יאריקער) רבקה, זיין קוזין (שני בשלישי) בתואל'ס טאכטער.

אברהם האט חתונה מיט קטורה'ן

האט זיך אבער יצחק א טראכט געטאן: איך האב גענומען א ווייב, און מיין פאטער איז אהן א ווייב! וואס זשע האט ער געטאן? איז ער געגאנגען און האט אים געבראכט א ווייב. האט אברהם גענומען א ווייב מיט דעם נאמען קטורה, נעמלעך הגר. מען האט זי גערופן קטורה ווייל אירע מעשים זיינען געווען אזוי פיין ווי „קטורת", ווייהרויך. און זי האט אים געבוירן זעקס זין: זמרן, יקשן, מדן, מדין, ישבק און שוח. אבער אין שרה'ס געצעלט אריין האט ער זי ניט אריינגעלאזט.

אז עס איז געקומען די צייט ווען אברהם האט געוואלט בענטשן זיינע קינדער, האט ער זיך געטראכט: אויב איך וועל בענטשן יצחק'ן, וועלן דאך ישמעאל'ס און קטורה'ס קינדער זיין אין כלל. זאל איך ווידער ישמעאל'ס און קטורה'ס קינדער ניט בענטשן, ווי זשע קען איך בענטשן יצחק'ן! האט ער באשלאסן: אזוי ווי איך בין דאך ניט מער ווי א בשר ודם, היינט בין איך דא און מארגן בין איך אין קבר, און איך האב דאך שוין מיינס אפגעטאן, איך האב זיי דאך שוין געבראכט אויף דער וועלט. איז פון איצט אן און ווייטער, וואס דער אלמעכטיקער וויל, זאל ער טאן אויף זיין וועלט, און ער האט אים ניט געבענטשט.

אברהם האט אוועקגעגעבן יצחק'ן אלץ וואס ער האט פארמאגט. און דאס פארמעגן וואס ער האט זיך דערווארבן דורך שרה'ן, און גלאט מתנות וואס מען האט אים געגעבן, האט ער אוועקגעגעבן הגר'ס קינדער, ווייל ער האט ניט געוואלט הנאה האבן פון זיי.

און אזוי ווי אברהם איז געווען אזוי הויך ווי פיר און זיבעציק מענטשן, האט געגעסן פאר פיר און זיבעציק מענטשן און האט געהאט כוח פאר פיר און זיבעציק מענטשן, האט ער אויס-געבויט אן אייזערנע שטאט, און ער האט אריינגעזעצט דארט די זעקס זין. אזוי הויך איז זי געווען ארומגעבויט אז די זון האט ניט געקענט אריינשיינען. האט אברהם זיי געגעבן בריליאנטן און

טייערע שטיינער. און ווען דער אויבערשטער וועט פאַרשעמען די לבנה און די זון, וועלן די דאָזיגע שטיינער לייכטן.

אברהמ׳ס צוואה

און צו יצחק׳ן האָט אברהם געזאָגט: „דו ווייסט דאָך און דו האָסט דאָך געהערט אַז עס איז פאַראַן בלויז איין פאָטער אין הימל און ניט מער. ער האָט מיך אַרויסגענומען פון מיין פאָטערס הויז, פון מיין געבורטס-לאַנד, מיך געראַטעוועט פון דעם קאַלך-אויוון, פון די בייזוויליקע רשעים, ווייל איך האָב געטרויט אין אים. ער האָט מיך געבראַכט אַהערצו, און מיר אַלץ געגעבן. עס פעלט מיר גאָרניט. ער האָט מיר צוגעזאָגט און צו מיר געזאָגט: ׳דיינע קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד, און זיי וועלן עס ירש׳ענען, דורך אָפּהיטן מיינע מצוות און מיינע געזעצן, מיינע לערעס, מיינע דינים וועלכע איך האָב דיך געבאָטן און וועלכע איך וועל זיי געביטן׳. איצט, מיין קינד, הער וואָס איך זאָג דיר אָן. היט אָפּ דיין אויבערשטנס געבאָט וואָס איך היים דיר. דו זאָלסט ניט אָפּקערן פון דעם גראַדן וועג רעכטס אָדער לינקס, כדי עס זאָל דיר זיין גוט, און דיינע קינדער נאָך דיר, אויף אייביק. געדענק דעם אַלמעכטיקנס וואונדער און זיין גענאָד, וואָס ער האָט מיט אונז געטאָן. ער האָט אונז געראַטעוועט פון אונזערע פיינט. טו זשע ווי איך זאָג דיר, און דו זאָלסט לערנען דיינע קינדער זיי זאָלן גיין אין דעם גראַדן וועג, וועט אויך זיי זיין גוט״.

האָט יצחק געענטפערט: „אַלץ וואָס מיין האר געבאָט מיר וועל איך טאָן. פון דעם אויבערשטנס געבאָט וועל איך זיך ניט אָפּקערן. אַלץ ווי דו האָסט מיר געבאָטן וועל איך אָפּהיטן״.

אברהמ׳ס פטירה

און אין יענער צייט ווען יעקב און עשו זיינען אַלט געווען פופצן יאָר, איז אברהם געשטאָרבן אין אַ גוטער עלטער — וואָרום ישמעאל האָט תשובה געטאָן ביי זיין לעבן — פון אַן אינעווייניקס-טער קראַנקייט פון וועלכער מערסטע צדיקים שטאַרבן. ער איז אַלט געווען הונדערט און פינף און זיבעציק יאָר. געדאַרפט האָט ער, אייגענטלעך, לעבן נאָך לענגער. נאָר כדי ער זאָל ניט זען ווי זיין אייניקל עשו גייט אַרויס לתרבות רעה, גייט אין שלעכטע און אויסגעלאַסענע וועגן, זיינען אים די יאָרן פאַרקירצט געוואָרן. און טאַקע אין דעם טאָג ווען אברהם איז נפטר געוואָרן, האָט עשו עובר געווען אויף פינף עבירות: ער האָט געהאַט געשלעכטלעכע

באַציאונגען מיט אַ פאַרלאָבט מיידל, ער האָט גע'הרג'עט אַ מענטשן, געלייקנט אינעם באַשעפער, געלייקנט אין תחית המתים, און האָט אוועקגעגעבן די בכורה (עס זיינען פאַראַן אַנדערע מיינונגען).

און געשטאָרבן איז אברהם ניט דורך דעם מלאך המות. וואָרום פונקט אַזוי ווי דער יצר הרע האָט געהאַט איבער אים קיין שליטה, אַזוי האָט אויך דער מלאך המות געהאַט איבער אים קיין שליטה. און דעם טייערן שטיין, וואָס פלעגט הענגען אויף אברהם'ס האַלז, און ווען אַ קראַנקער האָט אים געזען, איז ער באַלד אויסגעהיילט געוואָרן, האָט דער אויבערשטער אויפגעהאַנגען אויף דעם זון־ראָד.

ווען די איינוואוינער פון דעם לאַנד כנען האָבן דערהערט אַז אברהם איז געשטאָרבן, זיינען זיי אַלע מיט זייערע מלכים, זייערע הארן געקומען אים באַגלייטן צו זיין אייביקער רו. אויך אַלע איינוואוינער פון דעם לאַנד חרן, און אברהם'ס אַלע פאַר־וואַנדטע, און אַלע גרויסע מענטשן פון יענער צייט זיינען געקומען. זיי האָבן אַלע אָפּגעגעבן אברהם'ן גרויס כבוד, און זיי האָבן געטרייסט זיין זון יצחק.

שם און עבר זיינען געגאַנגען פאַר דער מטה. מען האָט אים געבראַכט צו דער מערת המכפלה וואָס ער האָט אָפּגעקויפט פון עפרון החתי און זייניקע פאַר אַ קבר, און יצחק און ישמעאל האָבן אים געבראַכט צו רו. געווען איז דאָס אַכט און דרייסיק יאָר נאָך שרה'ס טויט. און ער רוט דאָרט אין שרה'ס אָרעמס. אויף יענער וועלט איז דאָך ניט פאַראַן אַ יצר הרע.

אין יענעם טאָג זיינען אַלע גרעסטע מענטשן פון דער וועלט געשטאַנען אין אַ שורה, און זיי האָבן געזאָגט: „וויי צו דער וועלט וואָס האָט פאַרלוירן דעם פירער, וויי צו דער שיף וואָס האָט פאַרלוירן דעם קאַפּיטאַן".

און אַלע איינוואוינער פון כנען, און אַלע די וועלכע האָבן געקענט אברהם'ן, האָבן געוויינט אַ גאַנץ יאָר. אויך ווייבער און קינדער האָבן געטרויערט אויף אים. ווייל ער איז געווען אַ רעכטפאַרטיקער מענטש סיי מיטן אויבערשטן סיי מיט לייט. און עס איז טאַקע נאָך ניט געווען אַ מענטש וועלכער האָט מורא געהאַט פאַרן באַשעפער פון דער פריסטער יוגנט ביז צום טויט ווי אברהם.

אברהם זיצט ביי דער טיר פון דעם גיהנום און לאָזט ניט אַריין אַהין די גע'מל'טע אידן. דעם אויבערשטנס ליבע צו אברהם'ן איז איבערגעגאַנגען צו יצחק'ן.

ספרים פון אום פּאַבלישינג קאָ.

משניות מיט פאַרגרעסערטע אותיות, מיט די פירושים תפארת ישראל, ברטנורא, עיקר תוספות יום טוב, און מיט די קונטרסים זרע אמונה, דבר בעתו, חוסן רב, אבי עזר, דרוש אור החיים, חומר בקודש, יבקש דעת, מסגרת זהב, אין זעקס פראַכטפולע בענדער, קנאַפּע פיר טויזנט זייטן.

פרקי רבי אליעזר, מיט דעם פירוש הרד״ל פון גאון ר׳ דוד לוריא ז״ל.

מכילתא, הוצאת מאיר איש שלום, איינער פון די עלטסטע הלכה׳שע מדרשים, פאַרפאַסט פון די תנאים.

ספרא (תורת כהנים), מיט דעם פירוש פון ראב״ד ז״ל, און מיט דער מסורת התלמוד.

ספרי, הוצאת מאיר איש שלום, אַן אַלטער מדרש, פאַרפאַסט פון די תנאים.

מדרש תהלים, המכונה שוחר טוב, הוצאת באבער, פון וועלכן די שפּעטערע מדרשים האָבן געשעפּט.

ספר האמונות והדעות, פון רבינו סעדיה גאון, ז״ל.

מורה נבוכים, פון רמב״ם ז״ל מיט די פירושים „שם טוב״, „אפודי״, „קרשקש״, „אברבנאל״, „ביאור הנרבוני״.

ספר הכוזרי, פון ר׳ יהודה הלוי ז״ל מיט די פירושים „קול יהודה״ און „אוצר נחמד״.

פירוש התורה לרשב״ם, עדיציע דוד ראזין.

ציון לדרש, פון ר׳ שרגא פייבש פרענקעל ז״ל, אַנטהאַלט אַלע מאמר חז״ל פון תלמוד בבלי און ירושלמי.

שאלות ותשובות עונג יום טוב אויף אורח חיים, יורה דעה, חושן משפט, אבן העזר, פון ר׳ רפאל יום טוב ליפמן היילפּרין, ז״ל.

הכתב והקבלה, פון ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג ז״ל. עס איז אַ געניאַלער פירוש וואָס דערקלערט די תורה לויט דרש און הלכה און אַנטהאַלט אַן אונערשעפּלעכן קוואַל פון וויסן.

חיי היהודי על פי התלמוד, פון ר׳ יצחק סובאַלסקי ז״ל, אַ וואונדערבאַרע באַשרייבונג פון דעם אידנ׳ס לעבן אין אַלע צווייגן פון לעבן, באַזירט אויף איבער דריי טויזנט מאמרי חז״ל.

לפלגות ראובן, על כל סדר נזיקין.

געקליבענע פּערל, דרשות אויף אַלע סדרות, מגילות און ימים טובים, פון דר. ישראל וו. מאַרקוס ז״ל.

קולומבוס היהודי, ערשטער ראָמאַן אין העברעאיש פון שאול ספּיר.

דער בעל תשובה, ראָמאַן וועגן ווילנער גאון ז״ל און זיין צייט, פון שאול ספּיר.

דער ווילנער גאון, פון פסח מאַרקוס.

ביכער פון דר. אהרן ראָזמאַרין

לכבוד שבת

אייגנאַרטיגע געדאַנקען אויף אַלע פיר און פופציג סדרות, און אויף מאַנכע ימים טובים, וואָס שפּרודלען מיט תורה און חכמה פון אונזערע חכמים, גאונים און גדולי התורה ז״ל, און אַנטהאַלטן הונדערטער אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון גדולי ישראל, משלים, מאמרי חז״ל און גלאַט גוטע ווערטלעך.

„...עס האָט אַלע פאָלקסטימלעך־רעליגיעזע חן׳ען...

דר. א. מוקדוני

„...דורכגעפלאָכטן מיט טרעפלעכע מעשיות, צוגעפּאַסטע אַנעקדאָטן און גלייך־ווערטלעך... האַלט דעם לייענער געשפּאַנט...״

יעקב גלאַטשטיין

„...אַ ספר אָנגעפּיקעוועט מיט מעשה׳לעך ווי אַ מילגרוים מיט קערנער...״

חיים ליבערמאַן

„...אַן אוצר פון מאמרי חז״ל, מעשיות, משלים און גלייך־ווערטלעך ...אַ שלל מיט אויסטייטשן און חסידישע מאמרים...״

א. פּעטשעניק

„...דאָס בוך הייסט טאַקע „לכבוד שבת״, אָבער עס וואָלט באַדאַרפט הייסן „לכבוד אַלע טעג פון דער וואָך״... ווייל וועלכן טאָג אין דער וואָך איר זאָלט דאָס בוך לייענען, וועט איר דערפילן דעם הויך פון שבת׳דיקייט...״

אהרן ניסענזאָן

* * *

די שעהנקייט פון אידענטום

דאָס בוך באַהאַנדלט אויף אַ פּאָפּולערן אופן אַזעלכע וויכטיגע און אינטערעסאַנטע טעמעס ווי וואָס די אידישע לערע האָט צו זאָגן וועגן: אמת און ליגן, אויפריכטיקייט און חנופה, לשון הרע, ליבשאַפט, און פיינטשאַפט, רחמנות און גרויזאַמקייט, גמילות חסד און פּראָצענט, צדקה, פאַרגינען און מקנא זיין, רעספּעקטירן און באַליידיגן, באַשיידנקייט און חוצפה, געדולד און אויפרעגונג, אייניקייט און צעשפּליטערטקייט, בילדונג און עם הארצות, לערער און פּירער, אַרבעטער און אַרבעטס־געבער, די פרוי, שלום און מחלוקת, דעמאָקראַטיע און נאָך וויכטיגע טעמעס.

„...דאָס בוך איז וואַרעם און מיט באַגייסטערונג געשריבן... און די וואַרעמקייט פאַרכאַפּט אייך, און ציט אייך אַריין אין אַ וועלט פון ברודערלעכקייט, פון ליבע, רחמים און מענטשלעכקייט...

דר. ראָזמאַרין לייגט אויס סיסטעמאַטיש די גאַנצע אידישע עטיק... און דער לייענער באַקומט אַ קלאָרן און פולן באַגריף וועגן דעם מהות פון דער אידישער עטיק...״

דר. א. מוקדוני

„...זייענדיג אַ בקי אין אידישן וויסן און אין אידישער טראַדיציע, אַזוי גוט ווי אין וועלטלעכן וויסן, און זייענדיג אַ שריפטשטעלער מיט אַ היפשער מאָס פון פּאָעטישער אויפפאַסונג פון לעבן, האָט דער מחבר אַרויסגענומען דאָס שעהנסטע און דאָס תמצית׳דיגע פון דער אידישער לערע און אידישער וועלטאַנשויאונג, און אויפגעשטעלט אַ בנין אין אַ פשוט׳ער, זאַפטיגער אידישער פאָלקס־שפּראַך, וואָס פאַרכאַפּט אייך מיט זיין שעהנקייט...״

אהרן ניסענזאָן

„...אויף אַ זעהר פּאָפּולערן, לייכט פאַרשטענדלעכן אופן גיט איבער דער פאַרפאַסער די וויכטיגסטע מאָראַלישע לערעס פון אידנטום...״

חיים ליבערמאַן